STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 19227

# FUN HEYM TSU NA-VANAD

## Lena Rozenberg-Jedvab

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-19227-9

D:\YIDDISH\TITLES\978065719223T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

## לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב

# פֿון היים צו נע־ונד



## מלחמה־טאָגבוך 1941-1945

פּאַריז 1999

פֿאַר סאַמי, פֿלאָר, דאָטי
און זייער נאָכוווּקס

# SANS FEU NI LIEU
## Carnet d'errance 1941 - 1945

בילד אויף דער הילע : „דאָס מיידעלע מיט צוויי לאַנדשאַפֿטן“ פֿון יאָסל בערגנער

צוגעגרייט צום דרוק : נאַטאַליאַ קריניצקאַ

פּאַריז 1999

לזכר
דער מאַמען פֿריידע־ריווע,
דעם טאַטן לייב,
דעם ברודער משהל
און דער שוועסטער שׂרהלע
אומגעקומענע אין די
גאַזאויוונס פֿון טרעבלינקע,

לזכר מײַנע לערערס און מיטשילערס
פֿון דער ייִדישער שול
אין ביאַליסטאָק

## הקדמה

### אַ טאָגבוך – אַן אָנהאַלט אין אַ וועלט וואָס גייט אונטער

דער דאָקומענט וואָס ווערט דאָ אַרויסגעגעבן איז אַ טאָגבוך וואָס די דעמאָלט זעכצן־יאָריקע לענאַ ראָזענבערג, אַ ייִדיש מיידל פֿון ביאַליסטאָק, האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין אָקטאָבער 1941 אין די טיפֿן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אין דער קינדערהיים וווּהין זי איז דורכן מלחמה־שטורעם פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן. זי האָט דאָס טאָגבוך געפֿירט, מיט געוויסע איבעררײַסן, ביזן סוף פֿון דער מלחמה.

אין פֿרידלעכע צײַטן זענען טאָגביכער פֿון יונגע מענטשן נישט קיין נאָווינע: ס'איז אָנגענומען אַז אין די יאָרן פֿון דערוואַקסונג זאָל אַ בחור אָדער אַ מיידל פֿאַרטרויען זײַנע אינטימע מחשבֿות אַזאַ געטרײַען געשריבענעם בעל־סוד. דאָס העלפֿט דעם טאָגבוך־שרײַבער בעסער צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך אין זײַן אייגן געמיט אין אַ פּעריאָד פֿון גרינטלעכע אַנטוויקלונגען. ס'טרעפֿט אַז מענטשן מיט אַ באַזונדערס גריבלערישן טעמפּעראַמענט פֿירן זייער טאָגבוך אַ לעבן לאַנג, ווײַל עס ציט זיי כּסדר אַרײַנצוקוקן אינעם אייגענעם געפֿילן־פּלאָנטער. שרײַבערס און קינסטלערס זענען אַוודאי גענייגט צו אַזאַ אינטראָספּעקציע־מיטל.

צו אַן אַנדער זשאַנער געהערן די טאָגביכער פֿון מענטשן, וועמען עס קומט אויס צו שטיין אין מיטן – און אַ מאָל אין שפּיץ – פֿון אומגעוויינטלעכע היסטאָרישע סיטואַציעס אָדער פּראָצעסן. זייער ציל איז צו פֿאַרהיטן אַ שפּור, פֿאַרפֿיקסירן דעם זכּרון, צושטעלן אַ כראָניק פֿאַר דער צוקונפֿט. די תּקופֿה פֿון דריטן חורבן האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ ריי אַזעלכע דאָקומענטן, פֿון וועלכע די היסטאָריקערס שעפּן נאָך אַלץ ווערטפֿולע אינפֿאָרמאַציע וועגן יענע פֿינצטערע יאָרן.

אין לענאַ ראָזענבערגס טאָגבוך קאָמבינירן זיך אַלע דרײַ קאַטעגאָריעס פֿון דעם דאָזיקן זשאַנער. ס'איז אי אַן אינטימער עדות פֿון די ליידן און פֿריידן פֿון אַ צײַטיק ווערנדיקער פֿרוי, אי אַ נשמה־שפּיגל פֿון אַ שפּירעוודיקער, קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, אי – כאָטש נישט בכּיוון – אַ כראָניק, אַ באַשרײַבונג פֿון אַ סבֿיבֿה און אַ צײַט וואָס טראָגן אין אונדזערע אויגן אַ באַזונדערן היסטאָרישן אינטערעס. נאָר מער ווי אַלץ און איבער דעם אַלעמען איז דאָס – אַ געצײַג, אַ רעטונגס־מיטל מיט וועלכן די שרײַבערין האָט זיך באַניצט כּדי אָנצוהאַלטן איר אייגענע גײַסטיקע קלאָרקייט און נישט פֿאַרלירן די גלײַכוואָג אין אַ מאָמענט, ווען די קאַטאַסטראָפֿע האָט אָפּגעמעקט אַלע באַקאַנטע סימנים דורך וועלכע אַ מענטש דערקענט געוויינטלעך זײַן אָרט אויף דער וועלט.

דורכן טאָגבוך פֿאַרוואַרפֿט לענאַ אַ בענקענדיקע ווערטערבריק צו דער ווײַטער, אפֿשר שוין צעשטערטער היים, צו טאַטע־מאַמע און שוועסטער־ברידער אָדער חבֿרים פֿון וועלכע זי ווייס נישט ווו און ווי זיי לעבן איצט, אויב זיי לעבן נאָך בכלל. מיט יאושדיקן געדולד בויט זי ווידער און אָבער אויף, אין אירע פֿאַרצייכענונגען, די סצענעס פֿון משפּחהדיקן לעבן, די מאָמענטן פֿון אויסגעוועפּטער פֿרייד און אויך דאָס בילד פֿון די באַציִונגען מיט די נאָענטע, ווי עמעצער וואָס מוז אָן אויפֿהער טאָג־טעגלעך צוריק אָנצייכענען די קאָנטורן פֿון זײַן צעוואַקלטן איך.

אָבער נישט נאָר דעם אייגענעם מענטשנקרײַז פֿאַרהיט זי סימבאָליש אַזוי



אַרום פֿון פֿונאַנדערפֿאַל, נאָר אויך אַנדערע גורמים פֿון איר גײַסטיקער אידענטיטעט, און אין דער ערשטער ריי – די שפּראַך. פֿירן דאָס טאָגבוך אויף ייִדיש איז בײַ לענאַן טאַקע דאָס נאַטירלעכסטע, אָבער אויך אַ באַוווּסטזיניק מיטל נישט צו פֿאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט אַ לשון וואָס אָט נעכטן האָט עס נאָך אָנגעפֿילט אַלע אירע לעבנס־ווינקעלעך, און איצט איז זי דערפֿון אַוועקגעריסן געוואָרן פּונקט ווי פֿון דער מאַמען. לענאַס געראַנגל פֿאַר איר שפּראַכלעכער פּערזענלעכקייט איז נישט ווייניקער רירנדיק ווי די לעכצונג נאָך ליבשאַפֿט, אָפּשאַצונג און לעבנספֿרייד, וואָס מערקט זיך אין יעדן זײַטל פֿון איר טאָגבוך.

ווער עס וועט לייענען דעם דאָזיקן דאָקומענט וועט זיכער דערשפּירן די לאַסט פֿון עלנט, פֿון וויסטער אַליינקייט וואָס די שרײַבערין האָט געטראָגן און – מיטן טאָגבוכס הילף – איבערגעטראָגן. דער לייענער וועט אָבער אויך מיטגעריסן ווערן מיט דעם שטאַרקן דראַנג צו לעבן און שעפֿערישקייט וואָס קומט אַזוי אָפֿט צום אויסדרוק, און וועט פֿאַרשטיין ווי נייטיק עס איז פֿאַר לענאַן געווען אויסצוגיסן אין די שורות געוויסע שטימונגען אי פֿון איבערגעטריבענער געפֿאַלנקייט, אי פֿון איבערגעטריבענעם שטאָלץ. דאָס זענען די אומפֿאַרמײַדלעכע אומוועגן דורך וועלכע אַ סענסיטיווע און צעווייטיקטע נשמה זוכט אַן אויסגאַנג פֿון איר קלעם.

דערבײַ איז צו באַוווּנדערן די פֿעיִקייט צו כאַראַקטעריזירן קורץ און פּינקטלעך מענטשן און אומשטאַנדן. כאָטש נישט דאָס איז זי אויסן, גיט אונדז די שרײַבערין עטלעכע שאַרפֿע, גוט ניואַנסירטע אַרײַנבליקן אין דער נאַטור פֿונעם „סאָוועטישן מענטשן“ פֿון יענע יאָרן. איר באַשרײַבונג פֿונעם סאָוועטישן דאָרף און דער קריטישער סך־הכּל וואָס זי ציט דערפֿון אונטער זענען רייצנדיק – און אַזוי אויך אַנדערע שטעלן – מיט דער ניכטערקייט וואָס פּיקט זיך אויס פֿון די נאָך האַלב־נאַיִווע און אַ ביסל פּאַטעטישע אויסדרוק־מיטלען.

לענאַ ראָזענבערגס טאָגבוך פֿון די מלחמה־יאָרן איז בכן אַ דאָקומענט וואָס

ציייכנט טאַקע אַ וועג „פֿון דער היים צו נע־ונד“. אויף דעם דאָזיקן וועג, קלאַמערט זיך די מחברטע אין יעדן טאָג, אין יעדער איבערלעבונג, כּדי פֿון דעם אַרויסצוציִען אַ זינען פֿאַר איר צערודערטערווירקלעכקייט. די הצלחה פֿון איר פֿאַרמעסט קען מען נאָכפֿאָלגן אין אירע לידער („לידער פֿון צער און וואַנדער“, פּאַריז 1998) וואָס זענען ווי מײַלשטיינער אויף אַ פֿאַרקערטן מאַרשרוט – פֿון נע־ונד צום אויפֿבוי פֿון אַ נײַער היים.

יצחק ניבאָרסקי








לענאַ (רעכטס) און געניע אין קאַראַקולינאָ, דעם 19טן דעצעמבער 1941
פֿון הינטן געשריבן אויף רוסיש : „אויב אַ מאָל וועט דאָס לעבן מיר אַ שמייכל טאָן, זאָל די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע מיר דערמאָנען אין אַ טרויעריקן פּעריאָד אין מײַן לעבן – לענאַ.



Март 1946г.
„Строминка"

לענאַ אין מאָסקווע, מערץ 1946



ס׳האָט זיך איר געחלומט די מאַמע. אַ קליינינקע מאַמע מיט אַ פּאָר ביראָויגן, וואָס איינס פֿון זיי טרערט אָפֿט ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מאַמע שמייכלט. מיט די קליינע, נאָר פֿולע הענט קנעט זי דעם טייג צום מילכיקן קיכל און קוקט אַלע ווײַלע אויפֿן זייגער, ווײַל זי האָט מורא, זי זאָל זיך חלילה ניט פֿאַרשפּעטיקן. דער מאַמעס הענט אײַלן אַרום אין דער גרויסער בלויער שיסל, ווו ס׳ליגט דער רויער, פֿרישער טייג און מירל שפּירט שוין דעם טעם פֿון די הייסע פּוטערקיכלעך, וואָס וועלן דערפֿון אַרויסקומען. אָ, די מאַמע איז אַ מײַסטער אויף פּוטערגעבעקסלעך. און ניט נאָר אויף פּוטערגעבעקסלעך... זי איז אַ בריה אויף אַלץ! דער פּאַ זאָגט עס איר אַלע מאָל, ווען זי דעקט צום טיש און די מאַמע שמייכלט פֿאַרלעגן און ווישט דערבײַ דאָס לינקע אויג מיטן טיכעלע... היינט באַמיט זיך די מאַמע מער ווי געוויינלעך און פֿאַרזוכט דעם טייג עטלעכע מאָל, כּדי זיך איבערצײַגן, אַז ס׳פֿעלט קיין זאַך ניט: גענוג זאַלץ, גענוג אייער און סמעטענע און צוקער. מירל ווייס, אַז די מאַמע באַמיט זיך פֿאַר איר און זי איז דערפֿון זייער שטאָלץ. סאַראַ גוטע איז די מאַמע! די לעצטע פּאָר טעג איז זי געווען פֿאַרנומען מיטן צוגרייטן זי צום אָפּפֿאָר אין די סאַנאַטאָריע: מיטן וואַשן, פּרעסן און אײַנפּאַקן. איצט גרייט זי געבעקס אויפֿן וועג. און כאָטש פֿאָרן דאַרף מען בסך־הכּל פֿיר - פֿינף שעה, און דאָס בײַ נאַכט, האָט זי דאָך פֿאַרמישט טייג אויף געבעקס, וואָס קען קלעקן אויף אַ גאַנצע וואָך. אָט אַזאַ איז זי שוין די מאַמע: זי האָט ליב אַ סך. אַז מ׳נייט מירלען אַ

קלײדל, שטײט זי לעבן דער שנײַדערין און בעט איר דרײַ מאָל, זי זאָל פֿאַרלײגן אַ ברײטן זױם ; „אַ קינד װאַקסט“...

מירל עפֿנט איר װאַליזקע, װאָס שטײט שױן גרײט און קוקט דורך איר „פֿאַרמעגן“. פֿון אױבן ליגן אַ פּאָר לײַכטע סיטסענע קלײדלעך, װאָס מ׳האָט איר ניט לאַנג אױפֿגענײט ; פֿון אונטן - די װײַסע זײַדענע בלוזקע, דער גראַנאַט רעקל, דאַן דער באָרדאָ װאָלענער סװעטער, די גראַנאַט שטאָפּענע קלײדל. „אַ מאַמע בלײַבט אַ מאַמע“ - טראַכט זי און שלעפּט שטילערהײט אַרױס די שטאָפּענע קלײדל פֿון דער װאַליזקע און שלײַכט זיך אומבאַמערקט צום קלײדער־שראַנק כּדי זי אַרײַנצוהענגען. צו װאָס דאַרף מען זומער אי אַ שטאָפּענע קלײדל אי אַ װאָלענעם סװעטער ? טאָמער ס׳װעט זײַן אַ שלעכטער װעטער, װעט קלעקן דער סװעטער אַלײן. צו װאָס זיך אָבער אָנהײבן מיט דער מאַמען ? אַז זי װעט דערזען, װעט זי זיך דאָך אָפּעסן דאָס האַרץ. צו װאָס איר פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש... שטיל צומאַכנדיק דעם שראַנק װאַרפֿט זי װידער אַ בליק אױף דער מאַמען : זי האָט געזען, אָדער נײן ? נײן. די מאַמע האָט קײן אַכט ניט געלײגט, װײַל זי פּאָרעט זיך אַרום בײַם באַקקאַסטן און איז שטאַרק פֿאַרהאַװעט...

אָט קומען אַלע חבֿרטעס און חבֿרים זיך צו געזעגענען. די שטענדיק לאַכנדיקע, קײַלעכדיקע שׂרהלע, מאַשע מיט די שװאַרצע לאַנגע צעפּ, דער קלײן געװוקסיקער מײשל און הױכער, מאָגערער זאַװל...

די שטוב װערט פֿול מיט קלינגענדיקע קינדערשטימען און מער פֿון אַלץ הערט זיך שׂרהלעס געלעכטער. ענדלעך קומט די צײַט זיך צו געזעגענען. אַלע װילן גײן צום װאָקזאַל. אַפֿילו מירלס ייִנגערע שװעסטערל, די צען־יעריקע אַדאַסקע װיל ניט אָפּשטײן. מירל פֿילט זיך אַ ביסל פֿאַרלאָרן. אַזאַ מין טאַראַראַם ! דערצו האָט זי שטאַרק מורא, אַז די מאַמע זאָל פּלוצלונג ניט לאָזן פֿאַלן אַ טרער, װי דער שטײגער איז בײַם צעשײדן זיך. דעם אמת זאָגנדיק, איז איר אױך אַ ביסל אומעטיק אױפֿן האַרצן. זי איז נאָך קײן מאָל ניט אַרױסגעפֿאָרן אַלײן. איצט פֿאָרט זי אַװעק אױפֿן גאַנצן זומער אין אַ



סאַנאַטאָריע, װוּ ס׳װעלן זײַן אומבאַקאַנטע קינדער און אַלע באַקאַנטע װעלן זײַן װײַט. ס׳איז איר אָבער דאָך זײער אינטערעסאַנט, װי ס׳זעט אױס דאָרט, אין דער פּיאָנערן־סאַנאַטאָריע און ס׳װילט זיך שױן גיכער דאָרט זײַן. זי גיט זיך צו מוט און לײגט פֿאָר דער מאַמען זיך געזעגענען מיט איר אױף אַן אָרט, כּדי די מאַמע זאָל אומזיסט נישט דאַרפֿן גײן צום װאָקזאַל. דער פּאַ איז אַ מידער געקומען פֿון דער אַרבעט און מען דאַרף אים צוגרײטן דעם אָװנטברױט. באַגלײטן װעלן שױן די חבֿרה און אַלץ װעט זײַן אין דער בעסטער אָרדנונג. די מאַמע איז שװער צו איבערצײַגן, אַז מירל קען אָן איר אַװעקפֿאָרן, און אַז קײן אומגליק װעט ניט פּאַסירן. מירל מוז אָנװענדן דאָס לעצטע מיטל : זי דערמאָנט דער מאַמען, אַז זי איז שױן אַ גרױסע, אַז זי איז ניט לאַנג אַלט געװאָרן פֿופֿצן יאָר, אַז מ׳קען זיך אױף איר אין גאַנצן פֿאַרלאָזן. חבֿרה העלפֿט איר אונטער און נעמט אױף זיך די פֿולסטע אַחריות, אַז זי װעט גליקלעך אַװעקפֿאָרן. די מאַמע שמײכלט און לאָזט זיך אײַנרעדן. דערבײַ פֿינטלט בײַ איר שטאַרק צו ערשט דאָס לינקע אױג און דאַן דאָס רעכטע. דאָס פֿאַרשטיקט זי די טרערן, װאָס קלײַבן זיך צונױף אין די אױגנװינקעלעך. מירל איז זײער אומרויִק און איר גלוסט זיך װײנען, נאָר זי שעמט זיך : זי איז דאָך שױן אַ גרױסע !... װי אַ דערװאַקסענע גיט זי דעם פּאַ די האַנט, דאַן דער מאַמען. כּדי זיך אַלײן און אױך די מאַמע צו איבערצײַגן, אַז ס׳איז נישטאָ צוליב װאָס צו װײנען זאָגט זי זיכער : „מיר װעלן זיך אין גיכן װידער זען, איך פֿאָר דאָך ניט אױף אײביק. צװײ מאָנאַטן װעלן גיך אַריבערלױפֿן.“ די מאַמע שמײכלט און װישט די אױגן. לעבן איר שטײט אַדאַסקע. כּדי צו פֿאַרמאַסקירן איר אױפֿרעגונג, בינדט זי אױף דעם באַנד אין אַדאַסקעס צאָפּ און פֿלעכט איבער אירע האָר. װען מײשל נעמט מירלס װאַליזע און קלײַבט זיך צו דער טיר, און אַלע פֿאָלגן נאָך אים, באַגלײט זי די גאַנצע קאָמפּאַניע ביז צום הױף. אין לעצטן אױגנבליק האַלט מירל ניט אױס און פֿאַלט איר אױפֿן האַלדז. נאָר מורא האָבנדיק, זי זאָל זיך ניט צעװײנען, שפּרינגט זי גלײַך

אָפּ און קוקט דער מאַמען אין די אויגן. דער מאַמעס אויגן גלאַנצן פֿײַכט און זי גלעט מירלען איבערן קאָפּ. „מ׳דאַרף ניט וויינען, נאַרעלע, דו ביסט דאָך שוין אַ גרויסע.“ מירל מוז אײַלן, כּדי צו דעריאָגן די קאָמפּאַניע, וואָס איז אַוועק פֿאָרויס. הינטער זיך פֿילט זי נאָך לאַנג דער מאַמעס בליק, פֿון וועלכן ס׳צעגיסט זיך איר אַ ליבע וואַרעמקייט אין אַלע גלידער. זי איז שוין אויף דער צענטער גאַס, שוין נאָנט צום וואָקזאַל און זי זעט נאָך אַלץ דער מאַמעס פֿײַכטע אויגן, וואָס קוקן אויף איר מיט ליבשאַפֿט. - מאַמע ! טײַערע, ליבע מאַמע ! וויל איר זאָגן מירל, נאָר... זי קען ניט. די שטים וויל פֿון קעל ניט אַרויס און זי באַוועגט בלויז מיט די ליפּן. אָבער די מאַמע קאָן זי דאָך נישט הערן און מירל שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כּוחות. - מאַ... זי הערט פּלוצלונג איר אייגענע שטים... און עפֿנט די אויגן.

גלײַך מוז זי זיי ווידער שליסן, ווײַל אַ העלער זונענשטראַל בלענדט זי. ווידער זעט זי די מאַמע... אָבער ניט לאַנג, די מאַמע איז פֿאַרשוווּנדן. אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן. געדאַנקענשטויב. אַ פּוסטקייט. זי באַמיט זיך צו פֿאַרבינדן אַ געדאַנק און ס׳גיט זיך איר ניט אײַן. זי עפֿנט ווידער די אויגן. דאָס מאָל שיצט זי זיי מיט דער האַנט פֿון העלן ליכט. ווו איז זי אייגנטלעך ?

אַ גרויסער זוניקער צימער מיט אַ סך בעטן ווי אין אַ שפּיטאָל. זי דערמאָנט זיך : נו יאָ, זי איז אין דער סאַנאַטאָריע. ביסלעכווײַז קערן זיך אום אַלע געדאַנקען. איצט איז זי שוין וואַך. אין צימער איז שטיל, ס׳הערט זיך בלויז דאָס רעגלמעסיקע אָטעמען פֿון זעקס שלאָפֿנדיקע קינדער. אירע שכנה, די בלאָנדע רוסין, שמייכלט אין שלאָף, ס׳מוז זיך איר אַוודאי עפּעס פֿריילעכס חלומען. מירל באַטראַכט זי. זי איז אַ שיינע, וואַליע. אירע הויט איז גאָלדיק-ברוין און גלאַנצט, דאָס האָר - העלבלאָנד. פֿון פֿאָרנט איז דאָס האָר כּמעט ווײַס פֿון דער זון. מירלען געפֿעלט זי זייער, כאָטש זי ווײַזט עס ניט אַרויס. וואַליע קען אַ סך לידער. זי ווייס אַלע געבאָטן פֿון פּיאָנירנלאַגער, ווײַל זי איז שוין ניט צום ערשטן מאָל. זי איז פֿאָרזיצער פֿון אָטריאַד און אַלע הערן איר באַפֿעל. איצט שלאָפֿט זי און שמייכלט.



מירל וויל מער ניט שלאָפֿן. דאָס צימער איז פֿול מיט זון און ליכט. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער דערטראָגט זיך אַ הייזעריקער קרייען פֿון הענער. ס׳איז נאָך פֿרי. מירל דערמאָנט זיך אָן איר חלום. די מאַמע... די מאַמע שלאָפֿט נאָך אַוודאי. נאָר ניין, די מאַמע שטייט זייער פֿרי אויף, זי מוז שוין גרייטן פֿרישטיק פֿאַרן פֿאַ... ער גייט פֿרי צו דער אַרבעט. וועלכער טאָג איז דען הײַנט ? הײַנט איז דאַכט זיך זונטיק. הײַנט אַרבעט מען ניט. די עלטערן קומען צו גאַסט. אפֿשר וועט קומען די מאַמע ? מירל דערפֿרייט זיך בײַ דעם געדאַנק. סאַראַ גוטער טאָג איז זונטיק ! איר איז גוט אויפֿן האַרצן און זי ציט זיך אויס אין דער לענג פֿון בעט. די זון פֿאַלט רחבֿותדיק דורך די אָפֿענע פֿענצטער און לאָקט אין דרויסן, אויף דער פֿרײַער פֿרישער לופֿט. מירל וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די קאָלדרע און לאָזט אַראָפּ די פֿיס אין די שטעקשיך. פֿלינק ציט זי אַרויף אויף די הוילע פּלייצעס איר געבלומטן שלאָפֿראָק און שלײַכט זיך שטיל אַרויס פֿון צימער, כּדי ניט צו וועקן אירע שלאָפֿנדיקע חבֿרטעס. זי אָטעמט טיף אַרײַן די פֿרישע פֿרימאָרגן־לופֿט, וואָס קיצלט איר די נאָזלעכער, אַזוי אַז זיי ציטערן לײַכט. אַרום הערשט אַ פֿולשטענדיקע שטילקייט. אַלע דרײַ הײַזער פֿון דער סאַנאַטאָריע זײַנען פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף. מאַיעסטעטיש שטרעקן די הויכעביימער זייער צווײַגן צו דער זון. אַ לײַכטער ווינטעלע באַוועגט זייערע בלעטער און פֿאַרוויגט זיי אין אַ זיסן טרוים. „ס׳וועט זײַן אַ שיינער טאָג“ - טראַכט מירל אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ צום לויטערבלויען הימל. „קיין איין וואָלקנדל !“ פֿאַרחלומט טרעט זי אויפֿן וועכן, פֿונעם טוי פֿײַכטן גראָז און ווייסט אַליין ניט וווּהין זי גייט. אין דער נאָנט שלענגלט זיך דער ניעמען און גלאַנצט אויף דער זון ווי אַ זילבערנע סטענגע. מירל פֿילט גאָרניט ווי די פֿיס טראָגן זי צום טײַך. פֿאָרזיכטיק וואַרפֿט זי אַראָפּ איין שיכל און שטרעקט איין פֿוס אין וואַסער. בררר... דאָס וואַסער איז נאָך קאַלט. זי קערט זיך אום צוריק. באָדן זיך וועט מען מסתּמא אַ זייגער צוועלף, נאָכן צווייטן פֿרישטיק. און איצט קערט זי זיך אום אַהיים. וואָס וועט זי דאָ טאָן

אַליין ? פֿלוצלונג דערהערט זי אַ לײַכטן געריוש. זי קוקט זיך אַרום. קיינער איז ניטאָ. איר דאַכט זיך, אַז דער געריוש קומט פֿון אויבן. ס'איז געוויס אַן אַעראָפּלאַן. „אָט וועמען ס'שלאָפֿט זיך אויך ניט" - טראַכט זי - „דער פֿליִער מאַכט שוין זײַנע איבונגען אין דער לופֿט. אָט דאָס מוז זײַן אַ יאַט מיט ביינער." זי האָט שוין אַ סך מאָל געזען, ווי די פֿליִער מאַכן שלייפֿן, וויגן זיך אין הימל און זי האָט אַ באַזונדער אָפּשוי פֿאַר זיי. אָט דאָס איז אַ קונץ ! אַ מענטש פֿליט ווי אַ פֿויגל און נאָך שנעלער ווי אַ פֿויגל. און אַז ער באַווײַזט זיך מיט זײַנע שטאָלענע פֿליגל אין הימל, דערשרעקן זיך אַלע געפֿליגלטע. אָבער ווּ איז דען דער אַעראָפּלאַן ? דער געריוש פֿאַרשטאַרקט זיך און קומט אַלץ נענטער. עס איז געוויס ניט איין אַעראָפּלאַן, נאָר עטלעכע. זי פֿאַררײַסט דעם קאָפּ צום הימל און זוכט מיט נײַגעריקע אויגן. דאָס זומען ווערט אַלץ שטאַרקער און באַלד שווימען אַרויס אויפֿן האָריזאָנט עטלעכע אַעראָפּלאַנען, וואָס בילדן אין דער לופֿט אַ דרײַעק. זיי באַוועגן זיך פּאַמעלעך און שווער. מירל וואַרט אומזיסט, זיי זאָלן ווײַזן „קונצן". „די פֿליִער מוזן נאָך זײַן פֿאַרשלאָפֿן" - טראַכט זי - „זיי זײַנען אַוודאי נאָר וואָס אויפֿגעשטאַנען." מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ און נײַגעריקן בליק באַגלייט זי די שווימענדיקע גרופּע. זי דערקענט צווישן זיי אַ שווערן באָמבאַרדירער, אַזאַ ווי דער, וואָס מיישל האָט איר אָנגעוויזן בעתן ערשטמײַיקן פּאַראַד, דאַן זײַנען די אַעראָפּלאַנען אויך געפֿלויגן אין דער זעלבער ריי און מיישל האָט איר דערקלערט, אַז די גאַנצע גרופּע באַשטייט פֿון אַ באָמבאַרדירער און יעגער־אַעראָפּלאַנען, וואָס רינגלען אים אַרום און שיצן אין דער שלאַכט. וווּהין פֿליִען זיי איצט ? איידער זי פֿאַרענטפֿערט זיך די פֿראַגע, באַווײַזט זיך נאָך אַ גרופּע, און פּאַראַלעל צו איר נאָך איינע. די אַעראָפּלאַנען־גרופּן בילדן ווידער אַ דרײַעק און שווימען שטיל און שווער אין איין ריכטונג. „הײַנט וועלן געוויס זײַן לופֿט־מאַנעוורען" באַשליסט מירל און פֿאַרפֿאָלגט מיטן בליק די קאָלאָנע. פֿלוצלונג דאַכט זיך איר, אַז זי זעט אַ שוואַרצן האַקנקרייץ אויף איינעם פֿון די אַעראָפּלאַנען.



אַ זוים פֿון אומרו גנבֿעט זיך אַרײַן אין איר האַרץ. עס קאָן ניט זײַן. זי האָט געוויס אַ טעות. זיי פֿליִען זייער הויך און זי האָט פֿאַרזען. וואָס האָבן צו טאָן דײַטשע אַעראָפּלאַנען אויף סאָוועטישער ערד ? דערצו נאָך אַזוי פֿרי ? און דאָס וויכטיקסטע : ווער וועט זיי אַרײַנלאָזן אין לאַנד ? זי קוקט נאָך לאַנג אין הימל, ביז די קאָלאָנע פֿאַרשווינדט פֿון האָריזאָנט. זי טרייסלט פֿון זיך אָפּ דעם בייזן געדאַנק און באַשליסט : זי האָט געהאַט אַ טעות. פּאַמעלעך קערט זי זיך אום אין שלאָפֿצימער און לייגט זיך אַנידער. זיך אומקערנדיק מיטן פּנים צו דער בלינדער וואַנט, כּדי די זון זאָל איר ניט שטערן אין שלאָפֿן, שליסט זי די אויגן. אײַנדרעמלענדיק קלערט זי פֿאָרט פֿון דער קאָלאָנע און זעט דווקא דײַטלעך אַ שוואַרצן האַקנקרייץ, וואָס שווימט פּאַמעלעך און שווער אויפֿן לויטערבלויען הימל.

2.

דרײַ מאָל האָט געשאַלט דער האָרן. פֿון אַלע בעטלעך שיילן זיך אַרויס קינדערשע גופֿימלעך, וואָס עפֿענען די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן. לאַנג זיך צו וואַלגערן אין בעט איז ניטאָ ווען : מען דאַרף שנעל לויפֿן אין דרויסן אויף פֿרימאָרגן־גימנאַסטיק. פֿלינק שפּרינגט מען אַרויס פֿון אונטער דער קאָלדרע, פֿאַרבעט אויף גיך דאָס בעט. פֿינף מינוט אויף פֿאַרקעמען די האָר און אָנטאָן דעם טורנקאָסטיום : שוואַרצע הייזלעך און אַ ווײַס טורנהעמדל. אײַלט מען זיך דעריבער שטאַרק. אָט דערהערט זיך ווידער דער האָרן. פֿון אַלע צימערן שיטן זיך חבֿרה אַרויס אין דרויסן און שטעלן זיך פֿלינק אין דער ריי. עס דערהערט זיך די קאָמאַנדע פֿון דער עלטסטער פּיאָנערן־פֿירערין : „אַכטונג !" רעגלמעסיק און קורץ פֿאַלט די קאָמאַנדע און לויט איר טאַקט באַוועגן זיך ריטמיש קינדערשע הענטלעך און פֿיסלעך. די הענט פֿאַרפֿלאָכטן איבערן קאָפּ, נייגט זיך דער קערפּער רעכטס און לינקס, און ס'דאַכט זיך, אַז אַ יונגער וואַלד שאָקלט זײַנע צווײַגן, באַוועגט פֿון ווינט. - איינס ! - אַ וואַלד פֿון הענט הייבט זיך אויף צום הימל. - צוויי ! -

לײַכט הייבט מען אויף די לינקע פֿוס און בייגט זי טיף אין דער קני. - דרײַ ! - אַלע הענט שנײַדן גראַציעז די לופֿט, צייכנענדיק דערבײַ צוויי גראָדע ווינקלען פֿון אויבן אַראָפּ און צו די זײַטן. צוזאַמען מיט זיי נייגט זיך דער קערפּער פֿאָרויס, דערבײַ שטרעקט זיך די לינקע פֿוס אויף הינטן. שלאַנקע, יונגע גופֿימלעך בילדן אַ פֿויגל־וואָלקן. אַן אויגנבליק דאַכט זיך, אַז אָט, אָט רײַסן זיי אָפּ דעם צווייטן פֿוס פֿון באָדן און הייבן זיך אויף אין דער לופֿט. - פֿיר ! - מ׳קערט זיך אום צו דער אָנפֿאַנג־פּאָזיציע. די קאָמאַנדע חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל און ברענגט אין באַוועגונג אַלע מוסקלען, וואָס זינגען די פֿרייד פֿון לעבן. גליקלעכע, זאָרגלאָזע קינדהייט ! אָט זײַנען זיי די קומענדיקע באַלעבאַטים פֿון דער ערד, די, וואָס וועלן ירשענען אַלע אוצרות, אַלע קענטענישן פֿון זייערע עלטערן, וואָס וועלן באַהערשן די ערד, די וואַסערן און דעם הימל, ווען ס׳איז באַשערט צו געניסן די פֿרייד פֿון פֿרײַער שעפֿערישער אַרבעט. איצט זײַנען זיי נאָך קליין. דאָס פֿאָלק זאָרגט וועגן דעם, אַז זיי זאָלן זיך פֿרײַ אַנטוויקלען פֿיזיש און גײַסטיק. איבערן גאַנצן גרויסן לאַנד איז פֿאַרשפּרייט אַ נעץ פֿון פּיאָנערן־לאַגערן און סאַנאַטאָריעס, וווּ זיי רוען אָפּ נאָכן שוליאָר, שעפּן נײַע כּוחות, פֿאַרהאַרטעווען זייערע יונגע קערפּערס.

די פֿרימאָרגן־גימנאַסטיק האָט זיך געענדיקט. חבֿרה צעשיט זיך אין איין מינוט אין אַלע זײַטן. פֿריילעך אונטערשפּרינגענדיק לויפֿט מען זיך וואַשן. עזותדיק שפּריצט דאָס קאַלטע וואַסער פֿון קראַן און קילט די צעהיצטע גלידער. דערבײַ פּליעסקעט איינער דעם אַנדערן אָפּ פֿאַרשטאָפּנדיק מיט איין פֿינגער אַ טייל עפֿענונג פֿון קראַן אַזוי, אַז דער וואַסערשטראָם פֿאַלט דווקא אויפֿן דערבײַשטייענדיקן חבֿר. יענער בלײַבט, פֿאַרשטענדלעך, ניט שולדיק און אַזוי הייבט זיך אָן דער פֿרימאָרגנדיקער געפּילדער, ווו ס׳מישן זיך אויס קינדערשע געלעכטערס, געשרייען און ערשטער געזאַנג.

באַזונדערס פֿריילעך איז אין ייִנגלשן וואַשצימער. בײַ צוויי שכנותדיקע קראַנען שטייען וולאַדעק און אבֿרהמל, די גרעסטע שטיפֿער אין דער גאַנצער



סאַנאַטאָריע. בעת אבֿרהמל זייפֿט פֿלייסיק מיטביידע הענט די ברוסט, די האַלדז און דעם פּנים ביז די זייף הייבט אָן עסן די אויגן אַזוי, אַז ער מוז זיי שליסן, כאַפּט אים וולאַדעק אָן פֿאַרן קאַרק און שטעלט אַרונטער זײַן קאָפּ אונטערן קראַן, וואָס ער האָט אויפֿגעדרייט וויפֿל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. דאָס וואַסער פֿלייצט ווי פֿון אַ שלאַנג אויף אבֿרהמלס האָר, אויפֿן נאַקן, איבערן פּנים. אבֿרהמל פֿאַרכליאָבעט זיך און ס׳פֿאַרפֿעלט אים אָטעם. מיט פֿאַרזייפֿטע הענט זוכט ער דעם שולדיקן, דערטאַפּט די פֿעסטע האַנט, וואָס האַלט זײַן נאַקן און קלאַמערט זיך אין איר אײַן ביז ער באַפֿרײַט זײַן קאָפּ. איצט וועט ער נקמה נעמען ! מיט איין פֿינגער ווענדט ער דעם וואַסערשטראָם אויף וולאַדעקן, וואָס שפּרינגט גלײַך אָפּ, אָבער ס׳העלפֿט אים נישט. ער שטייט שוין ווי אַ נאַסער האָן און האַלט זיך פֿאַר די טורנהייזלעך, וואָס קלעפּן זיך צום הוילן לײַב. חבֿרה אַרום לאַכט פֿונעם שפּאַס און איז מוחל אבֿרהמלען, וואָס האָט דערבײַ פֿאַרשפּריצט אַ היפּש ביסל חבֿרים. וולאַדעק קלערט וועגן אַ נײַעם שפּיצל, אָבער דאָ דערשײַנט פּלוצלונג דער פּיאָנערן־פֿירער גרישע און אין וואַשצימער ווערט רויִק. גרישע איז אַ בלאָנדער נײַנצניעריקער יאַט מיט אַ גוטמוטיקן פּנים און קינדעריש פֿריילעכע אויגן, וואָס דערציילן וועגן דעם, אַז ער אַליין איז אויך אַ גוטער שטיפֿער און האָט אויך ליב צו געבן זײַנסגלײַכן „אַ קאַלטע באָד“. איצט אָבער ציט ער אַרויף אויפֿן געזיכט אַ מאַסקע פֿון ערנסטקייט און בייזערט זיך אויף זײַנע ייִנגלעך. פֿאַר גרישען האָט מען דרך־ארץ. גרישע איז דער ליבלינג פֿון אַלע עלטערע ייִנגלעך. ווער קען אַזוי ווי ער שווימען ? און אויפֿהייבן מיט איין האַנט שווערע געוויכט ? און שפּילן שאַך ? און שיסן פֿון אַ ביקס ? יעדעס מאָל, ווען די ייִנגלעך לערנען זיך טרעפֿן אין ציל, אויף דער ווײַסער ברעט מיט די שוואַרצע קרײַזן, זײַנען זיי מקנא זייער פּיאָנערן־פֿירער, ווען ס׳איז גענוג בלויז צודריקן איין אויג און אַ צי טאָן פֿאַרן צינגל, אַז אין דעם שוואַרצן קרײַז זאָל ווערן אַ לעכל. נישט אומזיסט טראָגט גרישע דעם אָפּצייכן פֿון אַ וואָראָשילאָווו־

שיסער. ער האָט דעם כּבֿוד כּשר פֿאַרדינט. די ייִנגלעך האָבן פֿאַר אים אָפּשוי און הערן זײַן באַפֿעל. איצט פֿילן זיי זיך שולדיק און שלייכן זיך אין די ווינקעלעך, בײַ די ווענט. גרישע וואַרפֿט אַ בליק אויף זײַנע „אָדלערס“. ס'איז אים ניט שווער זיך אָנצושטויסן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. אים גלוסט זיך לאַכן, ווען ער דערזעט דעם נאַסן וולאַדעקן, וואָס האַלט זיך פֿאַר די הייזלעך, און אבֿרהמלען, וואָס שטייט אַ פֿאַרזייפֿטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פֿון וועלכן ס'רינען טראָפּנס אויף דער ערד. אָבער לאַכן טאָר מען ניט. צעלאָזן זײַנע „אָדלערס“, וועלן זיי איינער דעם אַנדערן אַראָפּדרייען די קעפּ. דערפֿאַר מאַכט ער אַן ערנסטע מינע און זאָגט זיי מוסר. דערנאָך שיקט ער וולאַדעקן שנעל איבערטאָן די הייזלעך, ווײַל אין גיכן וועט זײַן אַ ליניִיקע און מ'דאַרף זיך גרייטן צום פֿרימאָרגן־אַפּעל. וולאַדעק מוז גיין, אָבער פֿון דער ווײַטן פֿאַרגעסט ער ניט צו ווײַזן אבֿרהמלען אַ פֿויסט, וואָס באַדײַט : וואַרט, וואַרט, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען ! די ייִנגלעך באַגלייטן אים מיט אַ שמייכל און וואַשן זיך פֿריילעך. איצט מוז מען זיך צואײַלן. באַלד וועט זײַן די ליניִיקע. ווידער רופֿט דער האָרן. אויף דער גיך טוט מען אָן דעם רויטן האַלדזטוך און מ'לויפֿט אין דרויסן. אין פֿיר פֿאַרשיידענע גרופּן קלײַבן זיך צונויף די פּיאָנערן־אָטריאַדן אויסגעשטעלט אין אַ ריי לויט די רינגען. אַ שריט פֿאָרויס פֿאַר יעדן רינג - זײַן רינגלער (דער פֿירער פֿון רינג, אַ פּיאָנער, וואָס ווערט געוויילט). יעדער רינגלער ציילט אויף זײַנע פּיאָנערן, צי אַלע זײַנען דאָ און אין פֿאַל ווען עמיץ פֿעלט, דערוויסט ער זיך די סיבה. אָפּגעבנדיק זײַן רינג דעם באַפֿעל „אַכטונג !“ גיט ער אָפּ אַ באַריכט דעם פֿאָרזיצער פֿון אָטריאַד (אַ פּיאָנער, אויך אויסגעקליבן דורכן אָטריאַד). פֿון די באַריכטן פֿון די רינגלער שטעלט דער פֿאָרזיצער צונויף זײַן אַפּעל. ערשט דאַן קלײַבט מען זיך צונויף אויף דער ליניִיקע, אויפֿן פּלאַץ, וואָס אַרום דעם מאַסט מיט דער פֿאָן, וואָס איז נאָך אַראָפּגעלאָזן פֿון נעכטיקן אָוונט אָן.

אונטער הילכיקן פּויקנגעקלאַנג פֿירט וואַליע דעם ערשטן אָטריאַד אויף



זײַן געוויינלעכן אָרט, נישט ווײַט פֿון דער פֿאָן. אונטער איר אָנפֿירונג געפֿינען זיך די עלטסטע קינדער. די ייִנגסטע - זײַנען אין פֿערטן. די פֿאָרזיצערין פֿון פֿערטן איז אַ צעניעריק מיידעלע מיט אַ פּאָר קורצע שוואַרצע צעפּעלעך, וואָס באָמבלען זיך אַרום, ווי בײַ אַ ציג דאָס בערדל און רופֿן אַלע מאָל אַרויס בײַ וואַליען אַ שמייכל. די קליינע שפּאַנט מיט אַ וויכטיקער מינע צום טאַקט פֿון פּויק און איז אין גאַנצן פֿאַרנומען מיט איר אויפֿגאַבע : זי קוקט זיך אַלע ווײַלע אַרום צי אירע חבֿרים גייען אין דער ריי. ענדלעך ברענגט זי זיי אויף אַן אָרט און אָטעמט לײַכטער אויף. וואַליע קלײַבט נחת פֿון דער קליינער. איר געפֿעלט שטאַרק, וואָס אָט דער נפֿש איז אַזוי ערנסט בעתן אויספֿילן די פֿליכט פֿון פֿאָרזיצער. „אַזאַ מין סימפּאַטישער קאַראַפּוזל“ - טראַכט זי און ס'ווילט זיך איר זי נעמען אויף די הענט. דאָס מוז זי אָבער אָפּלייגן אויף שפּעטער. „מען טאָר ניט אַרונטעררײַסן דעם אויטאָריטעט פֿון פֿאָרזיצער.“ זאָגט זיך וואַליע. „אַ שיינער פֿאָרזיצער, וואָס מ'טראָגט אים נאָך אויף די הענט אין דער אָנוועזנהייט פֿון זײַנע פּיאָנערן.“ דערווײַל האָבן זיך שוין אַלע פֿאַרזאַמלט. אַלע פֿיר פּויקן שלאָגן אויס דרײַ טאַקטן. - „אַכטונג !“ רופֿט וואַליע און גייט צו גרישען, וואָס שטייט אַכט מעטער ווײַט פֿון איר, אויך מיט אַ רויטן האַלדזטוך. די האַנט גיט שנעל אָפּ דעם גרוס. קורץ און דײַטלעך, הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, מעלדט זי : „חבֿר פּיאָנערן־פֿירער ! דער ערשטער אָטריאַד ציילט צוויי און פֿופֿציק מאַן. אויף דער ליניִיקע זײַנען אָנוועזנד פֿופֿציק. צוויי פֿעלן צוליב קראַנקהייט. אַלע איבעריקע פֿילן זיך גוט און זײַנען גרייט אויסצופֿילן דעם פּלאַן אויף הײַנטיקן טאָג. פֿאָרזיצער ביעלענקאַיאַ. דער באַריכט איז געענדיקט.“ ווידער הייבט זי די האַנט צום פּיאָנערן־גרוס. גרישע גריסט זי אויפֿן זעלבן אופֿן און מעלדט : „דער באַריכט ווערט אָנגענומען“. וואַליע גייט צוריק אויף איר אָרט. זיך אומקערנדיק זעט זי, אַז אַלע פֿאָרזיצערס קערן זיך שוין אום. ענלעכע באַריכטן קומען פֿאָר גלײַכצײַטיק. איצט מעלדן זיך די פּיאָנערן־פֿירערס לויט דער ריי צו

דער עלטסטער פּיאָנערן־לייטערין, וואָס הערט זיי אויפֿמערקזאַם אויס, כּדי צו האָבן אַ ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס טוט זיך אין לאַגער. אַלעמענס אויגן זײַנען איצט געווענדט צו איר, צו דער ח' אַסיע גריגאָריעוונע. זי שטייט אויף „אַכטונג“ פֿאַר דער פֿאָן און וואַליען דאַכט זיך, אַז איר גוט געבויטע פֿיגור האַלט זיך באַזונדערס פֿעסט אויף די פֿאַרברוינטע שלאַנקע פֿיס, פונקט ווי די סטאַטוע פֿון דער ספּאָרטלערין אין מינסקער פּאַרק. די סטאַטוע איז אויסגעהאַקט פֿון ווײַסן מאַרמאָרשטיין און וואַליע ווייס דערפֿאַר ניט, פֿון וועלכער פֿאַרב ס'זײַנען די האָר פֿון דער ספּאָרטלערין, אָבער זי מיינט, אַז זיי מוזן זײַן טונקלבלאָנד. די אויגן זײַנען געוויס גרוי־בלוי און שײַנען אַראָפּ פֿון פֿאַרברוינטן ענערגישן פּנים. אַנדערש, ווי וואָלט אַסיע גריגאָריעוונע געקענט זײַן ווי צוויי טראָפּנס ענלעך צו אָט דער סטאַטוע ? וואַליע מוז זיך מודה זײַן, אַז אָט די בפֿירושדיקע ענלעכקייט האָט זי באַמערקט בלויז איצט, אויף דער ליניקע. פֿאַר וואָס איז עס איר פֿריִער ניט אײַנגעפֿאַלן ? זי קען דאָך אַסיע גריגאָריעוונע נאָך פֿון מינסק, ווו זיי האָבן געוווינט בשכנות. איר פּיאָנערן־לייטערין האָט דעמלט שטודירט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און האָ געהייסן פּשוט אַסיע. זי האָט ליב געהאַט צו רעציטירן פּושקינען, זינגען די לידלעך, וואָס זי האָט געהערט אין קינאָ און שפּילן אין פֿילקע. צו איר פֿלעגן קומען אַ סך באַקאַנטע סטודענטן. וואַליע איז זיי מיט דרך־ארץ שטענדיק אָפּגעטרעטן דעם וועג, אַז זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען אויף די טרעפּ. דערנאָך האָבן זיי אויפֿגעהערט צו קומען, ווײַל אַסיע האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט און איז ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן. אַסיעס מאַמע האָט געזאָגט, אַז מ'האָט געשיקט איר טאָכטער אין די מערבֿ־געביטן אויף אַרבעט. אַז וואַליעס פֿאָטער איז מיט דער גאַנצער משפּחה אויך אַריבערגעפֿאָרן אויף אַרבעט קיין ביאַליסטאָק, האָט וואַליע איין מאָל אין טעאַטער באַגעגנט אַסיען. מער האָט זי זי נישט געטראָפֿן, ביז זי איז געקומען אין דער סאַנאַטאָריע. ערשט דאָ האָט זי ווידער דערזען איר שכנה, איצט שוין אַסיע גריגאָרעוונע, מיט אַ רויטן האַלדזטוך, אָט



אַזאַ, ווי זי זעט אויס איצט לעבן דער פֿאָן. וואַליע קוקט נאָך אַלץ אויף איר „סטאַטוע“. זי פֿאַרוואונדערט זיך גאָרנישט ווען יענע הייבט אויף די רעכטע האַנט צום גרוס. אַסיע גריגאָריעוונע מעלדט דעם פּלאַן אויף הײַנטיקן טאָג ; נאָכן ערשטן פֿרישטיק לופֿטוואַנעס אין וואַלד און שפּילן. צוגרייטונג צו דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט. טענץ, כאָר און דעקלאַמאַציעס. נאָכן צווייטן פֿרישטיק : באָדן און זונוואַנעס בײַם ניעמען. נאָך מיטאָג : 2 שעה שלאָפֿן. נאָכן ערשטן אָוונטברויט : פֿרײַע שפּילן, באַגעגעניש מיט די עלטערן, קינסטלערישע זעלבסטטעטיקייט. נאָכן צווייטן אָוונטברויט : איין שעה אויף פֿרײַע שפּילן, צוגרייטונג צום שלאָף. די אָוונטלינייקע, דאַן שלאָפֿן גיין.

אַלע הערן זיך אויפֿמערקזאַם צו. הײַנט איז אַ באַזונדערס גוטער טאָג - זונטיק ! יעדן ווילט זיך זייער, עס זאָל קומען עמיץ פֿון די נאָנטע : די מאַמע, דער פֿאָטער. געוויינלעך ברענגען זיי נאָך גרוסן פֿון אַלע חבֿרים און באַקאַנטע. דערצו פֿרוכטן און זיסוואַרג. וואַליע וויל זייער, אַז עמיץ פֿון די איריקע זאָל הײַנט קומען. איר ווילט זיך, זיי זאָלן זען, ווי שיין זי וועט הײַנט טאַנצן און ווי ס'קליידט איר דער מאַטראָסן־קאָסטיום. זי געפֿעלט זיך זייער ווען זי ציט אַרויף די לאַנגע שוואַרצע הויזן מיט דער ווײַסער מאַטראָסן־בלוזע. אַ שאָד, וואָס מ'נעמט קיין מיידלעך ניט צו אין די ים־שולן. אוי, וואָלט זי געשוווּמען אויף די שיפֿן, אַז אַ רויך וואָלט גיין ! דערצו איז די מאַטראָסן־בלוזע אויף איר ווי אָנגעמאָסטן און דאָס היטעלע מיט די בענדער זיצט אַזוי חנעוודיק אויפֿן קאָפּ...

ווידער שאַלט דער האָרן. אויך די פּײַקלער אַרבעטן מיט אַלע כּוחות. אַלע שטייען אויף „אַכטונג“ צום גרוס. מען ציט אַרויף די פֿאָן אויפֿן מאַסט. פּאַמעלעך הייבט זי זיך אויף, וואָס אַ מאָל העכער און העכער און צוזאַמען מיט איר שטאַפּלען זיך די קינדערשע בליקן. ענדלעך האָט זי דערגרייכט צום שפּיץ און האָט זיך באַפֿעסטיקט. די ליניקע איז געענדיקט. דער טאָג אין לאַגער הייבט זיך אָן.

### 3.

אָליק האָט מזל. פֿון דעם זײַנען איבערצײַגט אַלע ייִנגלעך. ווי דען ? לויט דער ריי דיזשורירן אַלע עלטערע בײַם טויער פֿון דער לאַגער־טעריטאָריע. אָבער אָליקס דיזשור איז אויסגעפֿאַלן גראָד הײַנט און ער וועט דער ערשטער וויסן, צו וועמען עס זײַנען געקומען די עלטערן. מעגלעך, אַז דאָרט, אין וועלדל זיצט שוין לאַנג דײַן מאַמע און דו ווייסט דערפֿון גאָרניט, ווײַל פֿרײַלאָזן צו איר וועט מען דיך נאָר נאָכן ערשטן אָוונטברויט. אָליק אָבער שטייט בײַם טויער און זעט דער ערשטער, ווער עס שטײַגט אויס פֿונעם אויטאָבוס. אָליק איז אין האַרצן אויך מסכּים מיט די ייִנגלעך און איז שטאַרק צופֿרידן פֿון זײַן פּאָסט. ער שפּאַצירט אַרום פֿאַרן טויער און וואַרפֿט אַלע ווײַלע אַ בליק אויף דעם רויטן באַנד, וואָס אויף זײַן לינקער האַנט, און וואָס פֿאַרפֿולט זײַן האַרץ מיט גדלות. דערבײַ שטעלט ער זיך פֿאָר, אַז דער פּאָסט, וואָס ער באַהיט, איז גאָרניט קיין קינדער־סאַנאַטאָריע, נאָר אַ זייער וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט און אים באַדראָט אַן ערנסטע געפֿאַר. נאָר פֿון וועלכער זײַט ? רעכטס ליגט דאָס קורשטעטל דרוסקעניקי. לינקס ציט זיך דער סאָסנאָווער וואַלד. פֿאָרויס זעט זיך דער שאָסיי. אָליק שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָרט, אין דער געדיכטעניש פֿון וואַלד באַהאַלט זיך אויס דער שׂונא. מ'מוז זײַן אויפֿמערקזאַם. ער שטרענגט אָן אויגן און אויערן. ביימער, צווײַגן, צווישן זיי הימל־לאַטעס, ווײַטער גאָרנישט. שטיל. פּלוצלונג - אַ ווײַטער אָפּהילך פֿון פֿערדישע קאָפּעטעס. אָליק הערט זיך צו. דאָס איז שוין ניט אין זײַן פֿאַנטאַזיע, נאָר אין דערווירקלעכקייט. עס קומט פֿון שאָסיי. פּויערשע פֿורן ? ער מאַכט עטלעכע טריט פֿאָרויס און זויגט זיך אײַן מיטן בליק אין דעם פּונקט, וווּ פֿון הינטער דעם וואַלד אַרויס הייבט זיך אָן דער שאָסיי. קיינעם זעט מען ניט. דאָס פֿערדישע טאָפּען קומט נעענטער. אָט הייבט זיך אויף אַ געדיכטער שטויבוואָלקן. פֿאַרהילט פֿון אים באַווײַזן זיך מיליטערישע וועגעלעך, באַוואָפֿנטע רויט־



אַרמייער, אמתע האַרמאַטן. „מאַנעוורען“ - שטויסט ער זיך גלײַך אָן און אין זײַנע אויגן בליצן אויף פֿײַערלעך. „אמתע מאַנעוורען“. אים וואָלט זיך זייער געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי עס זעט אויס אויפֿן פֿעלד. אין קינאָ האָט ער שוין עטלעכע מאָל געזען, אָבער דאָס זײַנען געווען נאָר איינצלנע קאַדרען פֿון קינאָ־זשורנאַל „נײַעס פֿון טאָג“. אָט, וואָלט ער זיך איצט פֿאַרגנבֿעט אויפֿן פֿעלד און וואָלט אַליין, מיט די אייגענע אויגן צוגעזען, ווי דאָס קומט אַלץ פֿאָר ! אָבער... ער שטייט אויפֿן פּאָסטן. ער ווייס זייער גוט, אַז אַ פּיאָנער טאָר זײַן פּאָסט אויף קיין פֿאַל ניט פֿאַרלאָזן, פּונקט ווי אַ זעלנער. סאַראַ שאָד. דורכלאָזן אַזאַ מאָמענט ! נישט אַלע טאָג טרעפֿן זיך אַזעלכע זאַכן. אַוועקגיין טאָר מען אָבער ניט. דאָס פֿאַרבאָט דער לאַגער־אוסטאַוו. מיט אַ פֿאַרבענקטן בליק באַגלייט ער די אָפּטיילונגען רויט־אַרמייער, וואָס דערווײַטערן זיך אויפֿן שאָסיי, ביז זיי פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּינטעלע און פֿאַרשווינדן אין דעם געדיכטן וואָלקן פֿון שטויב. אין האַרצן פֿאַרדריסט אים שטאַרק די גאַנצע מעשׂה, אָבער חרטה צו האָבן איז שוין צו שפּעט. בשעת ער שפּאַנט אַזוי אַרום און איז מיט זיך אומצופֿרידן, דערזעט ער, ווי אַן אומבאַקאַנטער ייִנגל דערנענטערט זיך. ער זעט אויס פֿון אַ יאָר 13-14. וועמען דאַרף ער דאָ ? אָליק באַשליסט אים צו באַווײַזן די גאַנצע וויכטיקייט פֿון זײַן ראָל, צוליב וועלכער ער האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעזאָגט פֿון אַזאַ מין פֿאַרגעניגן. דער פֿרעמדער ייִנגל וויל צום טויער. ער פֿאַרשטעלט אים דעם וועג : צו וועמען ? יענעם איז ווײַזט אויס שטאַרק ניט געפֿעלן געוואָרן דער טאָן, מיט וועלכן אָליק האָט זיך צו אים געווענדט און אויף זײַן שטערן באַווײַזט זיך אַ בייזער וואָלקנדל, וואָס זאָגט דײַטלעך : ס'איז נישט דײַן עסק ! באַלד דערמאָנט ער זיך אָבער, צוליב וואָס ער איז געקומען און באַשליסט, אַז איצט איז ניטאָ קיין צײַט אויף קריגערײַען. ער זאָגט אָליקן, אַז ער מוז דרינגענד זען ווילי ג., ער האָט אים איבערצוגעבן אַ זייער וויכטיקע נײַעס. אָליק האָט וויייניק צוטרוי צו אָט דעם יאַטל. „כ'ווייס דאָרט וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע נײַעס ער קען ברענגען. ער מוז צוּוואַרטן.“

ער דערקלערט אים קאַלט, אַז ער קען אים ליידער נישט אַרײַנלאָזן. אויפֿנעם־שעהן זײַנען הײַנט פֿון 5 ביז 8. יענער האָט ווײַזט אויס זיך ניט געריכט אויף אַזאַ מין ענטפֿער. ער פֿאַרקלערט זיך אַ ביסל. „ווי אַזוי באַזײַטיקט מען אָט די אומדערוואַרטע שטערונג ? זאָגן אים, אָדער נישט ?“ - וואַקלט ער זיך אַ מינוט צוויי, אָבער זעענדיק, ווי יענער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, פֿאַרשטייט ער, אַז ס׳איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ. אַנדערש וועט ער איצט ניט זען ווילין, ווי זײַנע אייגענע אויערן. ער נעמט אָליקן פֿאַרן אַרבל און בייגט זיך פֿאַרטרוילעך צו זײַן אויער : „האָסט געזען ?“ אָליקן געפֿעלט ניט אָט די פֿאַמיליאַרישקייט פֿונעם אומבאַקאַנטן, ער ציט זיך אַ ביסל צוריק און פֿרעגט קאַלט : „וואָס ?“ דער ייִנגל ווײַזט מיט איין פֿינגער אין דער ריכטונג פֿון שאָסיי. אָליק איז אַנטוישט. אויך מיר אַ נײַעס ! פֿאַרשטייט זיך, געזען. מאַנעוורען. איז וואָס ? אָט דאָס דאַרף ער אַזוי דרינגענד מיטטיילן ווילין ? מעג ער געוויס וואַרטן. דער פֿרעמדער איז אומצופֿרידן, וואָס אָליק איז פֿון דער נײַעס ניט נתפּעל געוואָרן. אַ ווײַלע קלערט ער ווי אים צו איבערראַשן. ער בייגט זיך ווידער צו זײַן אויער און פֿליסטערט אַרײַן : „מלחמה !“ אָליק ציט זיך צוריק. ער קוקט אים שאַרף אָן. דער ייִנגל מאַכט אַן ערנסטן פּנים, וואָס דריקט גלײַכצײַטיק אויס אַ געוויסן טריִומף, ווי איינער זאָגט : „אָט זעסטו סאַראַ דרינגענדע נײַעס !“ אָליק איז אַ ביסל צעשטרײַט פֿון דער ידיעה, אָבער אים ווילט זיך נישט גלויבן. טאָמער זאָגט ער אַ ליגן ? יענער, פּונקט ווי ער וואָלט געלייענט אין אָליקס אויגן אַלע זײַנע געדאַנקען, קומט ווידער אַרויס מיט לשון : „אַ מלחמה מיט דײַטשלאַנד ! מאָלאָטאָוו איז אַרויסגעטראָטן דורכן ראַדיאָ. מײַן פּיאָנעריש ערנוואָרט !“ איצט צווייפֿלט אָליק מער ניט. הייסט עס ס׳זײַנען ניט קיין מאַנעוורען. ס׳איז אַן אמתע מלחמה... אים איז עפּעס מאָדנע אויפֿן האַרצן. ער ווייס ניט, צי ער זאָל זײַן טרויעריק, צי זיך פֿרייען. „הײַנטיקע מלחמות !“ - טראַכט ער זיך - „ס׳איז גאָרניט אַזוי, ווי מ׳באַשרײַבט דאָס אין די ביכער. אָט צ.ב. די פֿאָטערלענדישע מלחמה פֿון



1812, דאָס איז געווען אַן אמתע מלחמה. דער בירגערקריג אין 1917, די מלחמה אין שפּאַניע אין 1936. אָט האָבן מיר פֿאַראַיאָרן געפֿירט מלחמה מיט די פֿינען, האָט גאָר קיינער דעם טעם פֿון קריג ניט געפֿילט. ווען ניט דער ראַדיאָ, וואָלט קיינער גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם... דער ייִנגל שטייט נאָך אַלץ און וואַרט, וואָס אָליק וועט אים ענטפֿערן. אַז אָליק שטייט נאָך אַלץ פֿאַרקלערט, זעט ער, אַז ס׳איז אַ מעשׂה אָן אַן עק און ער קלײַבט זיך אַליין צום טויער. אָליק וואַכט אויף פֿון זײַנע געדאַנקען, שטעלט אים ווידער אָפּ און דריקט דאָס גלעקל. ס׳קומט אַרויס דער אָרדנער פֿון לאַגער. אין קורצע ווערטער גיט ער אים איבער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. יענער איז שטאַרק דערשראָקן. ער ווענדט זיך צום ייִנגל מיט אַ פּאָר פֿראַגן. פֿון וואַנען ווייס ער ? וואָס הערט זיך אין שטאָט ? דער ייִנגל ווייס גאָרניט צו דערציילן אויסערדעם, אַז אַלע רעדן וועגן מאָלאָטאָווס רעדע, מ׳זאָגט אַז די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט מינסק, ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע און אַנדערע שטעט. אַלע קלײַבן זיך אַהיים. ער איז אויך געקומען כּדי צו רופֿן ווילין, זיי זײַנען פֿון איין שטעטל, פֿון סאָקאָלקע. דער אָרדנער איז מסכּים איבערצוגעבן ווילין אַ בריוועלע, ווײַל ער איז איצט אין לאַגער נישטאָ, אַלע זײַנען בײַם ניעמען. דער ייִנגל איז נישט צופֿרידן פֿון אַזאַ מין אויסגאַנג פֿון דער גאַנצער געשיכטע. ער האָט אָבער נישט קיין אַנדער ברירה. ער מוז שנעל לויפֿן אין זײַן סאַנאַטאָריע צו מיטאָג. ער ציט אַרויס פֿון דער הינטערשטער קעשענע אַ בלײַפֿעדער און אַ קליין נאָטיץ־ביכל. רײַסט אַרויס אַ בלעטל און שרײַבט דערויף שנעל : „ווילי ! דײַטשלאַנד איז אָן קריגס־דערקלערונג אָנגעפֿאַלן אויף אונדז. מ׳דאַרף אַ קלער טאָן, וואָס צו טאָן. קום הײַנט 3 בײַ נאַכט צום וואָקזאַל. וואָלאָדיע.“ שנעל שטעקט ער אָפּ דאָס צעטעלע און אײַלט צוריק, אין דער ריכטונג, פֿון וואַנען ער האָט זיך באַוויזן. אָליק קנייטשט דאָס בלעטל פּאַפּיר און קוקט פֿאַרטראַכט ביז דער ייִנגל פֿאַרשווינדט פֿון די אויגן. וואָס טוט זיך עס אויף דער וועלט, אײַ, אײַ ! - לויפֿט אים דורך אַ געדאַנק. ער פֿילט, אַז ער קען נישט בלײַבן

אַליין מיט אָט דער נײַעס און לאָזט נישט אַוועק דעם אָרדנער. איבעריקנס, יענעם ווילט זיך אויך נישט אַוועקגיין. וואָס טאָן ? ביידע ייִנגלעך פֿילן זיך ווי אייגנטימער פֿון אַ גרויסער וויכטיקער זאַך.



סאַראַפּול, אודמורטישע אַפּסר, קינדערהיים
מיטוואָך דעם 8טן אָקטאָבער 1941, 10 אַ זייגער פֿרי

איראָניע פֿון גורל ! צי האָב איך דען ווען עס איז געטרוימט וועגן דעם, אַז כ׳וועל זײַן אַזוי ווײַט פֿון דער היים, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל פֿון אודמורטיע ? אַז כ׳וועל זײַן אַ דערצויגלינג פֿון אַ קינדערהיים, אַ מיטגליד פֿון אַ קאָלעקטיוו אומבאַקאַנטע קינדער, איינע אַליין אין דער פֿרעמד ? אין דער פֿרעמד. גרויזאַם קלינגט דאָס וואָרט פֿאַר מײַן אויער ! וויפֿל באַדײַט עס פֿאַר אַ מענטשן... איצט, ווען אין גיכן וועט זיך ענדיקן דאָס זיבעצנטע יאָר פֿון מײַן לעבן, ווען מײַן אָרגאַניזם שטייט אין בליִונג, איז פֿול מיט ענערגיע, לעבנסלוסט און יוגנטפֿרייד, איז דאָס יאָר שמוציק, בלאָטיק אין פֿאַרשלאָפֿענעם סאַראַפּול. אין ליידיקגיין פֿאַרגייען מײַנע טעג, אין אומענדלעכן ווייטאָק און בענקעניש נאָך מײַן היים. ניט שוין זשע איז עס מײַן בעטל אין חבֿרישן שלאָפֿצימער, מײַן וואַליזקע, מײַנע העפֿטן און ביכער, וואָס ליגן פֿאַריתומט און וואַרטן אויף דער באַנײַונג פֿון שוליאָר ? ניין !!! מײַן היים איז דאָרט - אויף יענער זײַט פּראָנט, אין מײַן ביאַליסטאָק ! כ׳דערמאָן מיך מײַן געסל, די אַלטע כאַטע, די מאַמע ! מאַמאַ ! ווּ ביסטו אַצינד ? ווּ זײַנען דײַנע ליבע אויגן ? מײַן היים - דאָס ביסטו ! דאָס איז שׂרהלע, משהלע, דער פּאַפּאַ, מײַנע חבֿרים ! ווּ איז שׂרהלע

דאַווידאָווסקי, מאָשע, לאהקע, זאבל, משהל, סיאָמקע, חיים, הערשל, שלמה, ניאָמקע ? מײַן היים - איז מײַן שולע, מײַנע לערער, מײַן היים איז - ביאַליסטאָק ! און איך ווו בין ? אָנגעשפּאַרט אויפֿן קליינעם טישל, זיץ איך אויפֿן בעטל לעבן פֿענצטער. אין דרויסן איז אַ שיינער, פֿראָסטיקער האַרבסטטאָג. אויפֿן באַלקאָן איז אויסגעגאָסן אַ ליכטיקער זונרעגן. די ביימער אויף דער קינדערהיים-טעריטאָריע שטייען רויִק און מאַיעסטעטיש. דער פֿראָסטיקער ווינטל נייגט זייערע שטאָלצע קעפּ צום פֿרימאָרגן-גרוס. אַ בלענדענדיקע שײַן פֿאַלט אויף זייערע קרוינען, אַלץ רופֿט צו לעבן, צו טעטיקייט. אויף דער ערד ליגט אויסגעשפּרייט אַ קאַווויאָר פֿון געלע בלעטער, ס'איז ווייך, פֿראָסטיק און שיין. דער גאָלדענער האַרבסט ! אַ ריינער דורכזיכטיקער הימל, אַ ליכטיקע בלויקייט פֿון רוים. הויך, הויך פֿליט אַ פֿויגל. פֿון וואַלד דערטראָגט זיך אַן אָפּהילך פֿון שאָסן-מאַנעוורען. און איך ? וואָס טו איך אין דעם שיינעם האַרבסטטאָג ? אין שול גיי איך ניט, ווײַל אין די עלטערע קלאַסן זײַנען די לימודים איבערגעריסן און די שילער אַרבעטן אין קאָלכאָז. איך לייען און קלער, איך צעגיי פֿון בענקשאַפֿט... ווי זעט אויס דער האַרבסט אין מײַן היימשטאָט ? פּונקט ווי דאָ, איז דאָרט זוניק, פֿראָסטיק, יום-טובֿדיק ? די שטיוול פֿון אַ דײַטשן סאָלדאַט טרעט איבער די געלע אַראָפּגעפֿאַלנדיקע בלעטער אין דער אַלייע, איבערן גלאַטן ברוק פֿון די גאַסן. אַ שוואַרצער האַקנקרייץ פֿלאַטערט אין דער פֿראָסטיקער ליכטיקייט. דאָרט - אין די ענגע געסלעך באַהאַלט זיך מײַן מאַמע פֿון אַ ברוינהעמדלדיקער, בלאָנדהאָריקער בעסטיע. דאָרט באַהאַלט איר שיינעם פּנים מײַן יונגע חבֿרטע, דורכגייענדיק די גאַס. און אפֿשר ? אפֿשר איז שוין לאַנג פֿאַרברענט און אין חורבֿות פֿאַרוואַנדלט אונדזער הויז, אפֿשר רוט שוין אין פֿראָסטיקער, נאַסער ערד די מאַמע, דער פּאַפּאַ, מײַן שוועסטערל און ברודערל, קראַנק איז מײַן חבֿרטע ? ווער וועט מיר אַנטפּלעקן דעם סוד פֿון זייער גורל ? אפֿשר האָבן אין פֿינצטערן קאַרצער געענדיקט מײַנע בעסטע חבֿרים און חבֿרטעס ? ווער קען טרייסטן מײַן



צעווייטיקט האַרץ, ווער קען שטילן מײַן טרויער ? וואָלט איך פֿליגל געהאַט, וואָלט איך צו אײַך געפֿלויגן... ליידער !

גענוג, איך קאָן נישט מער...

פֿרײַטיק דעם 10טן אָקטאָבער, 3 נאָך מיטאָג

הײַנט האָב איך דערזען אַ קרבן פֿון דער בלוטיקער אומברחמנותדיקער צווייטער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מלחמה. ס'איז נישט עמיץ, וואָס איז געפֿאַלן אין די נאַסע, ערדישע אָקאָפּעס, נישט פֿון די, וואָס פֿוילן אין די טראַנשייען, נישט קיין העלד אויפֿן פֿראָנט, וועמענס נאָמען מע וועט באַזינגען דורך היסטאָריקער און פּאָעטן... ניין - אַ קרבן אַ 10-יעריקער, איציק גרובאָרעצאָוו ! אַ קליינער שטיפֿערל מיט רויטע בעקעלעך... ער איז געקומען מיט זײַן 12-יעריקן ברודערל - טאָליק אין דרוסקעניק אויף וואַקאַציעס און איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן צוזאַמען מיט אונדז פֿון זײַן היים - ווײַסרוסלאַנד - ווײַט פֿון זײַנע עלטערן, דאָ אין סאַראַפּול. איצט האָט ער דאָ אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם. נעכטן אין אָוונט איז ער אויסגעגאַנגען, ליגנדיק אַ מעת-לעת אָן באַוווסטזײַן, ניט דערקענענדיק אפֿילו זײַן פֿאָטער, וועלכער איז מיט אַ סך מי אים געקומען דאָ אויפֿזוכן... ער האָט פֿאַריתומט זײַן משפּחה, אָבער אויך אונדז אַלעמען ! פֿאַרשטיינערט זײַנען מיר אַלע געשטאַנען לעבן זײַן רויטן אָרון, צום לעצטן מאָל געקוקט אויף זײַן קינדיש, אָבער פֿאַרגעלט, קאָלט פּנימל... 10-יעריקער איציקל ! פֿון די טרערן, וואָס מיר האָבן פֿאַרגאָסן, קען ווערן אַ ים, אין וועלכן ס'דאַרפֿן דערטרונקען ווערן די שולדיקע פֿון דער מלחמה. דאָס וועט זײַן די נקמה פֿאַר דײַן פֿריצײַטיקן טויט !

שבת דעם 11טן אָקטאָבער 3 נאָך מיטאָג

פֿאַרוויינטער, שפּעטער האַרבסט. אָן אויפֿהער גיסט אַ קאַלטער, שפּיזלדיקער רעגן, אַ נאַסער חוצפּהדיקער ווינט שמײַסט אין פּנים, די ערד

איז פֿאַרדעקט מיט פֿאַרגעלטן גראָז און שיטערער, געלער בלאָטע. מען קען פֿון שטוב נישט אַרויסגיין. אַפֿילו ווען דער האָרן רופֿט אין עסצימער, גייט מען נישט גערן. דערנאָך - צוריק און אין צימער. איך לייען הײַנעס ווערק אין רוסישער איבערזעצונג. דעם אָריגינאַל קען מען נישט קריגן ! אין גיכן פֿאָרט אונדזער קינדערהיים אַריבער קיין קאַראַקולינאָ, 60 קמ' פֿון דאַנען. ווען וועט זיך שוין אָנהייבן אַ מער ווייניק נאָרמאַליזירטער, פּראָדוקטיווער לעבן ?

דינסטיק דעם 14טן אָקטאָבער, 10 פֿרי

נעכטן איז געווען אונדזער דירעקטאָרס געבורטסטאָג. די דערציִערין ב. פּ. און אַלע קינדער פֿון מײַן גרופּע האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל אים באַגריסן. איך וואָלט נישט געוואָלט עס טאָן, אָבער כ'האָב זיך נישט געקענט אָפּזאָגן. כ'האָב נישט געקענט דערקלערן דעם עולם די סיבה פֿון מײַן כּעס, צוליב זײַן באַציִונג צו מײַן נאָענטער חבֿרטע. כ'האָב אונטערגעשטראָכן : חוץ זײַן זאָרג וועגן אונדזער דערנערונג וועט ער נאָך דאַרפֿן באַזאָרגן אונדזער דערציִונג און בילדונג. מיר וועלן דערפֿאַר אים שטאַרק דאַנקבאַר זײַן !
איך ווייס נישט, ווי ער האָט עס אויפֿגענומען. געניע און דאָסיע האָבן זיך געוווּנדערט פֿון מײַן שעצונג צו אים. זיי האָבן דאָך אויך געקענט זײַן אויפֿפֿירונג... איך האָב זיי אָבער דערקלערט, אַז אונדזער חשבון פֿיר איך ווײַטער. צו דעם קאָמפּראָמיס אויף וועלכן כ'בין געגאַנגען, האָט מיר געצוווּנגען מײַן סיטואַציע אין יתומים-הויז !

פֿרײַטיק דעם 17טן אָקטאָבער 7 אָוונט

לאהקע, לאהקע ! צו וואָס בין איך דערגאַנגען !
הײַנט האָבן זיך באַנײַט די לעקציעס אין די עלטערע קלאַסן און כ'בין אַוועק אין שול. די שולע האָט אין גאַנצן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי מײַן היימישע שולע. די פֿאַרשאָלטענע מלחמה האָט צוגענומען מײַן היים, מײַנע



עלטערן, לערער, חבֿרים ! זי האָט מיך פֿאַרוואָרפֿן אין טיפֿן ראַטן-פֿאַרבאַנד, כּדי צונעמען מײַן אידייע, מײַן פֿאָטערלאַנד, מײַן ציל אין לעבן. דער גורל האָט מיר געשענקט דאָס לעבן כּדי כ'זאָל לײַדן, כּדי כ'זאָל זען ווי פֿון אַלץ, וואָס איז מיר הייליק ווערט אַ תּל. עס ווערט פֿון מיר אַ שאָטן !
לויטער „וועלט-שמערץ". הײַנעס „וועלט-שמערץ" ! אין גיכן וועל איך זײַן 17 יאָר אַלט און כ'בין אַ שאָטן...

מאָנטיק דעם 20סטן אָקטאָבער, 1 בײַ טאָג

כ'בין איצט געקומען פֿון שולע. כ'האָב געענטפֿערט אויף אַלגעברע, גוט געענטפֿערט. די לערערין איז געווען צופֿרידן. אויך פֿון רוסישער ליטעראַטור. איך שטיי נישט אָפּ פֿון קלאַס, פֿאַרקערט, מיר דאַכט זיך, אין אַ סך פֿאַלן שטײַג איך אים איבער. דאָס לערנען גייט מיר לײַכט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך לערן אַלץ אויף רוסיש און נישט אויף ייִדיש ווי אַ מאָל. די טערמינאָלאָגיע באַהערש איך גוט. אין אַלגעמיין איז מיר נישט שלעכט.
אין גיכן וועלן מיר פֿאָרן קיין קאַראַקולינאָ. מיר ווילט זיך ניט פֿאָרן אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף, נאָך ערגער ווי סאַראַפּול. 60 קמ' פֿון אַן אײַזנבאַן-ליניע ! לערנען אין אַ נײַער שול מיט אַן איבעררײַס ווײַטער, און לערנען ! אָבער - פֿאַרפֿאַלן.

פֿרײַטיק דעם 24סטן אָקטאָבער, 6 פֿאַרנאַכט

שוין נאָך דער רײַזע ! דינסטיק זײַנען מיר אַרויסגעפֿאָרן, מיטוואָך אינדערפֿרי זײַנען מיר אָנגעקומען אין קאַראַקולינאָ. אַ טיפּישער דאָרף אויפֿן ברעג פֿון דער קאַמע. אַ שמוציקער מיסטקאַסטן מיט הײַזלעך, מערסטנטייל הילצערנע, איינשטאָקיקע. אונדזער געבײַדע געפֿינט זיך אין צענטער פֿון דאָרף. צוויי טריט צו דער שולע, צום מאַרק, צו דער עססטוב, קאָמיטעטן פֿון קאָמסאָמאָל און פּאָטשט. בײַ אונדז איז נאָך קיין זאַך נישט אײַנגעאָרדנט. ס'איז אַ

געוועזענער שול-לאָקאַל. מיר שלאָפֿן אויף מאַטראַצן, אויף דר'ערד שוין די דריטע נאַכט. אין שולע גייט מען נאָך נישט. אַ גאַנצן טאָג ליגט מען אויף דר'ערד און מען לייענט. (ביכער האָב איך געקריגן אין ביבליאָטעק !) אַפֿילו איצט ליג איך אויף דר'ערד לעבן נאַפֿט-לעמפּל, וועלכן כ'האָב קוים אויסגעקעמפֿט ; (דאָ איז עס אַ גאַנצער אוצר !) און איך שרײַב... מאָנטיק וועלן מיר שוין גיין אין שולע ! כ'וועל ווײַזט אויס לערנען פֿון 2 בײַ טאָג. כ'וואָלט וועלן זיך ווי עס איז שוין אײַנאָרדענען, זיך אַרומוואַשן, זײַן אַ מענטש ! אַ באָד און אַ מענטשלעכע בעט - איז איצט דער טרוים פֿון יעדן פֿון אונדז ! ווי ס'איז פֿאָרויסצוזען, וועט דאָ זײַן בעסער ווי אין סאַראַפּול. ווײַל, ערשטנס, איז דאָ אַ דאָרף, קריגן מיר בעסערע עסנס ; אָבער אַ סך ווייניקער, לויט דער נאָרמע ! ... פּוטער, קעז, זויערמילך, פּאַכטאַ - אַ געטראַנק ענלעך צו סמעטענע ! מיר קריגן אַלע טאָג פֿלייש ! דאָ איז אָבער נישטאָ קיין עלעקטרישע ליכט, זיצט מען אין דער פֿינצטער... אַפֿילו אַ נאַכטלעמפּל איז שווער צו קריגן ! דאָ איז קיין קינאָ און טעאַטער נישטאָ. דאָס איינציקע, וואָס איז אונדז געבליבן - איז אַ בוך. אָבער קיין גוט בוך קען מען דאָ אויך נישט קריגן... אין זיבן און דרײַסיקסטן יאָר האָט דאָ אָפּגעברענט די ביבליאָטעק, און איצט איז געבליבן עטלעכע צענדליק ביכער וועגן דאָרף-ווירטשאַפֿט, וועלכע אינטערעסירן מיך נישט. איך לעב ווי אויף אַן אינדזל... מײַנע הײַנטיקע חבֿרטעס זײַנען : טאַניע, געניע און אַסיע. לעצטנס האָב איך זיך דערנענטערט מיט געניען. זי שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גאַנץ באַזונדערן טיפּ : אַ מיידל, וועלכע האָט זיך דערצויגן צווישן זין און טעכטער פֿון דער ייִדישער גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע האָט אַן ענערגישן חוצפּהדיקן כאַראַקטער... אינטעליגענט, פֿילבאַר, אַראָגאַנטיש, צײַטנווײַז - עגאָיִסטיש... דאַכט זיך, אין גאַנצן אַ קעגנזאַץ צו מײַן געשמאַק ! אָבער צײַטנווײַז קלערן מיר און האַנדלען אַלצאיינס. עס פֿאַראייניקט אונדז אין אַ געוויסער מאָס דער קוק אויפֿן לעבן. מיר שטרעבן ביידע צו עפּעס העכערס, מיר ווילן לערנען !



פֿאַרקריצנדיק מיט די ציין, פֿאַרקוועטשנדיק די פֿויסטן, האָבן מיר באַשלאָסן לערנען זיך און מיר לערנען.

טאַניע איז שוין אין גאַנצן אַנדערש. זי איז פּשוטער, בעסער לויטן כאַראַקטער פֿון געניען, פּראָלעטאַרישער לויט דער סבֿיבֿה, אין וועלכער זי האָט זיך דערצויגן און געלערנט. זי האָט אָבער אַ קליינע השׂגה : זי אַרבעט אַלס דערציִערין, ווײַטער, זי וויל ניט לערנען, זי לייענט אַפֿילו נישט. זי קלערט נישט וועגן זיך און איר גורל !

אַסיע - אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער : נערוועז, קאַפּריזנע, ראַפֿינירט אין לעבן, אָבער אַ געטרײַע חבֿרטע ! איר כאַראַקטער איז, לויט מיר, אַ נעגאַטיווער, אָבער איר שוועסטערלעכע גוטסקייט איז צו באַגריסן ! בכלל, לעבן מיר אַלע פֿיר גוט. וווּנדערלעך ! די באַדינגונגען האָבן פֿאַראייניקט און דערנענטערט פֿיר מענטשן מיט פֿאַרשיידענע כאַראַקטערס, באַציִונג צום לעבן, צו דער סבֿיבֿה... מיר טיילן זיך דאָ מיט אַלץ, רעכענען זיך נישט אויס מיט קיין געלט, קיין זאַכן, נאָך בעסער ווי אין דער היים. אַלץ צוליב אונדזער געמיינזאַמען אומגליק ! - די פֿאַרשאָלטענע מלחמה ! אונדזערע משפּחות און חבֿרים זײַנען אַלע אין ביאַליסטאָק ! מיר זײַנען דאָ איינזאַם ! דאָך, מיר פֿאַרגעסן זיך דאָ צײַטנווײַז, בכלל ביסלעכווײַז, אין אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט... פֿאַרגעסן - איז אַ געזעץ פֿון מענטשלעכן זכּרון... אָן פֿאַרגעסן, וואָלט קיין געדענקען נישט עקזיסטירט... מען מוז שלום מאַכן מיטן גורל. ס'איז שווער זיך פֿאָרשטעלן, פֿון מויל אַרויסרעדן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז כ'וועל שוין מער נישט זען מײַן היים און מײַן משפּחה... כ'וועל מוזן בויען מײַן לעבן דאָרט ווּ כ'וווין איצט... ס'איז שווער פֿאָרויסצוזען ווּ דער גורל וועט מיר נאָך פֿאַרוואַרפֿן, ווּ כ'וועל זיך דאַרפֿן פֿאַרוואָרצלען. אָבער כ'צווייפֿל, צי עס וועט קענען זײַן דער באָדן, פֿון וועלכן איך שטאַם... איך וויל ניט טראַכטן, וואָס עס וועט זײַן... נאָך דעם, וואָס ס'איז געוועזן... עס ברענגט מיר צו טרויער ! כ'וויל זיך נעמען צום לערנען ! דאָס איז דער איינציקער אויסוועג ! כאָטש כ'בין שוין נישט

לאהקע פֿון ביאַליסטאָק, נאָר לענאַ פֿון רוסישן קינדערהיים, אַן אַנטוישטער יונג אַלט-געוואָרענער מענטש...

**מאָנטיק דעם 26סטן אָקטאָבער, 11.30 פֿרי**

הייַנט גייט מען שוין אין שול. מען הייבט אָן לערנען צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג. מייַן שטימונג איז אָבער נישט וואַזשנע : פֿון פראָנט קומען אָן טרויעריקע ידיעות : די דייַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט סטאַלינאָ, אַ שטיק דאָנבאַס. פֿאַרביסענע קאַמפֿן גייען אָן אין דער ריכטונג פֿון כאַרקאָוו... אונדזער גורל איז אַ געחתמעטער... איך וואַרט נישט אויף קיין נסים...

נעכטן זייַנען מיר געגאַנגען מיט געניען הינטערן דאָרף. מיר האָבן געשמועסט וועגן אונדזער גורל, אונדזער לעבן. מיר זייַנען געקומען צום אויספֿיר, אַז מיר זייַנעןביידע געפֿאַלן זייער נידעריק, מיר זייַנען געצווּונגען צו טראַכטן וועגן פראַקטישע זאַכן ; מיר זייַנען געוואָרן זשעדנע ווי אַלע אַרומיקע צוליב דעם, וואָס מיר קריגן נישט גענוג עסן. פֿונדעסטוועגן איז אונדז נאָך אַפֿילו בעסער ווי אַלע איבעריקע, ווייַל מיר האָבן נאָך אַ ביסל געלט, קענען מיר זיך דערלויבן עפּעס קויפֿן... דער ביסן בלייַבט שטעקן אין האַלדז, ווען מען קוקט אויף אונדז מיט זשעדנע אויגן ; מיר צעטיילן זיך מיט נאָך דערצויגלינגען פֿון קינדערהיים. מיר זייַנען פֿאַרמשפּט צוליב אונדזער בעטלערישן מויל !

איך האָב נאָך אויך פראָבלעמען מיטן דירעקטאָר - ער באַמיט זיך מיך דערנידעריקן, באַליידיקן, ווייַל איך חנפֿע אים נישט... ווייַל איך רעד ייִדיש מיט די אַנדערע דערצויגלינגען פֿון זעלבן צימער... נעכטן האָט ער זיך אָן שום פֿאַרשטענדעניש אַרויסגעזאָגט וועגן אַ ייִדישער שול. ס'האָט מיר זייער וויי געטאָן. דערנאָך האָט ער נאָך געוואָלט באַווייַזן, אַז איך קען קיין פּויליש נישט : ער האָט דרייַ שעה פֿילאָסאָפֿירט צי מען זאָגט אויף פּויליש uczyc sie na inzyniera : ס'איז אים נישט געלונגען צו באַווייַזן, אַז ס'איז נישט גוט געזאָגט... ער רעגט מיך שטאַרק אויף. איך וויל פּטור



ווערן פֿון קינדערהיים, פֿון דירעקטאָר... אָבער ווי אַזוי זיך העלפֿן ? ווען כ'וואָלט אַפֿילו רעזיגנירט פֿון לערנען זיך און געפֿונען עפּעס אַן אַרבעט, וואָלט איך זיך דאָך אויך נישט געקענט אַליין אייַנאָרדענען... מייַן עלנט איז אַ גרויסער ווייטאָג און אַ סך לייַדן ! דאָס לעבן איז נידעריק און מיאוס !

איך לערן ערלעך, כ'גרייט געוויסנהאַפֿט די לעקציעס, לויט מייַן געוווינהייט.

**דינסטיק דעם 28סטן אָקטאָבער, 10 פֿרי**

כ'בין נעכטן געווען אין שול. סאַראַ נידעריקער ניווֹאָ ! אַן אמתע דאָרפֿישע שולע. כ'זע, אַז די שולע וועט מיר גאָרנישט געבן. די לערער דערקלערן שלעכט דעם מאַטעריאַל. דער קלאַס קען גאָרנישט. ס'איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט זיך אייַנאָרדענען אין סאַראַפּול אין אַ קינדערהיים און לערנען דאָרט. דאָרט זייַנען זייער גוטע לערערס. כ'וויל אָבער אַהין ניט פֿאָרן. די ידיעות פֿון פראָנט זייַנען אויפֿטרייסלענדיקע. ווער ווייס, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען... ס'גלוסט זיך ניט אָפּרייַסן פֿון קאָלעקטיוו און אַרייַנפֿאַלן נאָך אין אַ גרעסערער עלנט... אגבֿ איז די באַשפּייַזונג דאָרט נאָך אַ סך ערגערע. דאָ (ווו מען הונגערט ביסלעכווייַז) איז אַ גן-עדן, פֿאַרהעלטניסמעסיק. זאָל גיין, ווי עס גייט.

**מיטוואָך דעם 29סטן אָקטאָבער, 10.30 פֿרי**

כ'וואָלט וועלן זיך אויסזידלען, אויסגיסן ערגעץ מייַן ביטער האַרץ ! איך קען שוין באַלד נישט לייַדן ! ווי לאַנג וועל איך זיך נאָך וואַלגערן אויף דר'ערד אין אַ צימער פֿון 35 פּיסקאַטע מיידלעך ? ווי לאַנג וועל איך לייַדן באַליידיקונגען פֿון דירעקטאָר ? דאָס, וואָס איך ווייַז בפֿירוש אַרויס, אַז כ'וויל אים ניט חנפֿענען, אַז מיר גייט ניט אָן זייַן מיינונג וועגן מיר, אַז מיר אינטערעסירן נישט זייַנע נאַרישע וויצן, מאַכט אים בייז.

צייַטנווייַז קלער איך : אַלץ איינס לייַד איך הונגער, כ'וויל שטענדיק עסן,

אַפֿילו אַוועקגייענדיק פֿון טיש. איין שוואַרץ יאָר, כ׳וועל וואַרפֿן דעם בעטלערישן אַנשטאַלט, די דאָרפֿשול און כ׳וועל גיין אַרבעטן אין אַ גרויסער שטאָט, צ״ב : איזשעווסק. דערנאָך פֿאַרשטיי איך, אַז דאָרט וועל איך נאָך זײַן מער עלנט, עסן נאָך ווייניקער... ווײַל אַפֿילו פֿאַר געלט קען מען מער ווי 40 דעקאַגראַם ברויט אַ טאָג ניט קריגן... שוין אָפּגערעדט פֿון פּוטער, קעז, אַ פּיצל פֿלייש, אַפֿילו אַ ביסל קאַשע... וואָלט מיר אויסגעקומען הונגערן אין שטוב - וואָלט לײַכטער געווען ! דאָ - לײַד איך פֿיזיש און גײַסטיק ! דאָ קריג איך צום פֿרישטיק אַ פּאָרציע מוסר און פֿאַרשטעלטע שטעכווערטלעך... דאָ פֿיל איך זיך ווי אַ פֿויגל געפֿאַנגען אין שטײַג. ווען וועט זיך ענדיקן די פֿאַרשאָלטענע מלחמה ?

דאָנערשטיק דעם 30סטן אָקטאָבער, 9 פֿרי

מינוטן פֿון שטילן ווייטאָג. טיף אין האַרצן זיצט אַ ווערעמל און פֿרעסט און פֿרעסט... איך בענק... כ׳בענק נאָך פֿרידן, אַהיים... אַ מאָדנער חלום האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט : איך זיץ אין הויז, וווּ ס׳שטייט אַ שיפֿל מיט לעבעדיקע פֿיש ; פּלאָטקעס און קאַרפּן. די מאַמע זיצט אין שיפֿל, אויך שׂרהלע און משהלע, מיר דאַרפֿן זיך ערגעץ אַוועקשיפֿן. זיי וואַרטן אויף מיר ! דאָ רײַסט זיך איבער דער פֿאָדעם פֿון מײַן טרוים, כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אויפֿן שמוציקן מאַטראַץ אין קאַלטן צימער. פֿאַר וואָס וויין איך נישט ? פֿאַמעלעך צאַנקט אין מיר די נשמה... מאַמע, הער ווי ס׳וויינט מײַן האַרץ ! זע, ווי בלאַס איז מײַן געזיכט און ווי טרויעריק קוקן די אויגן ! דערמאָן מיך צום גוטן ! כ׳וויל נאָך ניט אַוועקגיין אַזוי גיך אין דער אומענדלעכקייט פֿון פֿאַרגעסן... שׂרהלע דאַווידאָווסקי, געדענקסט מיך נאָך ? שטייט ווען עס איז מײַן בילד פֿאַר דײַנע שיינע, שוואַרצע אויגן ? ווען כ׳וואָלט געקענט, וואָלט איך בלימעלעך קליינע, בלאָוּנקע, דיר געשיקט ! אַ באַשיידענע ביטע - פֿאַרגעס מיך נישט !



דעם זעלבן טאָג - 6 אָוונט

כ׳שרײַב אין שולע אויף אַן הפֿסקה. כ׳האָב זיך ערשט דערוווּסט, אַז נאָך דעם 24סטן, דעם חודש, האָט זיך די רעגירונג איבערגעצויגן פֿון מאָסקווע קיין קויבישעוו. אין מאָסקווע איז געבליבן בלויז דער פֿאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט מיט סטאַלינען. הײַנט אין דער פֿרי האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז כאַרקאָוו האָבן די דײַטשן פֿאַרנומען, און אַז די נאַכט האָבן זיי שטאַרק באָמבאַרדירט מאָסקווע. איך בין אומרויִק, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן...

דעם זעלבן טאָג, 9 אָוונט

כ׳בין ווײַטער אין אַן אויפֿגערעגטן צושטאַנד. די סיבה איז אַ געוויינלעכע : נעכטן איז געווען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג, ווען כ׳בין געווען אין שולע. ווען כ׳בין צוריקגעקומען האָט מען מיר דערציילט, אַז כ׳בין מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטן אויסגעוויילט געוואָרן אײַנשטימיק אין קינדערראַט ! הײַנט איז געווען אַ זיצונג פֿון קינדערראַט. אַלע האָבן זיך געגרייט מיך אויסוויילן אַלס פֿאָרזיצער. כ׳האָב פֿריִער נאָך פֿאַרשטאַנען אַז דער דירעקטאָר וועט נישט זײַן שטאַרק צופֿרידן פֿון דעם. ער האָט שאַרף רעאַגירט אויף מײַנע פֿאָרשלאָגן וועגן פּראָגראַם, וועלכער איז שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן פֿון דער מערהײַט מיטגלידער ! עס איז געווען זײַן פּערזענלעכער אָנגריף ! איך זע, אַז כ׳וועל מיט אים קיין מאָל ניט שטימען ! ער איז אַרײַנגעקומען אין צימער זיך אײַנקוקן ווי מען מאַכט אָפּ די לעקציעס. ס׳האָט זיך פֿאַרצויגן אַ שמועס וועגן רוסיש און ייִדיש. לסוף איז מען אַרויף אויף דער טעמע : „צי דאַרף מען לערנען און רעדן ייִדיש, אָדער ניט !“ איך האָב מיט פֿרייד אויפֿגענומען די דיסקוסיע און געהאַלטן, אַז מיר מעגן רעדן ייִדיש ! כ׳האָב אים געגעבן אַ סך אַרגומענטן, אים אויך באַוויזן, אַז דאָס שטערט אונדז ניט זיך אויסצולערנען רוסיש ! ער האָט ניט געקענט באַווײַזן, אַז ס׳איז פֿאַרקערט... האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק. די חבֿרה - געוועזענע שילער פֿון ייִדישע שולן - האָבן געלאַכט און זײַנען געווען צופֿרידן. מיר

האָט עס פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסן פֿאַרגעניגן ! אויסגעטריקנט זײַנען געוואָרן אַלע זײַנע פֿראַזן... כאַ, כאַ, כאַ...

שבת דעם 1טן נאָוועמבער, 9 פֿרי

די ידיעות וועגן דער פּאָליטישער לאַגע מאַכן קילן דאָס בלוט אין די אָדערן. הײַנט האָט דער סאָוויעטישער ראַדיאָ איבערגעגעבן וועגן צוזאַמענשטויסן אויף דער מזרח-גרענעץ. דאָס הייסט, יאַפּאָניע גייט אויך אָפּנעמען אַ שטח. מיר זײַנען פֿאַרפֿאַלן. די לאַגע איז איצט ערגער ווי אין 1918. דאַן איז דער רעוואָליוציאָנערער שטאַנד געווען שטאַרק. איצט איז די אַרמיי, צום באַדויערן, שוואַך. אין גיכן דערנענטערט זיך דער יאָרטאָג פֿון דער רעוואָליוציע. וואָס פֿאַר אַ מתּנה ברענגט דאָס פֿאָלק צום יאָרטאָג? וואָלאָדיע, וועלכער איז געווען אין מיליטערישן שפּיטאָל אין סאַראַפּול, דערציילט, אַז די זעלנער, וואָס זײַנען פֿאַרוווּנדעט, זײַנען גליקלעך, וואָס זיי זײַנען שוין נישט אויפֿן פֿראָנט...

בײַ אונדז אין קינדערהיים גייט אַרום קרעץ. די מגפֿה פֿרעסט כמעט אַלעמען. ס'איז קיין וווּנדער נישט : וואַשן קען מען זיך נישט, מען שלאָפֿט אויף דער ערד אויף שמוציקע מאַטראַצן, דערצו נאָך - זאַלבעצווייט ! אַן איבערוויגנדיקע מערהייט איז קראַנק. איך בין נאָך געזונט ! וואָס ס'וועט זײַן ווײַטער, ווייס איך נישט.

איך לערן גוט, כ'קריג אויסגעצייכנטע מיינונגען ! כ'בין אָבער ניט באַפֿרידיקט פֿון דעם.

מאָנטיק דעם 3טן נאָוועמבער, 8.30 פֿרי

נעכטן איז געווען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג און כ'בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פֿאָרזיצערין פֿון ראַט מיט אַ סך אַפּלאָדיסמענטן. פֿאַר וואָס האָבן מיך די קינדער אַזוי ליב ? דער גרעסטער טייל פֿון זיי קען דאָך ניט לאהקע פֿון ביאַליסטאָק. זיי ווייסן ניט וועגן מײַן אונטערערדישער טעטיקייט אין



פּיאָנער, וועגן מײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין שולע. וואָס זעען זיי אין מיר ?

אין אַנשטאַלט איז בכלל פֿאַראַן אַ גרויסע אומאָרדענונג : מיר שלאָפֿן נאָך אַלץ אויף דר'ערד, אָבער ברעטער ליגן אויפֿן הויף. די עלטערע יִינגלעך האָבן אַ ביסל ברעטער צעזעגט, און ווען די מיידלעך ווילן זיי אָפּוואַשן פֿאַר די בעטן, איז אָבער קיין וואַסער נישטאָ. אַפֿילו וואַסער צו טרינקען - אויך ניטאָ. פֿאַר וואָס קלערט קיינער ניט צו באַזאָרגן וואַסער פֿון ברונעם ? מיר דאַרפֿן זיך דאָך אויך וואַשן. דער גאַנצער אַנשטאַלט איז דאָך פֿאַרלייזיקט ! דער דירעקטאָר פֿאָדערט פֿון אַלעמען אַ סך, נאָר ניט פֿון זיך אַליין... נעכטן האָט ער צו דער רוימערין, וועלכע איז געקומען מיט אונדז פֿון דרוסקעניק געשריגן : „דו טוסט גאָרנישט ! כ'וועל דיך אַרויסיאָגן ווי אַ הונט ! " ווי קען מען אַזוי רעדן צו אַ פֿרוי ?

נעכטן האָבן דרײַ דערצויגלינגען פֿון קינדערהיים פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק אַ העמד און אַ סוועטער פֿאַר 11 רובל. איינע פֿון די דערציִערינס - פֿאַני פּ - האָט עס געזען, האָט זי עס דערציילט דעם דירעקטאָר. אַלע פֿאָדערן כ'זאָל אַרויסטרעטן קעגן דעם, כ'זאָל מוסרן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג די קינדער ! כ'פֿאַרשטיי, אַז מען דאַרף פֿירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע דערשײַנונגען, אָבער איך האָב רחמנות אויף די קינדער. כ'פֿאַרשטיי, אַז דער הונגער האָט זיי צו דעם געטריבן ! וויפֿל מאָל בין איך אַליין אויך הונגעריק ? אַ גוטער באַלעבאָס קען אויסמײַדן צווייטראַנגיקע פּראָדוקטן און באַזאָרגן ברויט. כאָטש ווען מיר זײַנען אין אַ דאָרף, אין שכנות מיט קאָלכאָזן !

איך דערקלער זיי, אַז די זאַכן זײַנען אונדז זייער נייטיק, ווײַל אָן דעם וועלן מיר זיך פֿאַרקילן ! אַלזאָ - גאָרנישט פֿאַרקויפֿן ! דעם דירעקטאָר זאָג איך אויך, אַז מען דאַרף אויך אײַנאָרדענען אַ וואַסערקראַן אין לאָקאַל, כּדי מיר זאָלן קענען טרינקען און זיך וואַשן !

דינסטיק דעם 4טן נאָוועמבער, 9 פֿרי

נעכטן פֿאַרן אַוועקגיין אין שולע האָב איך און געניע, מיר בײדע גערעדט מיט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ וועגן לעבן אין קינדערהיים. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ מיינט, אַז אונדזער אַרבעט קען און מוז נאָך גיין בעסער ווי ביז איצט, ניט־קוקנדיק אויף די שווערע באַדינגונגען. זי גיט אַ בײַשפּיל פֿון איר לעבן אין 24סטן יאָר, ווען ס'איז געווען אַ שרעקלעכער הונגער, מענטשן זײַנען געפֿאַלן אין די גאַסן פֿון הונגער און עפּידעמיעס און דאָך האָט זי דערצויגן איר זון פֿאַר אַן ערלעכן, פּראָדוקטיוון מענטשן. פֿאַר וואָס קען מען דאָ ניט דערציִען אַזעלכע ערלעכע מענטשן ? דערפֿאַר ווײַל דאָ זײַנען ניט פֿאַראַן קיין פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן באמת ליב די קינדער, זײַנען נאָענט צו זיי... אַפֿילו דער דירעקטאָר (זי האָט אים טרעפֿלעך כאַראַקטעריזירט !) קלערט לעצטנס ווייניק וועגן די קינדער, דערצו איז ער אויך קיין פּעדאַגאָג נישט ! ער איז אַ פֿעיִקער מענטש, אָן אײַנגעבוירענער אינטעליגענץ, נאָר מיט דערוואָרבענער פּראַקטיק. איבער זיך אַרבעט ער ווייניק, זײַנע באַשלוסן זײַנען ניט קאָנסעקווענט. איצט האָט ער בכלל פֿאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט, ווײַל ער פֿאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן זײַן שוועסטער און אײַנאָרדענען זי צוזאַמען מיט אונדז. ער האָט זי באַזאָרגט מיט אַ צימער און אַ בעט, ער גיט איר אַ קאָץ צו נייען אַ מאַנטל ! אָבער די קינדער הונגערן, לײַדן קעלט...

הײַנט וועט מען אין מײַן קלאַס דאַרפֿן מאַכן אַ שריפֿטלעכע אַרבעט וועגן דער רוסישער ליטעראַטור. אינטערעסאַנט, ווי אַזוי כ'וועל עס אָנשרײַבן ?

מיטוואָך דעם 5טן נאָוועמבער 12.30 בײַ טאָג

הײַנט זײַנען אַלע עלטערע קלאַסן אַוועק צום טײַך קאַמע כּדי צעזעגן דאָס האָלץ, וואָס געהערט אונדזער שול. איך בין אויך געגאַנגען און געאַרבעט 1.30 שעה. דערנאָך האָב איך זיך פֿאַרמאַטערט, ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אין די פֿיס און כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים. כ'באַוווּנדער מײַנע שול-



חבֿרטעס און חבֿרים. פּויערישע קינדער, געזונטע, צוגעוווינט צו שווערער פֿיזישער אַרבעט. זיי וועלן אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. און איך ? זיי זאָגן, אַז איך זעג ניט שלעכט ! אָבער איך פֿאַרמאַטער זיך שנעל. ניט געוווינט דערצו...

הײַנט האָב איך ווידער געהאַט אַ סצענע מיטן דירעקטאָר. ווען כ'בין אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי כּדי צו גיין צו דער קאַמע צו דער אַרבעט, האָט ער מיר געשיקט זאָגן, אַז כ'זאָל ניט אָנטאָן דעם מאַנטל, ווײַל כ'וועל אים צערײַסן און ער דערלויבט עס נישט. (דערווײַל האָט ער מיר פֿאַרן מאַנטל נאָך ניט באַצאָלט !) דאַכט זיך : גאַנץ גוט. ווירקלעך אַ שאָד דער מאַנטל, ווו וועל איך נעמען אַ צווייטן ? כ'האָב אָנגעטאָן די הויזן און אַ קליידל מיט אַ מאַרינאַרקע... ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט, אַז ער דערלויבט מיר אַזוי ניט גיין אָן אַ מאַנטל, ווײַל כ'וועל זיך צוקילן. דאַכט זיך - ווײַטער גוט ! ער זאָרגט פֿאַר מײַן געזונט !

כ'האָב אים דערקלערט : אַז ביזן טײַך וועל איך גיין אין מאַנטל. דאָרט וועל איך אים אויסטאָן, ווײַל בײַם זעגן האָלץ איז זייער הייס ! דאַן, האָט ער גענומען צושטיין צו מיר, כ'זאָל נישט גיין אַרבעטן, כ'זאָל בעטן דעם שול-דירעקטאָר ער זאָל מיר באַפֿרײַען, א.אַ.וו. צוערשט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס ער וויל עס. ער, אַ פּאַרטיי-מיטגליד זאָל אַזוי עצהנען... דערנאָך האָב איך זיך שוין געכאַפּט : זײַן קוזינעס טאָכטער - שורע (וועגן איר וועל איך נאָך באַזונדער אָנשרײַבן) וויל ניט גיין. דערפֿאַר וויל ער איך זאָל אויך ניט גיין, כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם אָנזען און די אויטאָריטעט בײַ די שילער, לערער און דירעקציע פֿון דער שולע. אַ מיאוסע עצה !

דאָנערשטיק דעם 6טן נאָוועמבער, 5.30 אָוונט, אויף אַ לעקציע פֿון אַלגעברע

נעכטן האָב איך באַקומען אַ גוט + פֿאַר דער רוסישער קלאַסנאַרבעט. כ'האָב געמאַכט דרײַ פֿעלערן אין טיפּישע אויסדרוקן, קיין איין גראַמאַטישן,

אָרטאָגראַפֿישן און סטיליסטישן פֿעלער ! ס'הייסט כ'האָב געמאַכט אַ געוויסן פֿאָרשריט אין באַהערשן די רוסישע שפּראַך !

הײַנט האָב איך פֿאַר דער קלאַסנאַרבעט פֿון אַלגעברע באַקומען אַ 5 ! כ'בין פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אויסגעצייכנטלעכן און מ'האָט מיך גערופֿן זיך פֿאָטאָגראַפֿירן, כּדי מען זאָל אויפֿהענגען מײַן פֿאָטאָגראַפֿיע צווישן די אויסגעצייכנטלער. כ'בין ניט געגאַנגען.

פֿאַר דער גאַנצער צײַט בין איך נאָך ניט געווען אין באָד. כ'וועל מן-הסתּם פֿאַרפֿוילט ווערן פֿון שמוץ, ווי איך פֿאַראַכט זיך אַליין ! אַ ביסל הייסע וואַסער ! מיר לײַדן פֿון אַ קעלט : מער ווי צוויי וואָכן האָט מען בײַ אונדז ניט געהייצט קיין אויוון. בײַ נאַכט איז זייער קאַלט, בײַ טאָג - נאָך ערגער ! די פּאָרציע ברויט פֿאַרקירצט מען אונדז כּסדר. די חבֿרה לאַכן, ווי מיר ווערן כּסדר אײַנגעדאַרט...

לעצטנס טראַכט איך אָפֿט וועגן מײַן היים. איך חלום, אַז כ'בין אין שטוב, כ'רעד מיט דער מאַמאַ, מיט מײַנע חבֿרים. איך פֿאַרשפּאָר דער מאַמען אַלע אַרבעטן. איך טו אַלץ פֿאַר איר. כ'בין גרייט אַפֿילו מקריבֿ צו זײַן מײַן לערנען, כּדי איר מאַטעריעל אַרויסהעלפֿן. איך טרוים וועגן אַ בירגערלעכן, פֿרידלעכן לעבן ! די מאַמאַ זאָל באַזאָרגט זײַן מיט עסן, זאַכן, ווױנונג, אויך דער פּאַפּאַ ! שׂרהלע לערנט זיך, שטודירט, משהל אַרבעט, איך - אַרבעט און לערן. כ'בין אַרומגערינגלט מיט הייסער מוטער- און פֿאָטער-ליבע און איך רינגל אַרום די משפּחה מיט ליבער זאָרג. אַרום מיר - זײַנען מײַנע חבֿרים און חבֿרטעס. מיר לערנען צוזאַמען, פֿאַרווײַלן זיך, שמועסן וועגן פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן שאַפֿט. ס'איז פֿרידלעך און גוט ! ליידער, דער גן-עדן פֿאַרבלײַבט בלויז אין מײַן טרוים... איך געפֿין זיך אין גיהנום. מען האָט שוין ווידער באָמבאַרדירט קאַזאַן, עס קומען פֿאָר קאַמפֿן בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע. מער קיין נײַעס הערט מען נישט. שוין אַ וואָך צײַט ווי קיין פֿרישע ידיעות זײַנען ניטאָ. עס באַאומרויִקט מיך דער פֿאַל מיט חנאן : מיט אַ חודש צוריק איז ער אַוועק און נאָך נישט צוריקגעקומען.



וואָס קען עס באַדײַטן ? אפֿשר איז שוין אין טאַמבאָוו אויך אַ מלחמה-צושטאַנד און דערפֿאַר קען מען נישט אַרויספֿאָרן ?

שבת דעם 8טן נאָוועמבער, 8 פֿרי

אײערנעכטן, דאָס הייסט דעם 6טן אין אָוונט איז אין שולע געווען אַן אָוונט געווידמעט דעם 24סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָליוציע. די חבֿרה פֿון אונדזער קינדערהיים זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן. עס איז געווען אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק פֿײַערלעכע שטימונג. נאָך דער פֿײַערונג זײַנען מיר אַוועק אין קלוב. דאָרט איז געווען אַן עלעקטרישע באַלויכטונג (ס'האָט געאַרבעט אַ שוואַכע דינאַמאָ-מאַשין) און דאָס אַליין האָט צוגעגעבן אַ פֿײַערלעכקייט. דער דירעקטאָר האָט פֿאַר אַלעמען געקויפֿט אײַזקרעם. די אַרויסטרעטונג פֿון אונדזערע קינדער איז געפֿעלן געוואָרן דער פֿאַרזאַמלטער אינטעליגענץ.

נעכטן זײַנען מיר געווען אויף אַ מיטינג. אויפֿן מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ טריבונע באַהאַנגען מיט פֿענער. ס'איז אַרויסגעטראָטן דער דירעקטאָר פֿון רייסאָוויעט קאָלעשניקאָוו. איין זאַך האָט מיר שטאַרק געטראָפֿן : חוץ אונדז און די שילער פֿון דער מיטלשול זײַנען בײַגעווען בלויז אַ קליינע גרופּע אײַנוווינער פֿון אַרום מאַרק. קיין שום פֿאָרשטייער פֿון קאָלווירטן, אָרגאַניזאַציעס ! נאָך אַ האַלבע שעה רעדעס איז מען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. בײַ אונדז אין קינדערהיים איז געווען אַ פֿײַערלעכער מיטאָג, בײַ וועלכן ס'זײַנען אָנוועזנט געווען אַ טייל פֿון אונדזערע לערער, פֿאָרשטייער פֿון סאָוויעטישע- און פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. ס'זײַנען געווען רעדעס. די שטימונג איז געווען באמת אַ פֿײַערלעכע. נאָך מיטאָג זײַנען געווען מאַסנטענץ און אַ קינסטלערישע זעלבסט-טעטיקייט. איין פֿראַגע בלויז : וואָס האָט געשאַפֿן די שטימונג ? פֿון דער אָנוועזנהייט פֿון געסט ? אָדער דער פּרעכטיקער, כּמעט דער פֿריצלעכער מיטאָג ? עוף, זופּ מיט רײַז,

קאָמפּאָט... אויף אָוונטברויט - קיכעלעך מיט מילך! אונדזערע חבֿרה האָבן שוין לאַנג אַזוי גוט ווי היינט ניט געגעסן! כ'האָב געהערט, ווי מען האָט געזאָגט צווישן זיך: „וואָס מער אַזעלכע יום-טובֿים!" כ'האָב געטראַכט: פֿאַר וואָס ניט!

היינט, אַ טאָג נאָכן יום-טובֿ, האָט שוין ווייטער אויסגעפֿעלט ברויט צום פֿרישטיק. כ'בין שוין ווייטער הונגעריק. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט די יום-טובֿדיקע קיכעלעך קען מען ניט זיין זאַט אַ גאַנץ יאָר...

אַ וווּנדער, ווי כ'האָב זיך געענדערט! מיין מאָגן קען ניט זיין קיין אידעאַליסט... ער וויל ניט פֿאַרשטיין, אין וועלכער געפֿאַר דאָס לאַנד איז אַ בר-מינן...

דעם זעלבן טאָג, 10.30 אָוונט

היינט איז אָנגעקומען אַ גרופּע עוואַקויִרטע פֿון מאָסקווע, יאַראָסלאַוו - טויזנט מאַן. 17 מעת-לעת האָבן זיי זיך געשלעפּט מיטן צוג, מיטן דאַמפּער, אויף שיפֿלעך... אַ סך זיינען קראַנק געוואָרן אין וועג. מערסטנטייל זיינען געקומען ייִדן. איצט הערט מען אַ סך ייִדיש! קוקנדיק אויף די פֿרישע היימלאָזע, די רייען מיט פּעקלעך, וואַנדערנדיקע אין קאַראַקולינער זאַוויערוכע, ציט אין האַרצן...

איצט זע איך ווי מיר זיינען גליקלעכער פֿון זיי. מיר האָבן שוין ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, מיר האָבן שוין אַ בעטל! מיר קריגן ווייניק עסן, אָבער דאָך שטאַרבן מיר ניט פֿון הונגער! כ'האָב דאָך אויך אַ מעגלעכקייט צו לערנען, דאָס, וואָס איז שטענדיק געווען און איז ביז היינט, היינט נאָך מער ווי אַ מאָל, דאָס וויכטיקסטע אין מיין לעבן! דאָס, וואָס איז מיר געבליבן פֿון אַ מאָל: מיין ביסל וויסן און אַ ברענענדיקער דורשט נאָך מער וויסן און קענען! ליידער קען איך ניט פֿיל באַקומען אין קאַראַקולינאָ, ווו ס'איז דאָ אַ שוואַכע שולע, אַן אָרעמע ביבליאָטעק. דאָך, לייען איך אָנגעשטרענגט, באַמי זיך באַקומען צוגאָב-מאַטעריאַלן פֿון די דורכגעמאַכטע



קעגנשטאַנדן. אין שולע - ביי די קינדער און לערער בין איך זייער באַליבט. אין קלאַס זיינען פֿאַראַן גאַנץ גוטע חבֿרה! געוויינלעכע פּויערים-טעכטער און זין, ווייניק אינטעליגענט, איינפֿאַכע חבֿרה מיט אַ נידעריקן גייסטיקן ניוואָ, אָבער זייער גוטע חבֿרים. כ'וויל זיך באַקענען מיט זייער פּריוואַטן לעבן. כ'קלער באַזוכן עמיצן פֿון זיי אין זייער היים. ביז אַהער האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין צייט. ווי מאָדנע איז היינט מיין סיטואַציע. כ'בין אין אַ פּעריאָד פֿון רייף זיין! עס פֿליסט אין מיר יונג, הייס בלוט. כ'בענק נאָך אַ צערטלעכקייט... כאָטש אַרום מיר איז קיינער ניטאָ פֿון מיינע נאָענטע. וואָלאָדיאַ לעאָנאָוו, אַ רוסישער 16-יעריקער בחור, פֿעסט געבויט, הויך, שיין, איז צו מיר ניט גלייכגילטיק, אָבער מיט אים קען איך קיין געמיינזאַמעס ניט האָבן. ער איז קינדעריש לויטן דענקען, האָט נישט איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך, ער קען מיך ניט פֿאַרשטיין. כ'מוז אַליין וועגן זיך זאָרגן, זיך אַליין העלפֿן.

דינסטיק דעם 11טן נאָוועמבער 11.30, בעת אַ פֿרייער לעקציע אין שולע

היינט איז אַ שיינער, פֿראָסטיקער טאָג. 18 גראַד פֿראָסט. אַ טיפֿער שניי, אַ העלע זונשיין. מיר איז ניט קאַלט. דער מאַנטל, געמאַכט פֿון אַ ליטווישער קאָלדרע מיט וואַטע, איז זייער אַ וואַרעמער. ער וואַרעמט מיר ביי טאָג און ביי נאַכט. איך לייג אים אויף דער קאָלדרע. כ'טראָג פֿלאַנעלענע ספּאָרטהויזן. דער ווינטער איז דאָ זייער שיין. אַ בלענדנדיקע ווייסקייט אַרום און אַ בלויקייט פֿון הימל. איך ווער מונטער.

ווען כ'דערזע וואָלאָדיאַן גייט מיר אויך דורך אַ וואַרעמער שטראָם. כ'ווייס, אַז ער דאַרף זיין אַנדערש: דאַרף האָבן אַ הויכן גייסטיקן ווערט, דאַרף זיין קלוג, ערנסט, אינטעליגענט! ליידער האָט עס נישט דער שיינער, פֿיזיש גוט-אַנטוויקלטער, אָבער גוטמוטיק קינדערישער וואָלאָדיאַ. נעכטן, ווען כ'בין געזעסן ביי אַסיען אין צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט פֿון זיין צימער מיט אַ דינער ווענטל, און האָב געלייענט, האָט ער כּסדר געשריגן:

לענאַ ! גערעדט און געזונגען מיר ליבע-לידער... כ'האָב ניט געענטפֿערט. ער שטיפֿט, דרייט זיך אַרום מיר. ס'וועט אָבער גאָרניט זײַן דערפֿון !

נעכטן איז געווען אַ פֿאַרמאַכטע קאָמיוגישע פֿאַרזאַמלונג אין קינדערהיים. כ'בין אויסגעווײלט געוואָרן אַלס פֿאַרטרעטערין פֿון סעקרעטאַר. אַסיע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן אַן עלטסטע פּיאָנער-לייטערין. ווען מען האָט זי דערצו געצוווּנגען, האָט זי זיך דענערווירט און דערנאָך אַפֿילו געוויינט. זי האָט מיר דערציילט וועגן איר שלעכטער שטימונג לעצטנס... כ'פֿאַרשטיי זי זייער גוט. זי אַרבעט איצט, אַלס דערציִערין פֿון 7טן קלאַס. זי קען זיי ניט העלפֿן בעתן מאַכן די לעקציעס, זי פֿרעגט אַלע מאָל בײַ מיר, וואָס זיי דערקלערן. זי האָט מער ניט קיין אויטאָריטעט בײַ די קינדער. איר איז די אַרבעט זייער שווער. איצט בענקט זי נאָך דער „מאַמען“ - ד.ה. נאָך דער פֿרוי, וואָס האָט זי אַדאָפּטירט, ווײַל אירע עלטערן האָט זי קיין מאָל ניט געקענט. אַן אומגליקלעכע מיידל ! די ייִנגסטע יאָרן איז זי אויך געווען אין אַ קינדערהיים... דערנאָך האָט אַן אינזשיניערין זי אַדאָפּטירט. פֿון קיין מוטער-ליבע האָט זי קיין מאָל ניט געוואוסן, זי האָט קיינעם ניט אויף דער וועלט... אין 40סטן יאָר איז זי געקומען צו אונדז אויף אַרבעט. איצט איז זי דאָ. די אַרבעט באַפֿרידיקט זי נישט... איר איז שלעכט און זי קען זיך נישט פֿאַרריכטן. מיר איז זי אַ שאָד ! זי איז נישט אינטעליגענט, שלעכט דערצויגן, האָט ניט קיין אינטערעס אין לעבן, אויסער די מאַטעריעלע באַדערפֿענישן.

מיטוואָך דעם 12טן נאָוועמבער, 2 בײַ טאָג

די מאַטעריעלע סיטואַציע האָט זיך אַ ביסל פֿאַרבעסערט. ברויט קען מען שוין קריגן אַ ביסל מער. לעצטנס בין איך שוין ווייניקער הונגעריק. עס באַציִען זיך גוט צו אונדז די לערער פֿון שול. זיי זאָרגן זיך, ווײַל מיר האָבן נישט קיין וואָליאַקעס (די טעמפּעראַטור איז 22- גראַד !), קיין הענטשקעס. אפֿשר וועלן מיר עס אין גיכן קריגן ? ספּעציעל גוט באַציט זיך אָלגאַ פּעטראָוונאַ, די קלאַסן-דערציִערין פֿון אונדזער 7טן קלאַס, לערערין פֿון



געאָגראַפֿיע. אַלע האָבן פֿאַר אונדז מיטלייד. בכלל האָבן מיר איצט אַפֿילו בעסערע באַדינגונגען, ווי די היגע באַפֿעלקערונג - ס'איז דאָך אַ קינדערהיים ! אַ צרה איז בלויז דאָס, וואָס ס'איז נישטאָ ווו צו גרייטן די לעקציעס. דער 7טער קלאַס מאַכט גרויסע טומלען, אין דעם צימער ווו כ'שלאָף מיט זיי, קען איך נישט לערנען. כ'מוז אַוועקגיין צו די ייִנגערע קינדער.

דאָנערשטיק דעם 13טן נאָוועמבער, 2 בײַ טאָג

נעכטן איז פֿאַר מיר געווען זייער אַ גוטער טאָג ! - כ'האָב זייער אַ סך זאַכן באַוויזן : זיך צוגעגרייט צו אַ קלאַסנאַרבעט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, זיך אַרומגעוואַשן !!! (כ'האָב קוים אויסגעבעטלט אַ ביסל הייסע וואַסער אין קיך), כ'האָב איבערגעלייענט 200 זײַטלעך פֿון מײַן ביכל „אָבלאָמאָוו“ פֿון גאָנטשאַראָוו !

נאָכן אַרומוואַשן זיך בין איך געוואָרן מונטער ! כ'בין אַרײַן אין בעט, געוואַרט ביז די מיידלעך וועלן ענדיקן מאַכן זייערע לעקציעס, דערנאָך האָב איך גענומען דעם לאָמפּ, אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל לעבן מײַן בעט און לאַנג, ביז שפּעט געלייענט ! דאָס איז געווען זייער אינטערעסאַנט, כ'האָב דאָס בוך געענדיקט. איצט וועל איך כּסדר אַזוי טאָן. כ'מוז אַ סך לייענען, זיך אַנטוויקלען.

פֿרײַטיק דעם 14טן נאָוועמבער, 4 בײַ טאָג

דאָ זײַנען כּסדר גרויסע פֿרעסט. דאָ הייסט עס קליינע : 24-, 25-. בײַ אונדז אין אַנשטאַלט איז זייער קאַלט : מען הייצט ניט, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין האָלץ. מען ווערט דערפֿראָרן. די חבֿרה לייגן זיך אַרײַן אין בעט כּדי צו מאַכן די לעקציעס...

הײַנט האָט זיך מיר געחלומט מײַן מאַמע ! זי זיצט אַליין אין שטוב. קיינער איז מיט איר נישטאָ... עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ ! אַ מאָדנע זאַך... עס איז

מיר אַ שאָד ! איך בענק נאָך איר. 16 יאָר האָט זי מיר געהאָדעוועט, געלאָזט זיך לערנען ! כ׳געדענק וויפֿל שלאָפֿלאָזע נעכט זי האָט פֿאַרבראַכט בײַ מײַן בעט ווען כ׳האָב געמאָזלט, געקרענקט אויף סקאַרלאַטין, אויף אַ לונגען-אָנצינדונג. ווען כ׳בין אין אַ האָפֿנונגסלאָזן צושטאַנד געלעגן אין שפּיטאָל, פֿלעגט זי צוויי מאָל אַ טאָג קומען צו מיר... ווען כ׳פֿלעג קראַנק ווערן פֿלעגט זי כּסדר אַרומגיין אַרום מיר... ווען כ׳בין געזונט געווען - אַלץ צוגרייטן, אויפֿרוימען, באַזאָרגן... ווער אַזוי ווי זי האָט מיך ליב געהאַט ? ווער פֿלעגט זיך פֿרייען מיט מײַנע דערגרייכונגען ? טאָג-טעגלעך, שעהען- און מינוטן-ווײַז, בײַ דער אַרבעט האָט זי פֿאַרזאָרגט די משפּחה! וויפֿל שיינקייט ליגט אין דער נאַטור פֿון אַ מוטער, אין אינסטינקט, מיט וועלכן די פֿרוי ווערט געבוירן ! ווער וועט איר באַצאָלן פֿאַר דער זאָרג, וואָס זי האָט אונדז אַרויסגעוויזן, פֿאַר די אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס זי האָט פֿון אונדז געליטן ? מאַמאַ ! זײַ מיר מוחל, וואָס כ׳האָב דיר אַזוי פֿיל צרות פֿאַרשאַפֿט און באַצאָלן דערפֿאַר ניט באַוויזן ! אַ גרויזאַמע האַנט האָט מיך פֿון דײַן געזונטן שטאַם אָפּגעזעגט, האָט ווייטאָגפֿול מײַן געוועב אָפּגעריסן. אַ מעכטיקער שטורעמווינט האָט מיך ווײַט פֿון דיר פֿאַרוואָרפֿן און וואַקסן געהייסן... מאַמאַ, כ׳האָב דיך ליב ! ווו ביסטו, ווו לעבסטו ? ווער באַזאָרגט דיך איצט ? ווער טרייסט דיר אין אַ שווערער מינוט ?

מאָנטיק דעם 17טן נאָוועמבער, 7 אָוונט

נעכטן איז געווען אַ זונטיק. מ׳האָט אויפֿגערוימט די צימערן, געוואַשן די פֿענצטער, די טישן, בענק און פּאָדלאָגעס. דערנאָך האָבן מיר זיך אַליין אַרומגעוואַשן אין באָד. כ׳בין נעכטן געווען זייער צופֿרידן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט אַליין געדאַרפֿט ברענגען וואַסער פֿון ברונעם אָנצוואַרעמען, וואָס אין באָד - אין אַן ענגער, פֿינצטערער חורבֿה - איז געווען אַ שרעקלעכער רויך, וואָס האָט געשפּריצט אין די אויגן. די טיר איז די גאַנצע צײַט געווען אָפֿן און מיר האָבן זיך געטרייסלט פֿון קעלט און



דאָך זיך געוואַשן אין גאַנצן נאַקעט. ס׳איז דאָך אַ פֿאַרגעניגן זיך אַרומוואַשן און זײַן ריין ! נעכטן האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט מײַן קערפּער. כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס גראָד איצט. אפֿשר האָב איך זיך שוין לאַנג ניט געזען... אפֿשר איז עס בכלל אַ צייכן פֿון רײַפֿקייט, אַלנפֿאַלס ס׳האָט צערייצט מײַן אויג. באמת ! - אַ געזונטער, יונגער, ראָזעווער, הייסער מיידלשער קערפּער, אַ שלאַנקע, גראַציעזע פֿיגור, אַ קעגנשטאַנד, וואָס קען פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן און שטרעבט דערצו. כאָטש - ס׳איז נאָך צײַט ! דערווײַל איז נאָך נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אַרויסרופֿן מײַן רייץ. אַפֿילו נישט וואָלאָדיאַ.

פֿרײַטיק דעם 21סטן נאָוועמבער, 11 אָוונט

אונדזער אָנפֿירערין רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ איז זייער אַן אינטעליגענטע, קלוגע פֿרוי. זי געהערט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס רופֿט אַרויס צו זיך דרך-ארץ מיט זייער פֿאַרשטאַנד. אַן עלטערע פֿרוי, אַ פּרעכטיקע אָרגאַניזאַטאָרין, אַ גוטער פּעדאַגאָג. זי קען באמת שטיין אין שפּיץ פֿון אַן אַנשטאַלט, אָנפֿירן. בײַ אונדז אָבער קען זי עס ניט טאָן. זי קען ניט דורכקומען מיט אונדזער דירעקטאָר : זי זאָגט איינס און ער - צוויי. אויספֿירן, פֿאַרשטענדלעך, פֿירט ער אויס. די דערציִערינס האָבן זי נישט ליב, ווײַל זי פֿאָדערט פֿון זיי אַ סך כּדי צו באַזאָרגן די קינדער. אַ טייל קינדער פֿאַרשטייען זי נישט און אורטיילן טייל מאָל וועגן איר שלעכט, ווײַל זי מאַכט זיי באַמערקונגען, און דאָס איז, ווי באַוווּסט, ניט קיין אָנגענעמע זאַך. דערפֿאַר זײַנען אויף איר זײַט די עלטערע, באַוווּסטזיניקע חבֿרה, וואָס פֿאַרשטייען זי און שעצן זי ! בכלל איז זי זייער ענערגיש און סימפּאַטיש. אַזעלכע מענטשן ווערן געוויינלעך ווייניק אָפּגעשאַצט, ווײַל זיי באַווײַזן זיך קיין מאָל נישט אין זייער גלאַנץ, רימען זיך נישט אַליין, ווי עס טוט דער דירעקטאָר, נאָר מאַכן טאָגטעגלעך ערלעך און גוט זייער אַרבעט, ניט פֿאָדערנדיק קיין דאַנק און לויב. די אַרבעט אַליין איז זייער באַפֿרידיקונג. לײדער זײַנען אַזוינע מענטשן ווייניק פֿאַראַן. און איבער זיי הערשן פּוסטע

פלאַפלער, וואָס קענען פּאַקטיש גאָרניט. צום בײַשפּיל, אונדזער דירעקטאָר האָט וועגן פּעדאַגאָגיע קיין אַנונג ניט, קען ניט אָנפירן מיט דערציִונג.

בײַ אונדז איז ווידער אַן עפּידעמיע פֿון קרעץ. אָן אַ שיעור קרעציקע, כּמעט אַ העלפֿט קינדער... צווישן זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אַפילו אַ סך פֿון די עלטערע שטענדיק ריינע קינדער, מיידלעך... קיין מאַשטש זיי צו היילן איז ניטאָ. ליגן זיי אַלע צוזאַמען, שמוציקע, איזאָלירט אין אַ גרויסער פּאַלאַטע. בײַ אַ סך ייִנגערע האָט מען אַנטפּלעקט: פֿאַרכן און לײַז... אויך זיי איז ניטאָ מיט וואָס צו היילן. בײַ אַלעמען איז אַ געדריקטע שטימונג. בײַ אַלע געזונטע ציטערט די הויט: אפֿשר בין איך שוין אויך אָנגעשטעקט? ווען וועט די מגפֿה מיך נעמען פּרעסן? איך בין אין אַ גרויסער שרעק: דער געזונט-צושטאַנד איז בײַ אונדז נישט אַם בעסטן, וועט אפֿשר מיר אויך אויסקומען צו קרענקען? יעדן פֿרימאָרגן באַטראַכט איך מײַן קערפּער, ספּעציעל די הענט, צווישן די פֿינגער... דערווײַל איז ריין, כ׳בין געזונט! אָבער ווער ווייסט, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער... טאַניע האָט אין סאַראַפּול געהאַט קרעץ, האָט זיך ניט אויסגעהיילט און איצט האָט זי אייטערנדיקע געשווירן אויף די הענט. זי ליגט אין בעט, אָבער זי האָט ניט קיין מעדיקאַמענטן...

הײַנט האָט מען איבערגעגעבן דורכן ראַדיאָ, אַז מען האָט איבערגעלאָזן קערטש. יעדן מאָל נעמט מען צו אַן אַנדער שטאָט. וואָס וועט זײַן דער סוף? ניט שוין זשע וועלן די נאַציס פֿאַרניכטן שטעט, מענטשן, צעטרעטן קולטורן פֿון אַלטע צײַטן? ניט שוין זשע קומט אויס דאָ צו וואַרטן ביז ס׳וועט פֿאַלן דער לעצטער זעלנער, די לעצטע רויטע פֿאָן? ווי טרויעריק ס׳איז אונדזער גורל! וואָס זעען מיר אין אונדזער לעבן? צרות פֿון נאָענט און ווײַט, ווייטיק, פֿאַרניכטונג, שמוץ.

זונטיק דעם 23סטן נאָוועמבער, 12 בײַ טאָג

נעכטן אין אָוונט בין איך געווען אין אַ דאָרפֿישער פּריוואַטער באָד. דאָס



איז אַ ספּעציעלער צימערל אין אַ שטאַל, גוט באַהייצט. כ׳האָב זיך זייער גוט אָרומגעוואַשן. איצט שטיי איך בײַם אויוון אין שלאָפֿצימער, כ׳לייען אַ בוך. דער צימער איז איצט ריין, וואַרעם, רויִק. אַלע לייענען, אָדער שרײַבן. ס׳איז אַזוי געמיטלעך, היימיש. ווען מען דאַרף אַ טראַכט טאָן, אַז אין דעם זעלבן מאָמענט פֿאַלן זעלנער אויפֿן פֿראָנט, פֿרויען - אין אָקאָפּעס - צינדט זיך אָן אַ פֿײַער אין האַרצן! וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דער בלוטיקער שפּיל?

נעכטן האָט מען אַרויסגעגנבֿעט אין ייִנגלשן קאָרפּוס, בײַ דער אויפֿרוימערין - 200 רובל. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ האָט געוואָלט מעלדן אין דער מיליץ, אָדער שיקן אויפֿן מאַרק עמעצן אַ קוק טאָן, ווער ס׳וועט גיין עפּעס קויפֿן. כ׳האָב זי געראָטן בעסער מאַכן אַ רעוויזיע! זי האָט עס גלײַך אין דער פֿרי געטאָן און געפֿונען בײַ מינדלינען... זײַן פֿאָטער איז אַ העלד פֿון ראַטנ-פֿאַרבאַנד...

איצט וועט זיך זיכער אָנהייבן אַ חבֿרישער געריכט. לויט איר האַנדלונג זעט מען, אַז זי איז אַן ענערגישע פֿרוי. דער דירעקטאָר איז איצט אין איזשעווסק. ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער געשריגן, געסטראַשעט און ס׳וואָלט אַוועק מיט גאָרניט, ווי אַלע מאָל.

מיטוואָך דעם 26סטן נאָוועמבער, 12 בײַ טאָג (אויף אַ לעקציע פֿון פֿיזיק)

די לעצטע צוויי טעג איז מיר זייער אומעטיק. כ׳בענק נאָך מײַן היים, מער ווי שטענדיק. אויף די לעקציעס בין איך ניט זייער אויפֿמערקזאַם. דאָס שטערט מיר ניט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגן, וואָס מען שטעלט מיר און אַפֿילו קריגן אויסגעצייכנטע מיינונגען... וואָס וועט זײַן ווײַטער? ווען וועט זיך ענדיקן די מלחמה? ווען וועל איך שוין קענען קומען אַהיים? ווען וועל איך קענען זען מײַנע עלטערן, מײַן משפּחה, מײַנע חבֿרים? זייערע נעמען און פֿאַמיליעס שרײַב איך אויפֿן טאָוול פֿון מײַן העפֿט. דאָס לעבן איז גרוי, טונקל ווי די טעג איצט. כ׳בענק נאָכן רויש פֿון אַ גרויסער

שטאָט, נאָך אונדזער קולטור, נאָך אַ גוט בוך, אַ גוטן טעאַטער, קינאָ, קאָנצערט, נאָך אונדזער קולטורעלער געזעלשאַפֿט, נאָך אונדזער אינטערעסאַנטן לעבן ! ווער האָט רעכט מיר שטערן אין מײַן ווילן ?
דער לערער האָט מיר איצט עטלעכע מינוט געבעטן די פֿעדער און איך האָב ניט געהערט, ווײַל כ׳בין געווען פֿאַרנומען מיטן שרײַבן. דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ס׳איז מיר געווען ניט אָנגענעם. דער גאַנצער קלאַס האָט געקוקט אויף מיר.

דאָנערשטיק דעם 27סטן נאָוועמבער, 11 פֿרי
איצט האָט געדאַרפֿט זײַן אַ לעקציע פֿון געשיכטע, נאָר מען האָט אַרויסגערופֿן דעם לערער מיכאַיִל איוואַנאָוויטשן אין „וואָיענקאָמאַט“. 2 אַ זייגער פֿאָרט ער שוין אַוועק אין זײַן אָפּטיילונג. מען וועט ווײַזט אויס אויך צונעמען דעם לערער פֿון פֿיזיק, ניקאָלײַ פֿיאָדאָראָוויטשן. די שולע בלײַבט אָן לערער. ווער ווייס, ווען מען וועט קריגן פֿרישע לערערס, ספּעציעל פֿרויען, כּדי זיי צו פֿאַרטרעטן. די לאַגע ווערט אַ סך ערנסטער. איצט זײַנען אָנגעקומען אַ גרופּע רויט-אַרמייער אויף אָפּרו. מיר האָבן זיי געזען פֿאַרמאַטערטע דורך די פֿענצטער פֿון אונדזער קלאַס. דאָ פֿאַרגעסן זיי זיך וועגן דער מלחמה, בלויז די שווערע באַדינגונגען און די מאָביליזאַציע דערמאָנט עס. דאָ איז דאָך דער טיפֿער הינטערטייל פֿון לאַנד.
מיך ווונדערט איין זאַך : מיכאַיִל איוואַנאָוויטש איז דאָך אַן אינוואַליד : בעת דער פֿינישער מלחמה האָט ער פֿאַרלאָרן דעם גראָבן פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, פֿאַר וואָס האָט מען אים איצט מאָביליזירט ? צו געווער קען ער זיך שוין נישט נעמען. ער קען בלויז זײַן אַ פּאָליטרוק - ער איז זייער אַן אַקטיווער, אינטעליגענטער קאָמיוגיסט.

פֿרײַטיק דעם 28סטן נאָוועמבער, 11 פֿרי (אויף אַ לעקציע דאַרוויניזם)
שוין אַ האַלב יאָר ווי כ׳בין אין דער פֿרעמד. אַ האַלב יאָר ווי כ׳האָב נישט



געזען קיין ייִדיש בוך, צײַטונג, זשורנאַל. כ׳בענק שוין נאָך אַ ליטעראַרישן ייִדישן וואָרט, נאָך אַ געדרוקט ייִדיש אות. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן די ליטעראַרישע שפּראַך. צײַטנווײַז מאַטער איך זיך איבערזעצן אַ גוט פֿאַרשטענדלעך רוסיש וואָרט אויף ייִדיש. ווי פֿאַרדריסלעך דאָס איז ! טאָמער עס וועט מיר אויסקומען לעבן לאַנגע עטלעכע יאָרן אין דער סבֿיבֿה, טאָמער כ׳וועל אַלץ מער פֿאַרגעסן ייִדיש, ווער איך זייער טרויעריק.

שבת דעם 29סטן נאָוועמבער, 11 פֿרי (אויף אַ לעקציע טריגאָנאָמעטריע)
„ער“ איז געקומען צו פֿאָרן פֿון קאָמאַנדירונג זייער אַן אויפֿגערעגטער. ער האָט געקראָגן אַ גוטע פּאָרציע, פֿאַר זײַן אַרבעט. אין נאַרקאָמפּראָס* איז שוין געווען אַ פֿראַגע וועגן אים אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט. אָבער אַסיע, וועלכע איז מיט אים אַהין געפֿאָרן, האָט אים שטאַרק פֿאַרטיידיקט. זי יאָגט זיך בכלל נאָך אים. ער האָט גלײַך גענומען מוסרן די עלטערע חבֿרה, האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט וועגן די ייִדישע קינדער, פּונקט ווי אַן אמתער אַנטיסעמיט. אָבער ער וויל מיר אײַנרעדן, אַז אין אים פֿליסט ייִדיש בלוט, אַז ער לעבט מיטן באַוווסטזײַן, אַז ער איז אַ ייִד ! אַ מיאוסער טיפּ איז ער, אָט וואָס !
ס׳האָט זיך געענדיקט דער ערשטער קוואַרטל. כ׳בין אַ קײַלעכדיקע אויסגעצייכנטלערין ! נאָר אַ באַפֿרײדיקונג פֿאַר מיר איז עס אַ קליינע. קיין פֿעריען וועלן הײַנטיקס יאָר ניט זײַן...

דעם זעלבן טאָג, 8 אָוונט
מאָרגן איז מײַן געבורטסטאָג - דעם 30סטן נאָוועמבער 17 יאָר ! די שענסטע יאָרן פֿון מענטשלעכן לעבן. פֿאַר מיר - זײַנען זיי פֿאַרלוירן, פֿרייד איז פֿאַר מיר פֿאַרבאָטן... פֿאַראַיאָרן אין דער צײַט האָט מיר שׂרהלע געקויפֿט אַ מתּנה, דערנאָך איך - איר ! פֿאַראַיאָרן בין איך געווען אין דער היים, אין מײַן סבֿיבֿה, אין מײַן הויט. און איצט ? - אין אַ קינדערהיים בין איך אַלץ

אָפּהענגיק פֿון דער שטימונג, קאַפּריזן פֿון דירעקטאָר, פֿון דערציִערס... אַן אָביעקט פֿאַר די דערציִערישע עקספּערימענטן, אַ טעמע אויף פּלאָטקעס מצד נאַטשאַלסטווע, וואָס קען פֿאַראורטיילן אַ פּערזאָן: „עסט אַ סך, עסט ווייניק, איז געהאָרכזאַם, אָדער נישט, שטאָלץ, אָדער טראָציק, אָדער אַ שקלאַפֿערישע נאַטור“...

פֿאַראַיאָרן בין איך געווען אַ זעלבשטענדיקער מענטש, געשעצט דורך דער געזעלשאַפֿט, אַ דענקנדיקע פּערזאָן. הײַנט בין איך אַ נול...

גענוג זיך אַליין צו באַהאַנדלען! מײַן מאַמאַ! צי לעבט זי? ווער לעבט פֿון מײַן משפּחה? אויב זיי לעבן, צי געדענקען זיי נאָך דעם טאָג פֿון מײַן געבורטסטאָג? מאַמאַ, וויין ניט איבער דעם טויט פֿון דײַן טאָכטער! וויין ניט, ווײַל זי לעבט און איז געזונט, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל זי איז ניט ווערט דײַנע איידעלע טרערן! זײַענדיק אין דער היים האָב איך דיר ווייניק געהאָלפֿן, כ׳האָב זיך פֿאַרנומען מיט מײַנע סטודיעס, מײַנע חבֿרטעס און חבֿרים, געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט... מאַמאַ, זײַ מיר מוחל! אין דער היים האָט דיר קיינער ניט פֿאַרשטאַנען: ניט דער פּאַפּאַ, ניט משהל, ניט שׂרהלע - זיי זײַנען צו יונג געווען. כ׳בין געווען די איינציקע, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען דײַן פֿאַרגאַנגענהייט, די צײַט פֿון דײַן קינדהייט: ווען דו האָסט געוואָלט זיך לערנען און דײַן מוטער האָט עס נישט אָפּגעשאַצט. כ׳האָב דערפֿילט דײַן עלנט, ווען דײַן מוטער איז געשטאָרבן כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן דײַנע לײַדן בעת דײַנע 13 יאָר, ווען דו האָסט געדינט דײַן עלטערער שוועסטער. כ׳פֿאַרשטיי דײַן ווייטאָג, וואָס האָט דיר באַגלייט דײַן גאַנצן לעבן. מאַמאַ! וואָס פֿאַר אַ פֿרייד האָסטו געהאַט אין דײַן לעבן? האָסט געהאָפֿט אויף דײַנע קינדער. וואָס האָבן זיי דיר געבראַכט? איך, וואָס האָב דיך פֿאַרשטאַנען, מיטגעפֿילט, ווי האָב איך דיר געהאָלפֿן? הלוואי זאָל איך עס נאָך באַווײַזן! לאָמיר זיך נאָך טרעפֿן, כּדי כ׳זאָל דיר ברענגען הייסע גרוסן און דאַנקען, גרויסע ליבע! ווײַל דו ביסט אַ הערלעכער מלאך! אַ שאָד, וואָס ביז 16 יאָר האָב איך אַלץ געטאָן בלויז פֿאַר זיך און



ווייניק דיר געהאָלפֿן... מאַמאַ! פֿאַרגיס ניט קיין טרערן אין טאָג פֿון מײַן געבורטסטאָג! טרערן שטייען מיר אין האַלדז... וואָלט איך געווען ייִנגער און לעבן דיר, וואָלטן זיי אפֿשר געקענט אָפּוואַשן מײַן שולד. איצט איז שפּעט און אוממעגלעך. איצט באַווייִנסטו מיר זיכער און לײַדסט... אָבער איך לעב, כ׳בין געזונט, כ׳לערן. מײַן גורל האָט מיך געראַטעוועט!

כ׳דערמאָן זיך די מעשׂהלע וועגן דער מוטער, וואָס האָט אירע שיינע האָר און אויגן פֿאַרלאָרן, זוכנדיק די נשמה פֿון איר קינד. געדענקסט, האָסט עס מיר אַ מאָל דערציילט... דו האָסט דײַן געזונט, דײַנע יאָרן פֿאַרלאָרן פֿאַר דײַנע קינדער! מאַמאַ - נאָר דער קען דײַן ווערט פֿאַרשטיין, ווער ס׳האָט דיך פֿאַרלאָרן! איצט דערמאָן איך זיך ווי מיר האָבן צוזאַמען מעשׂהלעך געלייענט. געדענקסט: „דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע“, „דאָס העסלעך קאַטשעל“ אָדער „די מאַרגאַריטקע“! געדענקסט, ווי מיר האָבן ביידע געוויינט לייענענדיק „שלומפּערל“ אָדער „די מעשׂה וועגן דער בייזער שטיפֿמאַמע און דעם אָרעמען שוסטער“? אין מײַן זכּרון לעבט דײַן „אַלטער שטריקדרייער“, „דער פּאַסטוך מיטן פֿײַפֿל“. געדענקסט ווי קאָמיש זיי האָבן געטאַנצט, צוגעקלעפּט דעם וואַלגערהאָלץ צום שעפּסעלע, די קרעטשמערין צום וואַלגערהאָלץ, דעם שירעם צו דער קרעטשמערין און דעם גלח צום שירעם! אָ... דאַן, ווען כ׳האָב די מעשׂהלעך געהערט פֿון דײַן כּישופֿדיקן מויל, אָדער כ׳האָב מיט דיר צוזאַמען געלייענט, בין איך ווירקלעך געווען דײַן „קליינע, קלוגע לאהלע“, וואָס האָט געטרוימט ווי גליקלעך צו מאַכן די מאַמאַ, מאַכן זי פֿאַר אַ ריינע דאַמע, אויספּוצן אין גאָלד און זײַדנס, באַגליקן שלומפּערלען, דאָס אָרעמע פֿייגעלע, די באַשיידענע מאַרגאַריטקע - אַלע לײַדנדיקע, באַליידיקטע און פֿאַרשטויסענע! דאַן בין איך געווען אַ קליינע נאַיִווע טרוימערין מיט אַ קליינעם שׂכל און אַ גרויסן געפֿיל, אָבער איצט? וואָס טויג מיר מײַן וויסן - כ׳פֿאַרמאָג ניט קיין האַרץ!... ווען כ׳בין געווען קליין האָבן מיר צוזאַמען געלעבט, געטיילט זיך מיט געפֿילן. ווען כ׳בין עלטער געוואָרן, קליגער -

לויטן מיינונג פֿון דער וועלט - האָבן מיר זיך צעשיידט, ווײַל דו ביסט געבליבן אַ גוטע פּשוטע פֿאָלקספֿרוי, מײַן מיך ליבנדיקע מוטער, און איך בין געוואָרן אַ גימנאַזיסטקע, צו מײַן גרויסן אומגליק איז מײַן געפֿיל פֿאַרשוווּנדן... געדענקסט, ווי כ׳בין צו מײַנע 5 יאָר צו מײַן באָבען צו גאַסט געפֿאָרן, האָב איך אַזוי שטאַרק נאָך דיר געבענקט ! נאָך צוויי וואָכן, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק און בין אויף דײַן שויס אַרויפֿגעשפּרונגען, מײַן קאָפּ אין דײַן ברוסט אײַנגעטוליעט און נאַריש געוויינט...

ביזן פֿינפֿטן קלאַס פֿלעג איך דיר אַלץ דערציילן, מיט אַלע איבערלעבונגען זיך מיט דיר טיילן, און דו פֿלעגסט מיך אַזוי קלוג אויסהערן, אַלץ פֿאַרשטיין ! האָסט מיר קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ קליין נאַרעלע, אַז כ׳פּלוידער... פֿלעגסט מיר גלעטן און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז כ׳דערצייל ערנסטע זאַכן.

אין יאָר 1934 האָבן מיר געלעבט אין ספּעציעל שלעכטע באַדינגונגען, געדענקסט ? כ׳האָב ניט געהאַט ווינטער קיין שיך און כ׳האָב געהאַט קראַנקע פּיס. האָסט מיר אײַנגערעדט כ׳זאָל אָנטאָן יודלס ייִנגלשע, גרויסע שיך. אָבער כ׳האָב ניט געוואָלט און געוויינט. כ׳האָב זיך געשעמט טראָגן פֿרעמדע, אַוועקגעשענקטע שיך, דערפֿאַר געריטשעט...

האָסט מיך געגלעט און דערציילט וועגן דײַנע יתומישע לײַדן, ווען דו ביסט אַ קינד געווען, ווי אַלע האָבן דיך באַליידיקט, קיינער האָט וועגן דיר ניט געזאָרגט און דו האָסט שמאַטעס געטראָגן... כ׳האָב געזען אין דײַנע אויגן טרערן און דערפֿאַר אָנגעטאָן די פֿאַראַכטע שיך און אַוועק אין שול.

אין זעלבן יאָר האָבן מיר נאָך געליטן אַ שרעקלעכע נויט. כ׳האָב געזען ווי דו האָסט שטילערהייט געוויינט, ווי דו האָסט געשפּאָרט דעם ביסן ברויט פֿאַר אונדז - קינדער. ווען דער פּאַפּאַ איז געקומען מיט אַ לעבל ברויט, האָבן מיר זיך אַלע שטאַרק געפֿרייט, ווײַל דעם טאָג האָט מען בײַ דיר אויפֿן מאַרק אַרויסגעגנבֿעט די לעצטע צוויי זלאָטעס.

אין 1936 בין איך שטאַרק קראַנק געווען... ביסט פֿון מײַן בעט ניט אָפּגעטראָטן, האָסט אַלץ פֿון שטוב פֿאַרקויפֿט, פֿון אַלעמענס מויל



אָפּגעקאַרגט, אַם מערסטן פֿון דײַן אייגענעם, און מיך צו דאָקטוירים אין שפּיטאָל געפֿירט. דערנאָך אַ פֿלעגע געשאַפֿן און מײַן שוואַכן געזונט צוריק אויפֿגעשטעלט !

כ׳געדענק ווי דו האָסט מיר מיטגעפֿילט, ווען כ׳האָב געוויינט בעת דער פּאַפּאַ האָט זיך מיט געוואַלט אַרײַנגעריסן אין טעאַטער, ווו כ׳בין אַרויסגעטראָטן. איצט פֿאַרשטיי איך, אַז ער איז געווען גערעכט : ער האָט געוואָלט זען ווי זײַן טאָכטער שטעלט פֿאָר, זען מיט די אייגענע אויגן דאָס, וואָס אַלע לויבן, אָבער ער האָט אַפֿילו זיך ניט געקענט דערלויבן קיין 50 גראָשן אויף דער גאַלעריע. דערפֿאַר איז אָבער געווען אַ סקאַנדאַל הינטער די קוליסן און איך האָב זיך שטאַרק געשעמט. כ׳האָב דאַן געוויינט, געשריגן אויפֿן פּאַפּאַ... דו האָסט מיך פֿאַרשטאַנען און מיטגעפֿילט...

אין זיבעטן קלאַס האָב איך שוין געלט פֿאַרדינט. פֿון דאַן שטאַמט דער אָנהייב פֿון טראַגישן סוף. צו ערשט - אונדזער ביידנס פֿרייד : געדענקסט, ווי גליקלעך ביסט געווען, אַז דו האָסט פֿאַר מײַנע געלט געקויפֿט סחורה אויף אַ קליידל פֿאַר מיר : ראָזע בלימעלעך אויף אַ שוואַרצן גרונט, פֿון פֿאָרנט פֿאַרשנורעוועט מיט אַ רויטן באַנד. מיר זײַנען ביידע געווען שטאָלץ און גליקלעך.

דערנאָך - די גימנאַזיע. כ׳האָב געלערנט און געגעבן לעקציעס ייִנגערע קינדער און געלט פֿאַרדינט. מיט דעם האָב איך זיך אונטערשיידט פֿון דײַן גורל און פֿון מײַן ברודער און שוועסטער. כ׳האָב זיך גענומען שענער אָנטאָן (פֿאַר מײַן אייגן געלט). שׂרהלע מיט משהלען זײַנען מיר שטילערהייט מקנא געווען און האָבן ביסלעכווײַז געקריגן פֿאַר מיר דרך-ארץ. כ׳בין געווען פּריווילעגירט אין שטוב. געדענקסט דעם אינצידענט מיטן פּאַפּאַ וועגן מײַן מאַנטל ? כ׳האָב אַ גאַנצן זומער געקליבן געלט (כ׳האָב דאָך געגעבן 5 לעקציעס אַ טאָג !) אויף אַ מאַנטל, ווײַל מײַן אַלטער מאַנטל, וואָס העניע האָט מיר געהאַט געשענקט, האָט זיך שוין אויסגענוצט. דעם מאַנטל האָב איך געגעבן צו נייען עטלען. דאַן איז דער פּאַפּאַ געווען

אײַפֿערזיכטיק, ווײַל זײַן אַלטע בורקע איז שוין דאַן אויך געווען צעפּליקט און אָפּגעריסן... ער האָט אויך געדאַרפֿט אַ נײַעם בגד ! אָבער ער האָט קיין געלט נישט געהאַט... לויט דײַן פּסיכאָלאָגיע, מאַמאַ, האָב איך געדאַרפֿט זיך בעסער אָנטאָן, ווײַל איך געפֿין זיך צווישן גימנאַזיסטן און ווײַל כ'האָרעווע ביז שפּעט בײַ נאַכט... מאַמאַ ! געדענקסט מײַן דערציילונג, וואָס כ'האָב געשריבן צו דער אָלימפּיאַדע, „מירל" ? כ'האָב דאָרט איבערגעגעבן די כאַראַקטעריסטיק פֿון מײַן דעמלטדיקער אַרבעט און וועגן דײַן באַציִונג צו דעם. ליידער האָב איך עס ניט איצט בײַ זיך, אָבער אין דער היים וועסטו עס געפֿינען. אַ שאָד, וואָס כ'האָב דאַן ניט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטן וועגן דײַן סיטואַציע. כ'האָב באמת אַ סך געאַרבעט, געלערנט זיך און אַנדערע, ווייניק געשלאָפֿן און ווייניק געגעסן, איבערגעלעבט מײַנע טאָג-טעגלעכע זאָרגן און ניט געקלערט וועגן דיר. דײַן נייגער האָט מיך געשראָקן... פֿלעג איך שווײַגן. כ'האָב מער געשמועסט מיט מײַנע חבֿרים און חבֿרטעס ווי מיט דיר... איצט פֿיל איך מײַן שולד און מיר טוט וויי מײַן פֿעלער ! ווי אַזוי אים אויסבעסערן ? וואָס קען איך טאָן פֿאַר מײַן טײַערער מאַמען ? כ'קען אַפֿילו קיין טרער פֿון אירע נאַסע אויגן נישט אָפּווישן, קיין איינציק טרייסטוואָרט ניט שיקן... אפֿשר לײַדט זי נויט ? גורל, ברענג מיר אַהיים צו מײַן מוטער ! איך מוז איר העלפֿן, זיך מקריבֿ זײַן פֿאַר איר ! ---------------

שׂרהלע דאַווידאָווסקי ! אפֿשר דערמאָנט דיר עפּעס די דאַטע פֿון 30סטן נאָוועמבער, אפֿשר וועסטו אַ ווײַלע אַ טראַכט טאָן וועגן דײַן אַלטער חבֿרטע. קלערסט מסתּמא וועגן דעם, אַז כ'האָב ניט דערלעבט צו מײַן 17-יאָריקן געבורטסטאָג, אַז כ'בין שוין אַ קאַלטער מת. האָסט אַ טעות, מײַן ליבע ! כ'בין אַן ערגערע קאַליקע : אַ קאַלטער אָטעם אין אַ הייסן קערפּער... אַן אויסגעלאָשענער גלויבן, אַ פֿאַרפֿלעקטע אידייע, אַן אַנטוישטער שאָטן... ווײַל ס'איז שוין נישט די זעלבע לאהקע, וואָס דו האָסט ליב געהאַט. כ'בין אַ פֿאַרטעמפּטער ווען, ווערלכער קען אַפֿילו אויף מײַן גורל ניט וויינען...



טײַערע מײַנע ! געדענקסט נאָך אונדזערע פּלענער, מײַן טעאָריע וועגן אידעאַלער פֿרײַנדשאַפֿט, אונדזער „דרײַ-בונד" (איך, דו און זאַוול), די צוויי לאַגערן (אונדזערער און יאַנקלס, מיט סיאָמקעס), אונדזערע פֿאַרווײַלונגען...? געדענקסט ווי מיר האָבן זיך אַנטפּלעקט אונדזערע געפֿילן ? ווו ביסטו איצט ? ווי לעבסטו אין אָקופּירטן לאַנד ? צי האָסטו אונדזער שול, אונדזערע לערער, אונדזערע חבֿרה ? ווער איז איצט דײַן נאָענטסטע חבֿרטע, חבֿר ? פֿאַרגעס אויך ניט אָן מיר ! דערמאָן זיך ווי מיר האָבן צוזאַמען געלערנט, געלייענט, געטראַכט און געטרוימט ! ---------
---------------------------------------ווו זענט איר איצט, אַלע מײַנע חבֿרטעס און חבֿרים ? אפֿשר אין פֿינצטערן קאַרצער פֿון דער דײַטשישער תּפֿיסה ? אפֿשר אין וואַלד צווישן די רויטע פּאַרטיזאַנער ? אפֿשר דערשלאָגענע פֿון דער נאַצישער רעאַקציע, אַנטוישטע און פֿאַרצווייפֿלטע ? קען זײַן, אַז אײַער גורל איז אַ סך ערגער פֿון מײַנעם... אונדז אַלעמען איז שלעכט. מיר ווילט זיך אײַך עטלעכע טרייסטווערטער זאָגן, אָבער זײַט מיר מוחל, ס'איז מיר ניט מעגלעך ! אפֿשר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל טרעפֿן, זיך זען אין בעסערע צײַטן !

זונטיק דעם 30סטן נאָוועמבער, 3 בײַ טאָג

סאַראַ מאָדנער טאָג אין מײַן לעבן ! גלײַך אין דער פֿרי האָט מיר פֿאַני פּ., איינע פֿון אונדזערע דערציִערינס, באַגריסט צו מײַן געבורטסטאָג און מיך אַ קוש געטאָן ! כ'בין געווען שטאַרק גערירט : אַ פֿרעמדע פֿרוי האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל האַרציקייט און מוטערלעכע ליבע ! אַלץ אין אַ צײַט ווען איך פֿיל זיך איינזאַם, פֿאַרגעסן און פֿאַרלאָזן... נאָך דעם זײַנען מיר אַוועק צו אַ וואָסקרעסניק און האָבן ביז מיטאָג אָפּגערייניקט אַ גרויסן שמוציקן שטאַל. ווען כ'האָב זיך אומגעקערט האָט רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ מיך האַרציק באַגריסט, מיר געווונטשן אין גיכן זען מײַנע עלטערן, מיך אַ קוש געטאָן און מיר געשענקט אַ מתּנה אַ ביכל פֿון לעוויטאַן, וועלכן ס'איז

שווער צו קריגן אין דעם דאָרף ! דאָס האָט מיר נאָך אַ סך מער געריירט.
כ׳בין אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער, אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן בעט און זיך צעוויינט...
דערנאָך האָב איך אויף אַ זײַטעלע פּאַפּיר אָנגעשריבן אַ בריוו צו רעבעקאַ איזראַעלעוונאַן, איר האַרציק באַדאַנקט און איר אויסגעדריקט מײַנע געפֿילן.
גלײַך נאָך דעם האָט מיר שורע זלאַטינאַ - די טאָכטער פֿון פֿאַני פּ. און מײַן חבֿרטע פֿון קלאַס, באַגריסט און געשענקט גאָרקיס דערציילונגען ! זייער טרעפֿלעך איז דער אויפֿשריפֿט : „מען קען ניט פֿילן דעם טעם פֿון זיס, איידער מען דערפֿילט ניט דעם טעם פֿון ביטער !“ אַ פֿאַרשטענדלעכער אויפֿשריפֿט, פּונקט ווי אַ בריוו און אַלץ אויף רוסיש.
הײַנט אין אָוונט האָט מען געפֿײַערט אונדזער פֿאַרענדיקן דעם ערשטן קוואַרטאַל אין קינדערהיים און אין שולע. אונדזערע חבֿרה האָבן דערגרייכט גלענצנדיקע רעזולטאַטן, געקריגן אַ סך אויסגעצייכנטע און גוטע מיינונגען.
אונדזערע חבֿרה האָבן באַקומען צוויי איבערגאַנגס-פֿענער אין שולע. די אויסגעצייכנטלער זײַנען פּרעמירט געוואָרן דורך דער דירעקציע פֿון קינדערהיים. איך האָב באַקומען לערמאָנטאָווס פּאָעזיע ! יעדן איינעם האָט דער דירעקטאָר אָנגעשריבן אַן אַפֿאָריזם, אַ ווונטש. מיר האָט ער אָנגעשריבן שאָטאַ רוסטאַוועליס : „פּאָסטאָראָניעוואָ סאָוויעטאַ ו גאָריעסטיאַך פּאָליעזיען נאַם !“ און אַן אויפֿשריפֿט : „ליענאַ, וויעד טוואָיאַ טוואָרטשעסקאַיאַ זשיזן ווּפּיעריעדי, סלושאַי סאָוויעטי דרוזיעי.*“
דער אויפֿשריפֿט און בכלל די מתּנה זאָגן מיר אַ סך : ערשטנס איז מײַן מתּנה די ווערטפֿולסטע. די אויפֿשריפֿט זאָגט, אַז ער שעצט אָפּ מײַן ווערט ערשטנס, מיר שטייט פֿאָר אַ שעפֿערישע אַרבעט אין לעבן, דאָס הייסט :
כ׳בין צו עפּעס באַרופֿן ! צווייטנס, ער פֿאַררעכנט זיך צו מײַנע פֿרײַנד !
ער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען אַז כ׳האָב ניט ליב זײַנע עצות. אַז כ׳האָב זיך ניט אײַנגעהערט און איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער האָט ביז איצט געזאָגט. כ׳פֿיל איצט אַ צופֿלוס פֿון כּוחות און ענערגיע. מיר דערוואַרט אַ שעפֿערישע אַרבעט, וועלכע ?



**שבת דעם 6טן דעצעמבער, 9 פֿרי (אין שולע בעת אַ פֿרײַער לעקציע)**
נעכטן איז בײַ אונדז אין קינדערהיים געווען אַן אָוונט, געווידמעט דעם יאָרטאָג פֿון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. איך האָב דעקלאַמירט מאַיאַקאָווסקיס צוויי געדיכטן : „דאָס ליד וועגן סאָוויעטישן פּאַספּאָרט“ און „דאָס צען-יעריקע ליד“. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג ניט דעקלאַמירט, איז מיר דאָס מאָל געלונגען. כ׳האָב גערעדט מיט וואַרימקייט און האָב געמאַכט אַן אײַנדרוק.
מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געהאַט זייער אַן ערנסטן שמועס מיט איינער פֿון מײַנע שול-חבֿרטעס. כ׳בין שוין צוויי טעג אונטער דעם אײַנדרוק פֿון אירע רייד. זי האָט מיר דערציילט וועגן אירע ליבע-באַציִונגען מיט אונדזער לערער פֿון קאָנסטיטוציע. זי האָט מיר דערציילט, ווי זי האָט כּסדר זיך באַמיט אים זיך צו וואַרפֿן אין די אויגן, ציִען זײַן אויפֿמערקזאַמקייט. צו ערשט האָט ער זי ניט באַמערקט און זי האָט פֿון דעם געליטן. דערנאָך האָבן זיי זיך באַפֿרײַנדעט, זײַנען געוואָרן זייער נאָענט. זיי פֿלעגן זיך טאָג-טעגלעך טרעפֿן אין דאָקטער-קאַבינעט, ווו זי פֿלעגט ליגן אין זײַנע אָרעמס. ער האָט זי געקושט, געגלעט, געצערטלט איר ברוסט און דערבײַ גערעדט. זי האָט אים זייער ליב געהאַט, געווען גליקלעך. ער האָט בײַ איר געפֿאָדערט, זי זאָל זיך אים אָפּגעבן. דאָס האָט זי ניט געוואָלט. דאַן האָט ער זי גענומען מיט געוואַלד ! זי האָט זיך פֿאַרטיידיקט און איר איז געלונגען אים אָפּיאָגן ! דאַן האָבן זיך די באַציִונגען שוין געהאַט אָפּגעקילט... עס ווערט מיר קלאָר מײַן חבֿרטעס כאַראַקטער און אירע כּסדרדיקע אימפּולסן מענער צו דעראָבערן.
איך בין אַ מענטש פֿון אַ גאַנץ אַנדערער סבֿיבֿה, מיט אַן אַנדער כאַראַקטער.

**מיטוואָך דעם 10טן דעצעמבער, 12.30 בײַ טאָג**
כ׳בין שוין עטלעכע טעג ניט געווען אין שולע, ווײַל כ׳בין קראַנק און ליג אין בעט. כ׳האָב געהאַט היץ. איצט האָב איך שוין ניט קיין היץ, אָבער

כ'פֿיל זיך נאָך שלעכט. כ'האָב זיך דאָך אָנגעטאָן. עס איז מיר איצט געשען אַ גרויסער אומגליק : איבער דער נאַכט זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מײַנע ברילן ! קראַנקערהייט האָב איך געזוכט, איבערגעקערט מײַן בעט, אויסגעקערט דעם צימער, אומזיסט... כ'האָב געוויינט ווי קיין מאָל ניט : כ'האָב פֿאַרלאָרן אַ העלפֿט ליכט פֿון דער וועלט, אין ווערטלעכן זין פֿון דעם זאַץ. פֿאַר מיר איז די וועלט איצט טונקל, ווען זי איז פֿאַר אַלעמען ליכטיק, און פֿינצטער - ווען זי איז טונקל פֿאַר אַנדערע. כ'בין פֿאַרייִאושט ! כ'האָב פֿאַרלאָרן מײַנע עלטערן, מײַנע פֿרײַנד, מײַן היים, מײַן אידעאָלאָגיע און דאָס ליכט ! וואָס איז מיר געבליבן ? כ'בין אַן אומגליקלעכער מענטש... ווי וועל איך לערנען ? ווי וועל איל בכלל עפּעס קענען טאָן, לעבן ? אַלע באַדויערן מיך, האָבן מיטלייד פֿאַר מיר. כ'בין אַלעמען דאַנקבאַר, אָבער וואָס קען עס מיר העלפֿן ? ס'וועט אַריבערגיין אַ פּאָר טעג, וועלן אַלע פֿאַרגעסן אָן מיר, וועלן אַוועקגיין מיט זייער וועג, אָבער איך ? איך וועל שוין ווײַטער לײַדן, ווײַל קריגן ברילן צו קויפֿן איז דאָ אוממעגלעך. מאָרגן פֿאָרט דער דירעקטאָר קיין איזשעווסק, וועל איך אים פּרובירן בעטן ער זאָל מיך מיטנעמען ; אפֿשר וועל איך קענען דאָרט קויפֿן. כאָטש כ'צווייפֿל שטאַרק. „ער" האָט דערציילט, אַז ער האָט געזוכט גלעזלעך פֿאַר זײַנעם אַ באַקאַנטן און מען האָט אים געענטפֿערט, אַז ס'איז בכלל ניט פֿאַראַן. דאָך וועל איך זיך באַמיִען פֿאָרן. אָבער כ'בין נאָך, ווײַזט אויס, קראַנק : מיר שטעכט אין דער פּלייצע...

**שבת דעם 13טן דעצעמבער, 12 בײַ טאָג (אויף אַ לעקציע פֿון צייכענען)**

דער דירעקטאָר האָט מיר קיין איזשעווסק ניט מיטגענומען. ער האָט מאָטיווירט, אַז ס'איז זייער קאַלט און איך בין נאָך קראַנק. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפֿן פֿאַר מיר ברילן, אויב ער וועט קריגן. כ'פֿאַרשטיי, אַז לויט אים איז דאָרט פֿאַראַן אַ קליינע האָפֿענונג... וואָס וועל איך טאָן ? איך



גיי אין שולע, אָבער פֿון טאָוול און אויף דער מאַפּע זע איך אַבסאָלוט גאָרנישט... כ'בין אומגליקלעך. כ'בענק נאָך מײַן היים מער ווי שטענדיק ! די מאַמע איז געווען גערעכט, ווען זי האָט געזאָגט, אַז ווען מען האָט אַ צרה, בענקט מען אַהיים ! די נײַעסן פֿון פֿראָנט זײַנען איצט מער דערפֿרייענדיקע : מען האָט אַ ביסל אָפּגעיאָגט די דײַטשן אויפֿן מערבֿ- און דרום-פֿראָנט. אַמעריקע און קאַנאַדע האָבן דערקלערט קריג יאַפּאַן, ווײַל זי טרעט אַרויס קעגן ענגלאַנד. אפֿשר קען מען עפּעס גוטס דערוואַרטן ? ווען וועט זיך שוין ענדיקן די מלחמה ?

מיר איז מיאוס דאָס לעבן. דער פֿאַרלוסט פֿון די ברילן האָט מיך כּמעט דערהרגעט. אַלע איבעראַשן זיך ווי אַזוי די ברילן זײַנען איבער נאַכט פֿאַרשוווּנדן. טייל מיינען, אַז דאָס האָט עמיץ געטאָן מיר אויף צולהכעיס, צוליבֿ אייפֿערזוכט, כּדי מיר שטערן צו לערנען... כ'צווייפֿל, ווײַל כ'קען זיך ניט פֿאָרשטעלן, ווער עס האָט עס געטאָן. כ'בין דאָך באַליבט בײַ די חבֿרה !

**מיטוואָך דעם 17טן דעצעמבער, 11 פֿרי**

דער דירעקטאָר האָט טעלעפֿאָנירט פֿון איזשעווסק, אַז דאָרט זײַנען קיין ברילן ניטאָ. כ'בין אומגליקלעך. מיר דאַכט זיך, אַז די אויגן ווערן אַלץ שוואַכער און פֿינצטערער. וואָס וועט זײַן ? איך וועל ענדגילטיק בלינד ווערן ? עס שוידערט מיך ! פֿון טאָוול זע איך גאָרנישט. אָבער כ'לערן ווי פֿריִער און כ'קריג אויסגעצייכנטע מיינונגען. נעכטן האָבן זיך אָנגעהויבן די קורסן פֿאַר קאָמביינערס, אויף וועלכע מ'האָט מיר געצוווּנגען זיך לערנען. כ'בין אַוועק גלײַך בעתן איבעררײַס, ווײַל כ'האָב ניט געזען די צייכענונגען אויפֿן טאָוול און כ'האָב גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. כ'האָב זיך באַפֿרײַט, כ'וועל מער ניט לערנען.

נעכטן איז געשען אַ שוידערלעכער פֿאַל : ס'איז געקומען אַ פֿאָטער, אַן עוואַקויִרטער פֿון ליטע, זוכן זײַן קינד בײַ אונדז. און ס'האָט זיך

אַרויסגעוויזן, אַז זײַן קינד איז בײַ אונדז קיין מאָל ניט געווען, ווײַל ער איז געווען אין פּאַלאַנגער-לאַגער אין ליטע. דער פּאַלאַנגער-לאַגער האָט זיך געפֿונען אין אַ געגנט, וווּ ס'איז ניט געווען קיין אײַזנבאַן. און בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה זײַנען אַלע קינדער אַוועק צו פֿוס צו דער באַן. אַ טייל האָבן רויט-אַרמייער מיטגענומען אויף אויטאָס. אַ טייל זײַנען צעשאָטן געוואָרן און מען ווייסט ניט ווו זיי זײַנען אַהינגעקומען... דער פֿאָטער האָט אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף טעלעגראַמעס כּדי צו זוכן זײַן קינד, לײדער, אַלץ אומזיסט... ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין סאַראַפּול געפֿינט זיך אַן עוואַקויִרטער לאַגער און האָט אָנגעשריבן צו אונדז אַ קאַרטל, אין וועלכן ער פֿרעגט, צי עס געפֿינט זיך בײַ אונדז אַ ייִנגעלע עדעלשטאַט פֿון ליטע. רעבעקאַ איזראַעלעווּנאַן האָט זיך געדוכט, אַז אין ליטווישן לאַגער איז אַזאַ קינד פֿאַראַן, ווײַל זי האָט געדענקט, אַז ז'האָט שוין געהערט די פֿאַמיליע עדעלשטאַט. דאָס איז אָבער דערפֿאַר, ווײַל בײַ אונדז איז פֿאַראַן אַ ביאַליסטאָקער מיידעלע עדעלשטאַט !... דערפֿאַר האָט זי אָנגעשריבן אַ קאַרטל דעם פֿאָטער ער זאָל שרײַבן אַ בריוו קיין שאַרקאַן. זי וועט אויך אַהין שרײַבן, כּדי ער זאָל ניט פֿאַרלירן די פֿאַרבינדונג מיטן קינד ! אַ דערפֿרייטער און זיכערער איז דער פֿאָטער געקומען צו אונדז און האָט לײדער זײַן קינד ניט געטראָפֿן... דער פֿאָטער איז אַ צעבראָכענער, אַנטוישטער און אויפֿגערעגטער צוריק אַוועקגעפֿאָרן. דערבײַ האָט ער שרעקלעך געזידלט די ראַטנמאַכט, דעם ביוראָקראַטיזם און די נאַכלעסיקייט. כ'שטעל זיך פֿאָר דעם ווייטאָג פֿון פֿאָטער. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט ניט געוואָלט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן, כּדי זײַן 4-יעריק קינד זאָל ניט קריגן קיין שטיפֿמוטער ! ער האָט אַלץ מקריבֿ געווען פֿאַר זײַן קינד. און איצט... אָט, וואָס הייסט אַ מלחמה ! ווער ווייס ווי ס'וויטיקט מײַן מאַמע מיר זוכנדיק, ווי שווער זי לעבט עס איבער !... אָרעמע מאַמאַ ! וויין ניט איבער מיר און זוך מיר נישט. אַ שאָד דײַנע טרערן : איך לעב !

פֿון פֿראָנט קומען דערפֿרייענדיקע ידיעות : מיר האָבן אָפּגענומען קאַלינינען.



די שטימונג איז בעסער ווי פֿריִער. ס'זײַנען פֿאַראַן מער האָפֿענונגען אויף אַ זיג. אפֿשר ?

**דאָנערשטיק דעם 18טן דעצעמבער, 3 בײַ טאָג**

מיט יעדן טאָג דערקען איך מער דאָס לעבן און מענטשן. אין דער היים וואָלט איך געבליבן די זעלבע נאַיִווע ראָמאַנטיקערין. דאָ אין קינדערהיים זע איך בלויז אַ טייל פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. אונדזער קעכין און דער קאָנסיערזש גנבֿענען פּראָדוקטן... מיט אונדז ווינט אויך דעם דירעקטאָרס שוועסטער מיט איר טאָכטער און זיי שפּײַזן זיך בײַ אונדז פֿאַקטיש, כאָטש ניט אָפֿיציעל. פֿריִער האָב איך געמיינט, אַז די קעכין האָט ליב אונדזערע קינדער און אויך איר אַרבעט. לײדער האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז ניין ! זי שרײַט אויף די קינדער, גנבֿעט פּוטער און וווּרשט אין קיך. דער דירעקטאָר פּיעשטשעט זי, קושט, גלעט. זי פֿאַרקויפֿט אים איר ליבע, איז שוין עטלעכע מאָל געלעגן אין זײַנע אָרעמס. אַלץ דערפֿאַר, ווײַל עס לוינט איר... כאָטש דאָס אַלץ איז קעגן ערלעכקייט ! איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַר וואָס „ער" פֿלעגט מיר מאַכן באַמערקונגען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער גייט מיר ניט אָן... איך וויל אָבער קיין מאָל ניט זײַן ענלעך צו זיי אַלע ! איך וויל זײַן ריין און ערלעך אין פֿולן, ברייטן זין פֿון וואָרט !
כ'קלער : וואָס וועט זײַן, אַז עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה ? ווּהין וועל איך פֿאָרן ? אפֿשר מיט פֿאַני פֿ. און שורען קיין לענינגראַד ? זיי האָבן מיר עס ערנסט פֿאָרגעלייגט. אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט מײַנע עלטערן האָב איך שוין נישט קיין האָפֿענונג...

**שבת דעם 20סטן דעצעמבער, 1 בײַ טאָג (אויף דער לעקציע פֿון צייכענען)**

וואָלאָדיאַ האָט מיר געגעבן צוויי פֿאָטאָגראַפֿיעס זײַנע. ער איז אַרויסגעקומען זייער שיין. פֿון בילד קוקן אַראָפּ צוויי גלאַנציקע לעבעדיקע אויגן, עס לאַכן זײַנע לײַדנשאַפֿטלעכע ליפּן, פֿון וועלכע מען זעט ווײַסע, שיינע ציין.

זײַן פּנים, זײַן פֿיגור איז מענעריש און העלדיש. כ'האָב לאַנג ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פֿון בילד. וואָלאָדיאַן האָב איך ניט ליב, כ'פֿיל אַפֿילו ניט די מינדסטע סימפּאַטיע צו אים, ווײַל ער איז פֿלאַך, לײַכטזיניק און נאַריש. מיר געפֿעלט און רייצט בלויז זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע. כ'זוך אַן אידעאַל, וואָס כ'קען ניט געפֿינען... כ'וויל זיך פֿאַרליבן, אָבער כ'האָב נישט אין וועמען... עס געפֿעלט מיר וואָלאָדיעס אויסערלעכער אויסזען, מיך שטויסט אָבער אָפּ זײַן אינהאַלט !

זונטיק דעם 21סטן דעצעמבער, 7 אָוונט

הײַנט איז פֿאַר מיר אַ דערפֿרייענדיקער טאָג : כ'בין אויפֿגעשטאַנען גלײַך מיט אַ גוטן הומאָר. ווײַל כ'בין נעכטן אָוונט אַרויסגעטראָטן אין שולע אויף דער אונטערנעמונג מיט מאַיאַקאָווסקיס „פּאַספּאָרט“ און „צען-יעריק ליד“. כ'האָב געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק. פּיאָטער אַנדרײיעוויטש, דער לערער פֿון דער ליטעראַטור, און נינאַ ניקאָלײַעוונאַ - די לערערין פֿון כעמיע, האָבן שטאַרק אָנגעקוואָלן. דערנאָך האָב איך אַ סך געטאַנצט און זיך צוגעקוקט צו די היגע טענץ.

צווייטנס איז אויך זייער גוט דורכגעגאַנגען די ליניקע אין קינדערהיים, וועלכע איז אײַנגעפֿירט בײַ אונדז אַלע זונטיק אין דער פֿרי, לויט מײַן איניציאַטיוו.

דריטנס, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן די רוסישע אַרבעט אויף מאָרגן, וועלכע איז זייער פֿײַן אַרויסגעקומען. אַלזאָ כ'האָב הנאה !

לעצטנס - דאָס סאַמע וויכטיקסטע : דער דירעקטאָר איז צוריקגעקומען פֿון איזשעווסק און האָט מיר געבראַכט ברילן ! אמת, ניט אַזעלכע גוטע ווי מײַנע זײַנען געווען. אפֿשר אַ ביסל אַן אַנדער נומער ? אָבער דאָך זע איך דורך זיי אַ סך בעסער ווי אָן זיי. „ער“ האָט דערציילט, אַז ס'איז זייער שווער אָנגעקומען (דאָס קען מען גלויבן), ער האָט עס געקריגן דורכן מיליטערישן קאָמענדאַנט, ווײַל אַלע אָפּטישע גלעזער געהערן צו מיליטער-



מענער. ער האָט געבראַכט צוויי פּאָר ברילן. איין פּאָר טויג אין גאַנצן ניט פֿאַר מיר. כ'האָב גענומען די צווייטע. איצט בין איך גליקלעך ! כ'האָב אים הייס געדאַנקט און געפֿרעגט ווי כ'קען אים דערפֿאַר באַדאַנקען ? „ער“ איז געווען גערירט און האָט געזאָגט : אַז כ'זאָל זיך ווײַטער גוט לערנען ! דאָס טו איך דאָך כּסדר אויך פֿאַר מיר אַליין.

דאָנערשטיק דעם 25סטן דעצעמבער, 2 בײַ טאָג

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך פֿאָטאָגראַפֿירט מיט גניען. הײַנט האָבן מיר אָפּגענומען די פֿאָטאָגראַפֿיעס. ווי אַלט מיר זעען אויס ! ניט שוין זשע האָבן מיר זיך אַזוי פֿיל געענדערט פֿון יענעם אומגליקלעכן טאָג ווען מיר זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער היים ? פֿאַר וואָס האָט מיך די פֿאָטאָגראַפֿיע אַזוי איבעראַשט, מער ווי אונדזער בילד אין שפּיגל ? כ'האָב זיך ווירקלעך געענדערט, אַ חרפּה צו דערציילן... צײַטנווײַז קלער איך אויף רוסיש... דאָס איז קעגן מײַן ווילן. איצט, צום בײַשפּיל, האָב איך געוואָלט אונטערשרײַבן מײַן פֿאָטאָגראַפֿיע, האָב איך מעכאַניש אונטערגעשריבן אויף רוסיש... גניע האָט דאָס באַמערקט און האָט זיך פֿאַרוווּנדערט. זי האָט מיר געפֿרעגט פֿאַר וואָס איך שרײַב אויף רוסיש ? זי שרײַבט נאָך אויף פּויליש... כ'האָב אויף איר פּלוצלונגדיקער פֿראַגע ניט געקענט ענטפֿערן. זיך אַליין קען איך קוים ענטפֿערן : מײַן האַלב-יאָריק לעבן אין אַזאַ רוסישער סבֿיבֿה, די אָפּוועזנהייט פֿון ייִדישן קולטורעלן לעבן האָט געגעבן די דאָזיקע טרויעריקע רעזולטאַטן... אין גיכן וועל איך אפֿשר פֿאַרגעסן ווי כ'בין אַ מאָל געווען, ווי ס'האָט אויסגעזען לאהקע...

פֿרײַטיק דעם 26סטן דעצעמבער, 10 אָוונט

כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט אָנשרײַבן וועגן שורען, מײַן חבֿרטע פֿון שולבאַנק, פֿאַני פּ. טאָכטער. זי איז אַלט 16,5 יאָר, האָט אַן איידל, בלאַס געזיכט, צוויי גרינע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס קוקן פֿאַרקלערט און פּאָעטיש.

אירע האָר זײַנען טונקעלע, נאָר העלער פֿון מײַנע, זײַנען פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּ, וואָס דערגרייכן ביז איר טאַליע. מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט איר איז געווען אין סאַראַפּול. מיר האָבן זיך דאָרט געטראָפֿן אין שולע און זיך באַפֿרײַנדעט. דאַן האָט נאָך איר מוטער ניט געאַרבעט אין אונדזער קינדערהיים, אָבער כ'האָב שוין געוווּסט, אַז זי איז סאַמויִל מאַרקאָוויטשעס קוזינע. שורע האָט מיר דערציילט, אַז זיי קומען פֿון לענינגראַד, אַז זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע שילערין, האָט זיך געלערנט פּריוואַט דײַטש, טיילוויַיז ענגליש און ספּעציעל מוזיק - שפּילן פּיאַנע. זי האָטווירקלעך זייער שיין געשפּילט !

כאָטש איך האָב קיין מאָל קיין מוזיק ניט געלערנט, האָב איך דאָך פֿאַרשטאַנען וויפֿל געפֿיל ס'איז פֿאַראַן אין איר אויספֿירונג. כ'האָב זיך שטאַרק געפֿרייט פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט. כ'האָב געהאָפֿט געפֿינען אין איר אַן אינטעליגענטע, פֿײַנפֿילנדיקע מיידל, אַ טיפֿע נאַטור, אַ פּאָעטישע נשמה און אַ טאַלאַנט ! אין סאַראַפּול האָב איך נאָך נישט געקענט פֿעסטשטעלן ווי זי לערנט זיך, ווײַל זי האָט מערסטנטייל געקרענקט. כ'האָב דאָך באַמערקט, אַז זי לערנט זייער אַ סך, זי פֿאַרשטייט ניט קיין פֿיזיק און מאַטעמאַטיק. דערבײַ האָב איך איר אַלע מאָל געהאָלפֿן. איצט ווען מיר וווינען צוזאַמען אין קאַראַקולינאָ, האָב איך זי בעסער דערקענט. זי איז אָפֿט „קראַנק“, האָט 37 גראַד היץ. נאָך צוויי וואָכן „קראַנקהייט“ גייט זי 4 טעג אין שולע און ווערט ווידער „קראַנק“. זי פֿילט, אַז זי קען ניט פֿאַרגעדענקען, אַפֿילו ווען זי לערנט אַ סך. זי דענערווירט זיך, שרײַט אויף איר מוטער און ווערט „קראַנק“. מיר איז זי זייער מקנא, וואָס כ'האָב שטענדיק צײַט און קען געדענקען. פֿריִער, ווען כ'האָב ניט געהאַט אַלע ביכער, האָט זי מיר ניט גערן געגעבן, צוליב אייפֿערזוכט. כ'האָב זיך מיט איר דערפֿאַר געקריגט. זי קלערט, אַז זי איז אַן אַלזײַטיקער געני, אַ גרויסער טאַלאַנט. איך האָב איר פֿאָרגעלייגט מײַן הילף בעתן מאַכן די לעקציעס, איר אויסלערנען סיסטעמאַטיש זיי צו גרייטן. זי האָט עס אָפּגעוואָרפֿן,



ענטפֿערנדיק : כ'האָב אַ גוטן זכּרון, כ'בין בכלל פֿעיִק, כ'קען זיך גלענצנד אַליין אַן עצה געבן ! זי אָנערקענט מיך פֿאַר אַ נאָענטע חבֿרטע, פֿאַר וואָס געטרויט זי מיר ניט ? זי איז בכלל זייער איינזײַטיק. אַפֿילו אין לענינגראַד, דערציילט זי, פֿלעגט זי אין ערגעץ ניט גיין : זעלטן אין קינאָ, טעאַטער, פֿלעגט שטענדיק זיצן בײַ די לעקציעס. לויט אירע אייגענע רייד, פֿילט זי ניט די איינזאַמקייט און אומעט פֿון קאַראַקולינאָ, ווײַל איר גײַסטיק לעבן איז ניט געווען פֿילפֿאַרביקער אַפֿילו אין לענינגראַד. זי איז נאַיִוו, נאַריש. איר מוטער שאַצט אָפּ אירע אַלע נעגאַטיווע געדאַנקען, איר אויסערגעוויינלעכע אומבאַהאָלפֿנקייט און ניט-צוגעפּאַסטקייט צום לעבן. זי זאָרגט זייער וועגן איר און שווײַגט, כאָטש איר קומט אויס פֿיל צו לײַדן. ווען שורע לערנט ביז 2 אַ זייגער בײַ נאַכט און געדענקט נאָך אַלצאיינס נישט, דערפֿאַר, ווײַל די מאַמע קלײַבט אָן אַ סך מאַטעריאַלן, דגהט זי, וואָס זי קען נאָך אַלץ נישט, אָבער שורע לערנט עס פּאַקטיש ניט, שרײַט אויף דער מאַמען און מאַכט איר סקאַנדאַלן. פֿאַני פּ. האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געבעטן כ'זאָל צוזאַמען מיט איר לערנען, כ'זאָל זי באַרויִקן, איר אײַנרעדן, אַז זי וועט שוין קענען און גוט ענטפֿערן. דערפֿאַר ווײַל כ'שעץ און האָב ליב פֿאַני פּ., העלף איך שורען און חבֿר זיך מיט איר. קיין סימפּאַטיע צו איר האָב איך נישט, אָבער ס'איז מיר אַ שאָד איר מוטער : אַזאַ טאָכטער איז בלויז אַ שטראָף... זי איז אַ שלימזל, אָבער איז גליקלעכער פֿון מיר... זי האָט אַ קולטורעלע מוטער, וואָס פֿאַרשטייט זי, באַזאָרגט זי גוט, האָט איר געגעבן אַ גלענצנדיקע דערציִונג און אַ קולטורעלע סבֿיבֿה ! זי ווערט הייס געליבט און פֿאַרזאָרגט, אָבער איך ? איר האָט דער גורל באַשאָנקען מיט אַ סך גליק. פֿאַר וואָס האָט ער מיר באַשטראָפֿט, באַרויבט פֿון מײַנע עלטערן ?

שבת דעם 27סטן דעצעמבער, 12 בײַ טאָג

דער מיט אַנגסט דערוואַרטער אומגליק איז געשען ! מיט שוידער פֿאַרשרײַב

איך דעם טרויעריקן פֿאַקט. יאָ, כ׳בין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער פֿאַסקודנער, שמוציקער קרענק פֿון אַ סך פֿון אונדזערע חבֿרה, כ׳בין קרעציק! אויף אַ קליינעם טייל פֿון מײַן קערפּער האָבן זיך באַוויזן קליינע פּרישטשיקלעך, וואָס באַהאַלטן אין זיך יענע מיקראָסקאָפּיש-קליינע, העסלעכע פּאַראַזיטלעך, וועלכע גראָבן אין מײַן הויט קאַנאַלן, פֿרעסן מײַנע געוועבן. ספּעציעל בײַ נאַכט שמאַרצט עס מיר שרעקלעך. צו מײַן קליינעם גליק אין גרויסן אומגליק, האָבן זיי זיך נאָך נישט באַוויזן צו פֿאַרשפּרייטן אויפֿן גאַנצן קערפּער, בלויז אויפֿן אויבערשטן טייל פֿון דער רעכטער פֿוס, און אַ קליינער טייל אויפֿן בויך. דער איבעריקער טייל קערפּער איז ריין. כ׳האָב עטלעכע טעג זיך ניט דעצידירט גיין צו דער דאָקטאָרין, ווײַל כ׳האָב זיך געשעמט. אָבער נעכטן בין איך דאָך אַוועק. זי האָט פֿעסטגעשטעלט דעם אָנהייב פֿון דער קראַנקהייט און האָט מיר געהייסן 3 טעג זיך שמירן מיט אַ ספּעציעלן שוואַרצן מאַשטש. פֿאַר אַלעמען, אויסער געניען, איז עס אַ סוד. כ׳פֿיל זיך אַזוי צעבראָכן, דערנידעריקט, גײַסטיק צעטראָטן און כ׳קען ניט פֿאַר אַלעמען אַנטפּלעקן מײַן אומגליק. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס כּמעט אַלע האָבן שוין געקרענקט אויף דעם, וואָס דאָס איז בײַ אונדז אַ טאָגטעגלעכע דערשײַנונג, קען איך דאָך זיך ניט באַרויִקן. איזאָלירן זיך דאַרף איך ניט, ווײַל כ׳קען מיט דער קרענק, וואָס איז בײַ מיר אין אַזאַ לײַכטער פֿאָרם, קיינעם ניט אָנשטעקן. הײַנט אין דער פֿרי האָב איך איבערגעלעבט ספּעציעל פֿײַנלעכע מינוטן. כ׳האָב זיך אָנגעשמירט מיט מאַשטש, אַז קיינער זאָל ניט זען. אָבער דער שאַרפֿער, אַלעמען באַקאַנטער ריח האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן צימער און האָט מיך פֿאַראַטן. די חבֿרה האָבן גענומען זוכן, פֿון וואַנען ס׳שטאַמט דער ריח, ווער עס שמירט זיך מיט דער מאַשטש. כ׳בין געווען שטאַרק צעבראָכן און פּחדנותדיק, ווײַל כ׳האָב געשוויגן. געניע האָט מיר אַ סך געהאָלפֿן. ווען אַלע האָבן מיטן לאָמפּ אין האַנט זיך דערנענטערט צו מײַן בעט, האָט זי אָפּגעווענדעט זייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף אַ צווייטן ווינקל. ווי דאַנקבאַר



כ׳בין איר דערפֿאַר! גלײַכצײַטיק בין איך נאָך זייער אומגליקלעך... ווי וועל איך זיך קענען באַשמירן הײַנט, מאָרגן און איבערמאָרגן? סוף-כּל-סוף וועלן זיי דאָך אַנטדעקן דעם טרויעריקן, פּײַנלעכן סוד, וואָס וועט דאַן זײַן? מײַן ליילעך האָט צוויי ברוינע, פֿעטע פֿלעקן, מײַנע זאַכן זײַנען שמוציק, איך אַליין - דאָס זעלבע. איך וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿן ערגעץ פֿון דאַנען, אַרויסלויפֿן פֿון מײַן אייגענער הויט. מײַן זעלבסטגעפֿיל איז צעטראָטן, פֿאַרשמוצט, מײַן האַרץ ווייטיקט...

מיטוואָך דעם 31סטן דעצעמבער, 12 בײַ טאָג (אויף אַ לעקציע ליטעראַטור) מיט דער לעבעדיקער צײַטונג איז אַן אמתע קאַשע פֿאַרקאָכט. דער דירעקטאָר האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מײַנע, לויט אַלעמענס אָנערקענונג: פֿריילעכע, קלוגע וויצן, און וויל זיי ניט דורכלאָזן אונטערן פּרעטעקסט פֿון קאָנטררעוואָלוציע. ווען איך פֿאַרגלײַך אונדזער עסצימער טיילווײַז מיטן גיהנום, אַז איך זאָג, אַז אַ העפֿט, דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון איינציק-אַרויספֿליִענדיקע זײַטלעך, פֿאַרפֿולט מיט הערהאָגליפֿן, פֿלעקן און שלעכטע מיינונגען, אַז גראַמאַטיק איז אַ גוטער שלאָפֿמיטל - אָנערקענט ער עס אַלס באַליידיקונג פֿאַר אַלע חבֿרה. ער לייגט פֿאָר אָנרופֿן בעסער נעמען פֿון די שלעכטע שילער! מיט דעם בין איך אין גאַנצן ניט מסכּים. כ׳האָב אים דערקלערט, אַז עס וועט ניט אַרויסרופֿן קיין געלעכטער, נאָר אַ בייזקייט מצד אַלעמען! כ׳וויל דאָס אין גאַנצן ניט לייענען. „ער“ איז נעכטן געווען דערפֿאַר שרעקלעך אין כּעס אויף מיר, האָט געשריגן, מיר געזאָגט, אַז מיר פֿעלט די קאָמוניסטישע דערציִונג, אַז כ׳בין אַ פּחדן. פֿאַני פּ. האָט זיך אָנגענומען פֿאַר מיר, און ער האָט געשריגן אויף איר. די עטלעכע מיידלעך ווייסן וועגן דעם. בכלל האָט „ער“ בײַ אונדז קיין אַנדער נאָמען ניט ווי „דעספּאָט“, „טיראַן“, „באַגרענעצטער אידיאָט“. אַלע זײַנען אויף אים שרעקלעך אויפֿגערעגט. פֿאַני פּ. האָט מיר הײַנט אין דער פֿרי געזאָגט, אַז כ׳זאָל דאָך לייענען די צײַטונג, נאָר דאָס, וואָס איז ניט קאָרעגירט געוואָרן,

ווײַל אויב ניט, וועל איך ציִען אויף זיך זײַן כּעס. אַזוי וועט ער מיך דאָך ליב האָבן!

פֿאַני פּ., בערטאַ פּ., רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ און העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַ (די אינסטרוקטאָרין פֿאַר קינסטלערישער האַנטאַרבעט) האָבן מיר דערנאָך אויסגעדריקט מיטגעפֿיל און אָנערקענונג. אַלע זײַנען אויף מײַן זײַט, קעגן אים. וואָס עס שטייט מיר פֿאָר הײַנט אין אָוונט האָב איך נאָך קיין אַנונג ניט.

מײַן קראַנקהייט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. מײַן האָפֿענונג, אַז צוזאַמען מיטן אַלטן יאָר, וואָס האָט מיר געבראַכט אַזוי פֿיל צרות און לייד, וועט זיך ענדיקן אויך די פֿאַסקודנע קראַנקהייט, איז צערונען געוואָרן. נעכטן אין אָוונט האָב איך זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן ריינע וועש. בײַ נאַכט האָט מיר זייער געשמערצט און כ'האָב אין מיטן נאַכט זיך געמוזט אָנשמירן מיטן מאַשטש. ווען וועל איך שוין פּטור ווערן פֿון דער העסלעכער אָנשיקעניש ?

נעכטן בין איך געזעסן צוזאַמען מיט שורען אויף דער אויבערשטער פּאַלאַטע און געגרייט די לעקציעס. ס'איז געקומען וואָלאָדיאַ און האָט זיך גענומען טשעפּען. ער האָט מיר אויסגעצויגן אויף דער פּאַלאַטע און פֿאַרדרייט מײַנע הענט אויף הינטן. ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער מיר. בײַ מיר האָט זיך אָנגעצונדן דאָס בלוט. זײַן פֿיזישע שיינקייט און כּוח האָט צערייצט מײַנע בלוטן : עטלעכע מינוטן נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק, האָב איך נאָך נישט געקענט צו זיך קומען. דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט ווי נאַריש, פֿלאַך און לײַכטזיניק ער איז, און ער איז מיר געוואָרן אין גאַנצן גלײַכגילטיק. כ'האָב אַפֿילו גרינגשעצנדיק זיך צעשמייכלט.

דאָנערשטיק דעם 1טן יאַנואַר 1942, 11 פֿרי

נײַיאָר ! וויפֿל פֿרייד, האָפֿענונגען, סיורפּריזן זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם טאָג. דער ערשטער טאָג פֿון נײַעם 1942סטן יאָר. איך שטיי פֿאַר גרויסע



רעטענישן און דערוואַרטונגען. וואָס וועט מיר ברענגען דער יאָר ? ווּהין פֿירט מײַן וואַנדערשטעג, ווּהין וועל איך פֿאַרוואָגלט ווערן ? דאָס אַלטע יאָר, פֿאַר וועלכן כ'בין מיט פֿול דערוואַרטונג געשטאַנען מיט אַ יאָר צוריק, האָט מיר געבראַכט אומגליקן. דעם 16טן יוני האָב איך פֿאַרענדיקט אַ פּעריאָד פֿון מײַן לעבן, מײַן היים, מײַנע עלטערן און חבֿרים אויף שטענדיק. דעם 16טן יוני האָב איך פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק ווי אַן ענטוזיאַסטקע, אַ נאַיִווע טרוימערין, וואָס האָט געקוקט אויפֿן לעבן דורך ראָזע ברילן, וואָס האָט אומענדלעך געגלייבט אין מענטשלעכע ערלעכקייט און אויפֿריכטיקייט. די צווייטע העלפֿט פֿון אַלטן יאָר האָט מיר אַ סך געלערנט, כ'האָב דורכגעמאַכט אַ גאַנצע מעטאַמאָרפֿאָזע. כ'האָב דערזען דאָס, וואָס דאָס לעבן האָט מיר געמוזט באַווײַזן, וואָס קיינע, פֿון פֿריִער צוגעגרייטע פֿראַזן האָבן ניט געקענט פֿאַרדעקן. כ'בין פֿאַר דער צײַט אויסגעוואַקסן און זיך פֿאַרעלטערט 3 מאָל. וואָס גרייט זיך פֿאַר מיר אין נײַעם יאָר ? דער איבערברוך אויפֿן פֿראָנט ? דאָס, וואָס אונדזערע טיילן זײַנען שוין אַריבער אין אָנגריפֿן ! מיר האָבן אָפּגענומען טיכוואַן ראָסטאָוו, קערטש, פֿעאָדאָסיע, גיט גרויסע האָפֿענונגען ! אפֿשר ? אין מײַן פֿאַנטאַזיע זע איך די מאַמע, דעם פּאַפּאַ, אַלע נאָנטע... ווער ווייס... אויסזיכטן זײַנען פֿאַראַן גאַנץ קליינע... נעכטן איז בײַ אונדז געווען אַ פֿײַערלעכער סילוועסטער. כ'האָב די צײַטונג ניט געגעבן. דער פּראָגראַם איז געווען זייער אַ שיינער. כ'האָב געשפּילט אין אַ פּיעסע און זייער גוט אויסגענומען. מיר איז געלונגען אַרויסרופֿן די געשטאַלט, וועלכע כ'האָב פֿאַרקערפּערט. די שטימונג איז געווען זייער אַ גוטע. כ'האָב אײַנגעלאַדן צוויי מיידלעך פֿון אונדזער קלאַס, וועלכע זײַנען ליידער געווען אַ באַלאַסט פֿאַר מיר, ווײַל כ'האָב געמוזט זיך אַרומשלעפּן מיט זיי די גאַנצע צײַט, ווײַל שורע פֿלעגט פֿלינק פֿאַרשווינדן.

מיר האָט נעכטן שטאַרק גערירט רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז פֿאַקטיש געווען די, וואָס האָט צוגעגרייט דעם אָוונט, האָט געפּוצט דעם נײַיאָר-בוים, געגרייט די צײַטונג, די קאָסטיומען,

האָט מען איר ניט געגעבן קיין אָרט בײַם טיש פֿון די געסט. ערשט שפּעטער האָט מען איר צוגערופֿן. איך מיט געניען האָבן זי נאָך 12 אַ זייגער אָפּגערופֿן, כּדי איר איבערגעבן די נײַיאָר-ווּנטשן. זי איז געווען גערירט, האָט געוויינט און געדאַנקט.

כ'האָב אַליין אויך געוויינט. געניע האָט געכליפּעט. גלײַך נאָך דעם, ווי רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ איז אַרויס, האָט זי זיך צעלאַכט אויף איר חשבון. כ'בין געווען אויפֿגערעגט אויף איר פֿאַלשקייט און כ'האָב איר געזאָגט, אַז זי איז אַ גלענצנדע אַרטיסטקע. ווי קען מען אַזוי פֿאַלש זײַן ? צוליב פּראַקטישער באַקוועמלעכקייט אָפּנאַרן, זיך חנפֿענען, אויסדריקן מיטגעפֿיל און אַ סעקונדע שפּעטער - אויסלאַכן ! דאָס איז אַ פּרצוף פֿון אַ שלאַנג... ווי געפֿינען מיט איר אַ געמיינזאַמע שפּראַך ? ווער ווייס, וואָס זי קלערט וועגן מיר, פֿאַרשרײַבט בײַ זיך אין טאָגבוך ? כ'האָב שוין מער צו איר קיין צוטרוי נישט. זי איז נידעריק און איך פֿאַראַכט זי...

פֿרײַטיק דעם 2טן יאַנואַר, 10 פֿרי

וואָלאָדיאַ האָט גענומען טרינקען. דערבײַ האָט ער נישט קיין פּראַקטיק, ווערט שרעקלעך בלאַס און חלשט שלאָפֿן. מיר עקלט ער, דער שיינער, אויסערלעך געזונטער עפּל, וואָס איז אינעווייניק צעפֿוילט און ווערימדיק. נעכטן אָוונט האָט ער און וויקטאָר סעווערוכין, אַ שילער פֿון אונדזער קלאַס, זײַן בעסטער חבֿר, מיר און געניען אײַנגעלאָדן אין קלוב אויף אַ פֿאָרשטעלונג. וויקטאָר איז אַ הויכער, געזונטער 17-יעריקער יאַט, מיט אַ מענערישער פֿיגור און אַ העלדישן געזיכט. אַ שלעכטער שילער, אָבער אַ גאַנץ גוטער אַרטיסט. אויפֿן וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן ביידע געהאַט געטרונקען ווײַן. מיט דעם אונטערשייד, וואָס וויקטאָר איז ניט געווען שיכּור, אָבער וואָלאָדיאַ האָט זיך ניט געקענט האַלטן אויף די פֿיס. וויקטאָר האָט מיר דערציילט, זײַנענדיק אונטערן גלעזל, וועגן זײַן קינדהייט. בכלל האָט ער איצט אַ צרה : בעת אַ פֿאָרשטעלונג האָט ער אָנשטאָט אַ



הילצערנעם שטילעט אָנגעטאָן אַ פֿינקע, אויף וועלכער ס'איז ניט ווילנדיק אַרויפֿגעפֿאַלן אַ צווייטער און זײַן פֿוס איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. וויקטאָר איז צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אים דראָט 5 יאָר תּפֿיסה. ער איז פֿאַרצווייפֿלט. זײַנע עלטערן - נאָך מער ! ער האָט אָנגעגעבן אַ ביטע אין געריכט, מען זאָל אים נעמען ווי אַ פֿרײַוויליקן אין דער אַרמיי. אויב ס'וועט זיך גוט ענדיקן דער פּראָצעס, דאָס הייסט : ס'וועט אויסגיין בלויז צו געלט, וועט ער גלײַך גיין אויפֿן פֿראָנט ! כ'האָב אים געפֿרעגט : וואָס ס'באַרופֿט אים אָפּצוגעבן זײַן יונג לעבן ? ווײַל כ'ווייס, אַז ער איז ניט קיין קאָמסאָמאָליעץ און אַפֿילו ניט קיין גרויסער פּאַטריאָט. אויף מײַן פֿראַגע האָט ער געענטפֿערט : ס'איז אים דערעסן ! ער האָט אָנגעהויבן דערציילן זײַן קינדהייט : ר'איז געבוירן געוואָרן אין סווערדלאָווסק בײַ פֿאַרמעגלעכע עלטערן, נאָר ער האָט געהאַט שלעכטע חבֿרים. ער איז געוואָרן אַן אַטאַמאַן פֿון אַ שײַקע גנבֿים, אַלט זײַענדיק 12 יאָר ! זיי זײַנען געווען אין מאָסקווע, אין לענינגראַד, אין אוקראַיִנע, געגנבֿעט און עטלעכע מאָל צו דרײַ חדשים געזעסן אין תּפֿיסה. צו 15 יאָר האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

וואָס זאָל איך איצט קלערן וועגן אים ? אפֿשר איז ער דאָ אַ פֿאַרשיקטער צוליב דעם ? וואָס זאָל איך קלערן וועגן זײַן דערציילונג ? אַן „אַרטיסט“ ? אַז ער איז דעמאָראַליזירט, פֿאַרשטיי איך. ער האַלט זיך נאָכן ווײַן ניט שלעכט אויף די פֿיס, ער שפּילט אין קאָרטן, רייכערט. דאַכט זיך : אין גאַנצן אַ נעגאַטיווע געשטאַלט. דאָך פֿאַרמאָגט ער שטריכן, וואָס רופֿן אַרויס סימפּאַטיע. ער איז גאַנץ קלוג, און וויסנדיק אַז ער איז אַ גאָרנישט באַציט ער זיך מיט דרך-ארץ און שעצט מענטשן, וואָס שטייען העכער פֿון אים. אין אַ גוטער געזעלשאַפֿט האַלט ער זיך אַרטיק. ער איז אַ גוטער לויטן כאַראַקטער : ער האָט צום בײַשפּיל מיר געגעבן פּלאַסטינקעס צו פֿאָטאָגראַפֿירן זיך, אַ זאַך, וואָס דאָ קען מען עס איבערהויפּט ניט קריגן ! ער האָט זיך נעכטן פֿאָטערלעך געזאָרגט וועגן וואָלאָדיאַן, וועלכער האָט

זיך ניט געקענט האַלטן אויף די פֿיס. ער האָט אים געפֿירט לייגן שלאָפֿן, נאָכגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, געקריגן פֿאַר אים אַ פּלאַץ אין קלוב. ווי קאָמפּליצירט זײַנען מענטשלעכע נאַטורן! ווער קען אַרײַנדרינגען אין יענעמס כאַראַקטער?

שבת דעם 3טן יאַנואַר, 11 פֿרי

הײַנט אין דער פֿרי האָט מיר פֿאַני פּ. אָפּגערופֿן אין אַ זײַט, אַז זי דאַרף מיט מיר עפּעס רעדן. זי איז אַרויס פֿון קיך, ווו זי האָט דיזשורירט און האָט מיר געבעטן כ׳זאָל איר העלפֿן לייזן אַ געוויסן פּראָבלעם! כ׳האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן שורען! און כ׳האָב איר פֿאַרשטענדלעך צוגעזאָגט מײַן הילף! זי האָט וויינענדיק מיר דערציילט, אַז איר איז זייער שווער, אַז זי לעבט אַ סך איבער, אַז זי האָט ניט קיין צײַט פֿאַר איר טאָכטער, וועלכע נייטיקט זיך אין דעם מער ווי אין אַלץ. שורע האָט אַ שוואַכן געזונט. זי איז געוווינט געוויסנהאַפֿט צו גרייטן לעקציעס, דאָ אָבער זעט זי, אַז ס׳איז איר שווער, זי קען זיך קיין עצה ניט געבן, זי פֿילט, אַז זי דערגרייכט ניט דאָס, וואָס זי וויל, דערפֿאַר איז זי שרעקלעך נערוועז. זי איז געוואָרן פֿאַרטעמפּט און גלײַכגילטיק צום לעבן. זי איז פֿאַרצווייפֿלט, פֿאַרייִאושט און מאַכט פּעסימיסטישע אויספֿירן. זי איז גרייט צו רעזיגנירן פֿון לערנען, פֿון אַלץ...

מיר האָט שטאַרק גערירט שורעס צושטאַנד. מער ווי שורע האָט מיר גערירט איר מוטער - פֿאַני פּ., אַן אינטעליגענטע פֿרוי, אַ יוריסטין לויט איר פֿאַך, וועלכע איז שטאַרק איבערגעגעבן צו אונדזער קינדערהיים. זי רינגלט אַרום אַלע קינדער מיט מוטערלעכער זאָרג, אויך פֿאַר מיר און געניען. מיר האָט זי געבעטן הילף פֿאַר שורען, זי האָט אַפֿילו געוויינט אויף מײַן ברוסט... ווײַל זי גיט איר גאַנצע צײַט אַוועק פֿאַר פֿרעמדע קינדער, וואָס האָבן שוין נישט קיין עלטערן, האָט זי קיין צײַט ניט פֿאַר איר טאָכטער... קיין אייגענעם ווינקעלע האָט זי נישט, זי וואַלגערט זיך מיט דער טאָכטער



בײַ סאַמויִל מאַרקאָוויטשן אויף דעם אויבערשטן צימער, כאָטש איר שוועסטער - ב. פּ. האָט שוין געדונגען ערגעץ אַ צימער, ווו זיי וועלן זיך אין גיכן איבערקלײַבן, דאָך איז דער צימער פֿאַר 3 פּערזאָן ניט גלײַך צו זייער וווינונג פֿון 6 צימערן אין לענינגראַד. דערווײַל האָבן זיי באַזאָרגט שורען, זי זאָל ניט דאַרפֿן לויפֿן צו אונדז אויף מיטאָג, פֿרישטיק און אָוונטברויט. זיי באַמיִען זיך, אַז איך זאָל ניט זײַן באַזונדער, ווײַל שורע וועט דאָך מיר ניט קענען פֿרעגן דאָס, וואָס זי פֿאַרשטייט ניט. איצט זע איך ווי דאָס לעבן האָט צעבראָכן מענטשן! נישט שורען, נאָר איר מוטער! איך בין שטאַרק גערירט פֿון דעם ייִאוש פֿון דער קלוגער, גוטער פֿרוי. כ׳האָב איר פֿאַרזיכערט, אַז כ׳וועל איר העלפֿן מיט אַלץ, וואָס כ׳וועל קענען. כ׳האָב איר ניט געקענט אויסדריקן דאָס, וואָס כ׳האָב געפֿילט און איבערגעלעבט. ווי ליב איך האָב זי! אַן אומגליקלעכע מוטער, וואָס האָט דערצויגן אַן אומבאַהאָלפֿן קינד! זי איז צו מיר אַזוי מוטערלעך, זי האָט מיר שוין פֿיל מאָל געזאָגט ערנסט, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך פֿאָרן מיט איר קיין לענינגראַד, אויב כ׳וועל ניט קענען פֿאָרן אַהיים. זי וויל מיר שאַפֿן אַ היימיש ווינקעלע אין איר נעסט. מאַטעריעל קען זי זיך דאָס דערלויבן. איר מאַן איז אַ הויפּט-אינזשיניער אין אַ לענינגראַדער אָרגאַניזאַציע. בכלל איז עס אַן אַלטע אינטעליגענטע משפּחה פֿון אינזשיניערן, די אַלטע, אַמאָליקע אינטעליגענץ.

מאָנטיק דעם 5טן יאַנואַר 1942, 12 בײַ טאָג

וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש האָט איצט געזאָגט אַז דעם 18טן דעם חודש ענדיקט זיך דער צווייטער קוואַרטל. קיין פֿעריען וועלן ניט זײַן. ס׳הייבט זיך גלײַך אָן דער דריטער און לעצטער קוואַרטל, וועלכער וועט זיך וואַרשיינלעך ענדיקן אין חודש אַפּריל, ווען עס הייבט זיך אָן די פֿאַרזיי-קאַמפּאַניע. מען וועט אונדז שיקן אויף די פֿעלדער. דעם פּראָגראַם באַמיט מען זיך פֿונדעסטוועגן אויספֿילן. ווען מען וועט אונדז אויסהערן איז נאָך

נישט באַוווּסט.

איך האָב זיך דערנענטערט צו שורען. נעכטן האָב איך איר דערקלערט די פֿיזיק, אַלגעברע און טריגאָנאָמעטריע. דערנאָך האָט זי עס אַ גאַנצן טאָג געלערנט. אין אָוונט, ביז 3 אַ זייגער בייַ נאַכט - די ליטעראַטור. איך האָב אַ גאַנצן טאָג געלייענט דאָבראָליובאָווס קריטישע אַרטיקלען וועגן אָסטראָווסקיס שאַפֿונג, און כ'האָב אַפֿילו קיין לערנבוך אין האַנט ניט גענומען. ווען מען האָט אונדז הייַנט ביידן געפֿרעגט, האָבן מיר ביידע געקריגן „אויסגעצייכנט“! שורע האָט זיך זייער שטאַרק געוווּנדערט און מיך אָנגערופֿן: „געני“. זי איז שטאַרק מגזם מייַנע פֿעִיקייטן, ווייַל איר קומט דאָס לערנען שווער אָן. איר מוטער האָט מיר הייַנט געדאַנקט, וואָס כ'האָב זיך אַ גאַנצן טאָג פֿאַרנומען מיט איר. נעכטן איז זי געווען מונטערער ווי געוויינלעך, האָט אַפֿילו נאָרמאַל געגעסן! פֿאַני פּ. איז פּשוט געווען גליקלעך.

מאָרגן וועט זייַן אַ קלאַסן-אַרבעט פֿון כעמיע. דערפֿאַר דאַרף איך הייַנט אַ גאַנצן טאָג זיצן און לערנען צוזאַמען מיט שורען. די אַרבעט, וואָס כ'האָב אויף זיך גענומען קאָסט מיר אַ סך צייַט, וואָס כ'וואָלט געקענט אויסנוצן צום לייענען, אָבער איך דאַרף דאָך אויסדריקן מייַן דאַנקבאַרקייט צו פֿאַני פּ.! מיר פֿאַרשאַפֿט אויך פֿאַרגעניגן, ווען שורע ענטפֿערט גוט און פֿילט זיך מונטער, איבערהויפּט ווען פֿאַני פּ. קומט אַ גליקלעכע און שייַנענדיקע צו אונדז, כּדי צו זען ווי מיר לערנען!

מיטוואָך דעם 7טן יאַנואַר, 11 אַ זייגער פֿרי

איך האָב עגמת-נפֿש פֿון שורען. זי האָט אַ גאַנצן טאָג און נאַכט געלערנט, ביז 5 אַ זייגער פֿאַר טאָג. דעם טאָג איז זי שוין אין שולע ניט געגאַנגען און ביידע קלאַסן-אַרבעטן: סייַ פֿון געאָמעטריע, סייַ פֿון כעמיע ניט געמאַכט. דערנאָך האָט זי ביז 6 אָוונט געלערנט און איז געגאַנגען אין שולע כּדי צו טרעפֿן נינאַ ניקאָלייַעוונאַן און ענטפֿערן אויף די פֿראַגן פֿון כעמיע. נינאַ



ניקאָלייַעוונאַ איז שוין אין שולע ניט געווען. הייַנט וויל זי גיין צו איר אין שטוב. אין שולע איז זי ווייַטער ניטאָ, ווייַל הייַנט האָט זי געדאַרפֿט ענטפֿערן פֿון דאַרוויניזם און מאַכן אַ קלאַסן-אַרבעט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות, ווייַל זי איז באמת אַן אומגליקלעכע, טעמפּע מיידל!

איצט גרייטן מיר אַ פּיעסע מיט העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַן „סוויערקאַיטיע אַלמאַזי“. ס'דאַרפֿן אָנטיילנעמען 6 מיידלעך און 9 יאַטן. די הויפּטראָלן זייַנען פֿון לידע און וואָלאַדעק. ווייַל בייַ אונדז זייַנען פֿאַראַן ווייניק יאַטן, וועל איך אייַנלאַדן וויטאַלי סעוועראָוכינען אויף דער הויפּטראָל. כ'האָף, אַז ער וועט מסכּים זייַן, ער האָט שוין אַ מאָל געשפּילט די ראָל. איך וועל שפּילן לידען. איך וויל מיט אים שפּילן, ווייַל ער איז אַ גוטער אַרטיסט, ניט קוקנדיק אויף זייַנע פֿאַרשיידענע נעגאַטיווע שטריכן. הייַנט וועט מען פֿאָרלייענען פֿאַרן דראַמקרייַז דעם טעקסט.

שבת דעם 10טן יאַנואַר, 3 בייַ טאָג

כ'האָב זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו מייַנע באַדינגונגען און דעם שטייגער-לעבן, ווייַל ס'איז דאָך ניט מעגלעך צו האָבן אַנדערע באַדינגונגען. נעכטן אין אָוונט, ווען כ'האָב בייַ אַסיען געגעסן אָוונטברויט איז בייַ איר אויך געווען די פּיאָנערן-לייַטערין פֿון שולע, אַ ייִדישע מיידל פֿון מאָסקווע - פֿיראַ אַלאָטינאַ. זי האָט זיך עוואַקויִרט צוזאַמען מיט אירע עלטערן, מיט איר שוועסטער און אַ קינד, פֿון מאָסקווע. זי האָט צוזאַמען מיט אונדז געגעסן ברויט, זויערע קעז, טיי מיט צוקער. זי האָט געגעסן שטיל און פּאַמעלעך. ווען מיר האָבן שוין געענדיקט עסן, האָט זי אַ העלפֿט פֿון איר אָוונטברויט גענומען פֿאַר איר פּלימעניק. מיר זייַנען געווען שטאַרק גערירט! האָבן פֿאַרשטאַנען, ווי עס זעט דאָרט אויס דער הונגער... בייַ זיי אין שטוב אַרבעטן 3 פּערזאָן און זיי קענען אַפֿילו ניט אויסהאַלטן אַ קינד! דאָ קאָסט דאָך אַלץ טייַער: פּוטער קאָסט 60 רובל אַ קילאָ, פֿלייש - 70

רובל - דערפֿאַר איז עס שווער צו קריגן. דאָס איז אין אַ דאָרף, אַלזאָ וואָס טוט זיך אין אַ שטאָט ? ברויט קריגט מען 40 דק״ג פֿאַר אַ פערזאָן יעדן טאָג. מען האָרעוועט שווער אין אַזעלכע באַדינגונגען, ספּעציעל פֿאַר עוואַקויִרטע, און עסן - איז ניטאָ...

הײַנט איז פֿירע געקומען אויף מיטאָג, כּלומרשט צו אַסיען. כ׳האָב זי גערופֿן צו אונדזער טיש און מיר האָבן געגעסן אַלע צוזאַמען. דאָס איז שוין זיכער פֿאַר איר אַ גליקלעכער, זאַטער טאָג !

כ׳האָב זיך דערמאָנט, וואָס מען האָט דערציילט וועגן די ערשטע יאָרן אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. כ׳האָב אַ סך געלייענט וועגן הונגער דעמלט : מענטשן פֿלעגן אומקומען, עלטערן האָבן אויפֿגעגעסן זייערע אייגענע קינדער... - געווען אַזעלכע פֿאַלן ! איצט, ווען ס׳איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט דאָס ערשטע יאָר קריג, איז אַן ענלעכע סיטואַציע. וואָס וועט זײַן אויב די מלחמה וועט זיך פֿאַרציִען ?

כ׳הייב אָן גלויבן, אַז כ׳האָב אין הימל אַ שטערן, וואָס פֿירט מיר אין לעבן און פֿאַרהיט מיר פֿון אומגליקן. איצט געפֿין איך זיך אין אַ קינדערהיים, ווו כ׳ווער באַשפּײַזט, כ׳לערן זיך, איך ווױן אין אַ וואַרעמען צימער, אין אַ בעט ! כ׳ווער געשעצט דורך אַלע קינדער, די דערציִער און די לערער פֿון שולע. ס׳איז אַ פֿאַרגעניגן זיך קענען לערנען, געניסן פֿון קוואַל פֿון וויסן ! כאָטש אין אַ באַגרענעצטער מאָס, ווײַל דאָ קען מען קיין ביכער ניט קריגן, אָבער דאָך !

פֿאַני און ב. פּ. רעדן ערנסט וועגן דעם, אַז אויב ס׳וועט זיך ענדיקן די מלחמה און ס׳וועט ניט זײַן מעגלעך, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן אַהיים, וועלן זיי מיר און געניען מיטנעמען צו זיך אין לענינגראַד !

מיר איז זייער גוט. וואָס איז אָבער מיט מײַן משפּחה און מײַנע נאָענטע אין ביאַליסטאָק ? זיי ווערן פֿאַרפֿאָלגט און געפּײַניקט, הונגערן און לײַדן שטאַרק. מיך האָט דער גורל געשוינט ! עס פֿעלט מיר בלויז אַ וועגווײַזער, וואָס זאָל מיר אָנווײַזן אין וועלכער ריכטונג זיך אַנטוויקלען : ביז הײַנט



ווייס איך נאָך אַלץ ניט, וואָס עס אינטערעסירט מיך מער : מאַטעמאַטיק און פֿיזיק, אָדער ליטעראַטור, שפּראַכן און געשיכטע... וואָס זאָל איך זײַן : אַן אינזשיניער, אַ לערערין, אַ שרײַבערין, אָדער אַרטיסטין ? אפשר דאַרף מען דערווײַל בכלל נישט מאַכן קיין פּלענער, ווײַל מען ווייס נאָך נישט ווען און ווי אַזוי עס וועט זיך פֿאַרענדיקן די מלחמה...

זונטיק דעם 11טן יאַנואַר, 2 בײַ טאָג

"Mich träumt ich weiß nicht was"* (Heine)

מיר איז אומעטיק, איך בענק, איך קלער, איך וויל... וואָס ? איך ווייס אַליין נישט...

דאָס לעבן איז לאַנגווײַליק, נישטיק, גרוי. טעג פֿאַרגייען, כ׳לעב מיט קליינלעכע, טאָגטעגלעכע זאָרגן. יעדן טאָג שטיי איך אויף 7.30, וואַש זיך, רייניק די ציין, קאַם זיך, פֿאַרבעט מײַן בעט, עס פֿרישטיק און גיי אין שול, וועלכע געפֿינט זיך 20-25 מעטער פֿון אונדז. 4, 5 שעה אין שולע, דערנאָך - צוריק. מיטאָג און ווידער - לעקציעס, קלאַסן-אַרבעטן, ביכער. עס בלײַבט מיר נאָך פֿרײַע צײַט. איך פּלוידער, קלער און נודזשיע זיך. פֿון צײַט צו צײַט בין איך אָרדנער אין אונדזער שלאָפֿצימער און עסצימער. איין מאָל אין צוויי וואָכן פֿיר איך דעם קינדערראַט. קאָנטראָליר עטלעכע מאָל אין וואָך די אַרבעט פֿון די קאָמיסיעס. זונטיק פֿיר איך די לינייקע. דער אויסגאַנגסטאָג וואַרפֿט מיר אָן אַן אומעט און איז לאַנגווײַליק. די איינציקע זאַך, וואָס איז אָנגענעם איז דרײַ מאָל אין דער וואָך דער דראַמקרײַז צו 3 שעה. פֿאָרלויפֿיק האָב איך קיין שום ציל נישט אין לעבן. כ׳פֿאַרליר אַלץ מער מײַן אַמאָליקן כאַראַקטער און כ׳שטעל זיך ניט פֿאָר מײַן צוקונפֿט. כ׳וויל ס׳זאָל זיך שנעלער ענדיקן די מלחמה ! וואָס דערוואַרט מיר ?

**מיטוואָך דעם 14טן יאַנואַר, 4 בײַ טאָג**

כ'האָב שוין צוגעגרייט אַלע מײַנע לעקציעס, באַלד וועל איך אָנהייבן לייענען. וואָס ? ווייס איך אַפֿילו נישט. כ'האָב דאָך דערווײַל ניט קיין ביכער. מיר טוט וויי אין האַלדז, אפֿשר זאָל איך זיך לייגן אין בעט... אָבער גיין שלאָפֿן וויל איך דאָך נישט, אויב כ'וועל איצט שלאָפֿן, וועל איך דאָך בײַ נאַכט ניט קענען שלאָפֿן. כ'בין אין אַ שלעכטער שטימונג ! כ'וויל פֿון איר פּטור ווערן, אָבער כ'קען נישט... כ'פֿיל אַ שוואַכקייט און כ'קען גאָרנישט טאָן, אויסער דאָס פֿאַרשרײַבן אין מײַן טאָגבוך. מײַן טאָגבוך איז מײַן אינטימסטער פֿרײַנד ! בלויז אים געטרוי איך מײַנע געדאַנקען און געהיימניסן, אים גיס איך אויס מײַן האַרץ, אין אים זוך איך אַ טרייסט.

פֿאַפּירענער פֿרײַנד מײַנער, דו ביסט אַ טייל פֿון מײַן אינהאַלט ! כ'האָף, אַז דו וועסט מיך נישט פֿאַרראַטן, ווײַל דו ביסט אויף ייִדיש און דאָ קענען ווייניקע עס לייענען... פֿאַר די, וועלכע קענען עס לייענען, קען איך עס גוט באַהאַלטן !

**פֿרײַטיק דעם 16טן יאַנואַר**

נעכטן דעם 15טן יאַנואַר איז געווען דער 16טער געבורטסטאָג פֿון מײַן נאָנטער חבֿרטע שׂרהלע דאַווידאָווסקי. פֿאַראַיאָרן בין איך דאָך געווען אויף דײַן 15טן געבורטסטאָג. הײַיאָר קען איך אַפֿילו דיר נישט שיקן קיין באַגריסונג... כ'האָב דיך אָבער זייער ליב, אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט איז שטענדיק געווען אַן אידעאַלע און אַ סך באַקאַנטע זײַנען אונדז מקנא געווען. ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך טרעפֿן ? ווער ווייסט וווּ דו ביסט איצט ? טײַערע, ליבינקע שׂרהלע, צי וועלן מיר מיט דער צײַט זיך פֿאַרגעסן ? דערווײַל מוז איך זיך שאַפֿן אַנדערע חבֿרטעס... דו - דאָס זעלבע. אין דער הינזיכט ביסטו גליקלעכער פֿון מיר, ווײַל דו ביסט דאָך אין אונדזער סבֿיבֿה ! אפֿשר בין איך נאָך ביז איצט ניט פֿאַרגעסן געוואָרן ? שׂרהלע, ווייסט, איך בין אפֿשר גליקלעכער פֿון דיר ? איך לערן נאָך ; און



דו ? דו אַרבעטס שוין אין פֿאַבריק מיט דײַן מאַמען ? דו לײַדסט הונגער ? דו לעבסט ? איך ציטער פֿאַר דײַן גורל ! וואָס מאַכט דײַן מוטער ? איך האָב זי ליב ווי מײַן מאַמען ! אַל דאָס גוטס פֿאַר אײַך !

איצט איז מײַן נאָענטסטע חבֿרטע גניע. מיר האָבן אָבער פֿאַרשיידענע כאַראַקטערס, נישט אַזוי ווי מיט דיר. אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט דרינגט פֿון די מאַטעריעלע באַדינגונגען און אונדזער גורל צו פֿאַרלירן די היים און משפּחה. מיר זײַנען ביידע איינזאַם און אָן אונדזערע סבֿיבֿות.

**זונטיק דעם 18טן יאַנואַר, 4 בײַ טאָג**

גניע האָט זיך נעכטן אַרויסגעקליבן פֿון אונדזער צימער און איז אַוועק שלאָפֿן צו טאַניען. זיי האָבן זיך שוין ווידער דערנענטערט ווי אין סאַראַפּול. אין דער פֿרי בין איך צוליב דעם געווען אין אַ שלעכטן הומאָר : כ'האָב געפֿילט אַן אומעט און איינזאַמקייט... דערצו האָט מיר נאָך אַלץ וויי געטאָן אין האַלדז און כ'האָב שטאַרק געהוסט. כ'האָב באַשלאָסן בלײַבן אין בעט און אַפֿילו דאָ געפֿרישטיקט. מיט דער צײַט איז מײַן אומרו געוואַקסן און כ'האָב זיך געפֿילט עלנט. דערפֿאַר האָב איך זיך שנעל אָנגעטאָן. דער טאָג איז אָבער נישט קיין אָנגענעמער. כ'בין נישט אין מײַן הויט : איך לייען נישט, איך לערן נישט מײַן ראָל, כ'פֿיל, אַז מיר איז ניט גוט ! דערצו נייטיק איך זיך מער ווי אַלע מאָל אין אַ נאָענטן פֿרײַנד !

**מאָנטיק דעם 19טן יאַנואַר, 1 בײַ טאָג**

הײַנט איז אַ פֿערציקגראַדיקער פֿראָסט און קיינער איז ניט געגאַנגען אין שולע. כ'בין אויפֿגעשטאַנען מיט אַ טיפֿן אומעט. כ'האָב געהאַט אַ טרויעריקן חלום : מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קום פֿון ערגעץ ווײַט אַהיים און איך טרעף דאָרט קיינעם נישט. דער פֿעטער פּינחס זאָגט מיר, אַז די מאַמאַ מיטן פּאַפּאַן האָבן, גלײַך ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, געפּרוּווט פֿאָרן קיין גראָדנע. דער פּאַפּאַ האָט אויפֿן וועג צעבראָכן אַ פֿוס... מער קיין ידיעות

פֿון זיי איז ניטאָ... דערנאָך האָב איך עפּעס יאָ געטראָפֿן די מאַמאַ, אָבער דעם פּאַפּאַ האָב איך אין ערגעץ ניט געזען. כ'בין געזעסן מיט דער מאַמאַ אין דער היים און געוויינט. איז געקומען אַ דײַטשער זעלנער און גענומען מיך שלאָגן. כ'בין דערנאָך אַנטלאָפֿן אין די אָקאָפּעס און מען האָט מיך באַוואָרפֿן מיט שטיינער... אויף אַזאַ אופֿן האָט דער חלום מיר דערמאָנט אָן מײַן היים און מײַן משפּחה ! ווער ווייס, צי זיי לעבן, און ווי אַזוי ? אַרבעטספֿעיִק איז בלויז דער פּאַפּאַ. משהל האָט אַ גאַנץ שוואַכן געזונט און איז אַלט 15 יאָר. צי האָבן זיי איבערגעלעבט די באָמבאַרדירונג, פּײַניקונגען פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע ? זיי מוזן געוויס לײַדן הונגער... אפֿשר האָט זיך אײַנגעוואַלגערט אונדזער הויז ? וואָס מאַכט מײַן יונג שוועסטערל שׂרהלע, די 13-יעריקע ? משהל אַרבעט שוין אַוודאי צוזאַמען מיטן פּאַפּאַ... וואָס מאַכט די מאַמאַ, ווי איז איר געזונט ? וואָס קלערן זיי וועגן מיר ? צי ווייסן זיי אַז אונדזער קאָלאָניע איז געוואָרן עוואַקויִרט ? צי קלערן זיי, אַז די דײַטשן האָבן אונדז פֿאַרשיקט און זיי באַוויינען מיך ? אויפֿן ראַדיאָ איז איצט געווען אַ פּאָליטישע אינפֿאָרמאַציע. מען האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן אַ סך דערוואַרטן פֿון קומענדיקן פֿרילינג ! די מלחמה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ערדקויל האָט איצט דערגרייכט דעם זעניט מיטן אַרײַנטרעטן אין קריג פֿון יאַפּאַן און אַמעריקע. וואָס פֿאַר אַ ענדערונג אין אונדזער לעבן וועט עס ברענגען ? צי וועט עס דערנענטערן אונדזער צוריקקער אַהיים ? אונדזער באַגעגעניש מיט אונדזערע נאָענטסטע, ליבסטע און טײַערסטע ?

ס'איז שוין מער ווי אַכט חדשים, ווי מיר האָבן פֿאַרלאָזט אונדזער היים, און אַכט חדשים, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז שוין אַ סך לענגערע צײַט !

פֿרײַטיק דעם 23סטן יאַנואַר, 1 בײַ טאָג

די גאַנצע וואָך זײַנען געווען גרויסע פֿרעסט : 48-, 52- און מען גייט נישט



אין שולע. אין שולע איז אגבֿ ניטאָ קיין האָלץ צום הייצן. געוויינלעך דאַרף מען פֿאָרן אין וואַלד אויסהאַקןביימער, נאָר איצט, צוליב די פֿרעסט איז עס אוממעגלעך. אײַערנעכטן ווען כ'בין געווען בײַ טאַניען אין צימער, בין איך אַראָפּגעפֿאַלן פֿון איר טאַבורעטקע, ווען כ'בין געשטאַנען לעבן אויוון און זיך געוואַרעמט. כ'האָב זיך שטאַרק צעקלאַפּט די פֿיס : צעבלוטיקט די לינקע פֿוס און צעהאַקט די קני פֿון דער רעכטער פֿוס, די קני איז שטאַרק אָנגעשוואָלן. איך בין אויך אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן בעט און געביסן די ליפּן פֿאַרן ווייטיק... אָבער געוויינט האָב איך נישט. וואָלאָדיאַ, וועלכער איז אויך געווען אין צימער, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט מײַן פֿאַל. ר'איז אַרויסגעלאָפֿן און געבראַכט שניי, מיר פֿאַרריבן די פֿיס. דערנאָך איז ער אַוועק צו זײַן שוועסטער, געבראַכט וואַטע און אַ באַנדאַזש און מיר צוגעלייגט צוויי קאָמפּרעסן. ווײַל ר'האָט מיר אַרויסגעוויזן פֿיל זאָרג און הילף, בין איך געווען זייער גערירט ! איצט האָב איך שוין אַראָפּגענומען די קאָמפּרעסן. נעכטן האָב איך נאָך צוגעהינקט, הײַנט שוין נישט, אָבער עס טוט מיר נאָך ווי...

כ'בין נישט צופֿרידן פֿון די „פֿעריען“, וואָס די נאַטור האָט אונדז אײַנגעאָרדנט. טעג פֿאַרגייען אין ליידיקגיין. כ'קען אַפֿילו ניט מאַכן קיין שום אַרבעט. כ'האָב געפּרוּווט גרייטן מײַן רעפֿעראַט און גלײַך איבערגעריסן צוליב מײַן ווייטאָג... כ'האָב אַפֿילו ניט געקענט זיך קאָנצענטרירן כּדי זיך אויסלערנען דעם טעקסט פֿון דער ראָל, וואָס כ'דאַרף שפּילן... כ'בין נישט צופֿרידן פֿון זיך אַליין ! נעכטן האָב איך גערעדט מיט העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַ וועגן מײַן ראָל. זי האָט געזאָגט, אַז איך שפּיל זייער גוט. זי מיינט, אַז מײַן צוקונפֿט קען איך זען אויף דער סצענע, אַז כ'בין טאַלאַנטפֿול, אָבער כ'דאַרף אַרבעטן איבער זיך. כ'בין זייער צופֿרידן פֿון איר מיינונג, אָבער כ'וויל זײַן אויף דער יִידישער בינע, ווײַל זי איז מיר אַם נאָענטסטן צום האַרצן.

נעכטן אין אָוונט האָב איך מיט די מיידלעך פֿון אונדזער קינדערהיים :

סימע, ביילע, באַשע, וועראַ, חנהלע לין - מײַן שוועסטערס שׂרהלעס חבֿרטע, אָנגעהויבן זינגען ייִדישע לידער : רעוואָליוציאָנערע, פֿאָלקסלידער, קינדערלידער... ס'איז מיר געווען זייער אָנגענעם : מיר האָבן זיך צוריק אַריבערגעטראָגן אין אונדזער וועלט, צו אונדזער קולטור.

שבת דעם 24סטן יאַנואַר, 3.30 בײַ טאָג

נעכטן אין אָוונט בין איך געגאַנגען אין קלוב מיט געניען, וואָלאָדיאַן און וויטאַלין. געניע און וואָלאָדיאַ זײַנען אַוועק פֿאָרויס, איך און וויטאַלי זײַנען געגאַנגען נאָך זיי. מיר האָבן גערעדט וועגן דער פּיעסע מיטן פּראָצעס, וואָס דאַרף אין גיכן פֿאָרקומען. אין קלוב האָט וויטאַלי זיך אָפּגעזונדערט פֿון אונדז. אויף צוריק זײַנען מיר געגאַנגען בלויז זאַלבעדריט : איך, געניע און וואָלאָדיאַ. ווען מיר זײַנען געקומען אַהיים האָט מיר געניע דערציילט, אַז זי האָט ליב וואָלאָדיאַן. זי האָט אויך צוגעגעבן, אַז טאַניען קען זי עס ניט דערציילן, ווײַל פֿאַר איר איז דער בעסטער בײַשפּיל - פּעוווזנער ! געניע האָט מיר געפֿרעגט, צי איך בין איר ניט מקנא ? צי מיר געפֿעלט וואָלאָדיאַ ? כ'האָב איר געזאָגט : ניין ! זי האָט זיך געוווּנדערט און מיר געזאָגט, אַז כ'בין זייער אַ גוטע ! כ'בין געווען זייער צופֿרידן : מיך שעצן געניע און וואָלאָדיאַ, זיי קרעמפּירן זיך פֿאַר מיר נישט, האָבן פֿאַר מיר נישט קיין סודות. איך פֿאָלג נאָך זייער קינדערשע, נאַיִווע ליבע. זיי זײַנען ביידע איצט זייער גוטע. איך האַלט, אַז אַ דאַנק דעם געפֿיל האָט געניע טיילווײַז זיך דערהויבן. ווי וועל איך אויסזען, ווען כ'וועל זיך פֿאַרליבן ? אָבער ווען וועל איך געפֿינען אַ פֿײַנפֿילנדיקן, טיף דענקענדיקן, איידעלן, דרייסטן און קלוגן חבֿר ? כ'האָב שוין לאַנג נישט געטראָפֿן אַ פּערזאָן, מיט וועלכער כ'זאָל קענען אינטערעסאַנט זיך דורכריידן. ווען כ'וועל אַזאַ טרעפֿן, וועל איך זיך אפֿשר אויך פֿאַרליבן.

צײַטנווײַז קוק איך זיך אַרום. דאָרט ווו איך געפֿין זיך זײַנען פֿאַראַן אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן מיט באַזונדערע כאַראַקטערן. יעדער



פֿאַרמאָגט זײַן אינהאַלט, זײַנע ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן און שטריכן. מער פֿון אַלעמען געפֿעלט מיר וויעראַ פֿורמאַנסקי. זי איז אַלט 16 יאָר און גייט אין 7טן קלאַס. זי איז אַ וואַרשעווער מיידל. ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין וואַרשע, איז זי מיט איר עלטערן ברודער געקומען צו אונדז אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן געלעבט ווי פּליטים און דערנאָך איז זי שטאַרק קראַנק געוואָרן און איז צוויי יאָר געלעגן אין שפּיטאָל. איצט האָט זי זייער אַ שוואַך האַרץ און טובערקוליאָז. ווען זי איז געלעגן אין שפּיטאָל האָט מען איר ברודער צוגענומען אין דער רויטער אַרמיי. איז זי שוין געבליבן אַליין און זייער איינזאַם. די צוויי יאָר אין שפּיטאָל האָבן איבערגעלאָזט אויף איר אָנזעעוודיקע שפּורן : לויטן געזונט איז זי שוין אַ האַלבער אינוואַליד, און לויטן כאַראַקטער - אַ יונגע פּעסימיסטקע. נאָכן אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל האָט מען זי אײַנגעאָרדנט אין אַ קינדערהיים. צוליב איר שוואַכן געזונט, צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט געקענט נישט רוסיש, נישט ייִדיש האָט זי נישט געקענט גיין זיך לערנען. איר מוטערשפּראַך איז געווען פּויליש. הײַנטיקן זומער איז זי געקומען קיין דרוסקעניק, דערפֿאַר איז זי איצט מיט אונדז. וויעראַ איז אינטעליגענט, באַלעזנט, קלוג. היות זי געפֿינט זיך צווישן געזונטע, פֿאַרגעסט זי צײַטנווײַז אָן איר קראַנקהייט, פֿילט זיך אָן מיט מוט און פֿריילעכקייט.ליידער דערמאָנט איר אָפֿט דער אָרגאַניזם וועגן אירע קרענק : זי לעבט איבער ווייטאָגן. אָבער זי קלאָגט זיך ניט. וויעראַ דערוועקט צו זיך אַכטונג. איך האָב ליב מיט איר צו שמועסן, דיסקוטירן, איך שעץ זי ! זי האָט עפּעס געהערט וועגן מײַן פֿאַרגאַנגענהייט פֿון מײַנע באַקאַנטע מיידלעך פֿון די ייִדישע שולן, זי שעצט מיך. צײַטנווײַז קריטיקירט זי מײַנע האַנדלונגען, פּונקט ווי איך - אירע. עס פֿאַרדריסט מיך קיין מאָל ניט, ווײַל כ'האַלט זי פֿאַר אַ ווירדיקן מענטש. וויעראַ איז פֿעיִק, ערנסט, זי קלערט וועגן איר צוקונפֿט, זי וויל זיך ווײַטער לערנען, כּדי צו באַהערשן די וויסנשאַפֿט. זי צווייפֿלט אָבער צי ס'וועט איר געלינגען, צי ס'וועט אויסהאַלטן איר געזונט. נעכטן אין אָוונט האָט זי פּלוצלונג

גענומען רעדן וועגן דעם און האָט טרויעריק געענדיקט : כ'פֿיל, אַז כ'וועל אַפֿילו דעם 7טן קלאַס בשלום ניט קענען ענדיקן : ס'קען ניט זײַן, ס'איז אַ צו גרויסער גליק פֿאַר מיר, צי וועט עס דען מעגלעך זײַן ?

כ'האָב איר געזאָגט : וואָס האָסטו אַזאַ פּעסימיזם, וויעראַ ? דו ביסט אַזוי אומגליקלעך, אַ שאָד ! דײַנע פֿעיִקייטן, דײַן אינטעלעקט און שׂכל זאָגן אַ סך צו ! אפֿשר איז ניט אַלץ פֿון דײַן געזונט פֿאַרלאָרן, אפֿשר וועט דײַן יוגנט טײַלווײַז באַקעמפֿן דײַן קראַנקהייט און וועסט זײַן די זיגערין, הלוואי !

איך בין אויך נאָענט מיט גאַליאַ מאַזאָ - אַ וווקסיקע שלאַנקע מיידל מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ און ברוינע אויגן. זי איז אַלט זעכצן יאָר און לערנט אין אַכטן קלאַס. איר פֿאָטער איז אַ קינדער-דאָקטאָר, געווען מײַן לערער אין פֿאָלקשולע. איר מוטער - אַ ציינטעכניקערין. גאַליאַ איז זייער איין און איינציקע קינד. זי האָט געהאַט אַן אייגענעם צימער, דאָרט געגרייט די לעקציעס, געלייענט, געהערט ראַדיאָ. אין אָוונט פֿלעגט זי פֿאַרברענגען צוזאַמען מיט די עלטערן בײַם אָוונטברויט, זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן. בכלל האָט מען זי אַרומגערינגלט מיט אַ סך זאָרג און ליבע. דערצויגן אין אַ פֿאַרמעגלעכער, אינטעליגענטער משפּחה האָט זי געהאַט ווייניק לעבנס-דערפֿאַרונג, האָט געקענט פֿאַרווירקלעכן אַלע קינדערשע טרוימען. איצט האָט זי זיך שטאַרק געענדערט. צוערשט איז זי געשטאַנען אין אַ זײַט פֿון קאָלעקטיוו און איז געווען פֿאַרשלאָסן אין זיך. לעצטנס האָט זי זיך דערנענטערט, איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון קינדערראַט, אַ מיטגליד פֿון שול-קאָמיטעט. גאַליאַ איז סטאַטעטשנע, גוט דערצויגן, טיף. איר איז געווען שווערער פֿון אַלעמען זיך צוגעווינען צו דער לאַגע פֿון קינדערהויז. דער שאַרפֿער קאָנטראַסט צווישן איר היימישן צימערל בײַ די עלטערן און אונדזער חבֿרישן שלאָפֿצימער אין קינדערהויז, וואָס איז אָנגעפֿילט מיט אַן אימפּעט, קלאַנגען, טײלמאָל קריגערײַען, האָט זי באַאומרויִקט. זי האָט זיך איצט באַקענט מיט קינדער פֿון אונדזערע סאָציאַלע באַדינגונגען און זיך צו זיי צוגעווינט. מיך שעצט זי אַפֿילו. זי האָט מיר



געגעבן לייענען איר טאָגבוך, אין וועלכן זי באַשרײַבט אירע איבערלעבונגען. זי איז זייער שעמעוודיק און נישט דרייסט. איך זע אין איר אויך אַן ערנסטן, פֿאַראַנטוואָרטלעכן, נישט לײַכטזיניקן מענטש. זי האָט ליב צו באַאָבאַכטן איר סבֿיבֿה, מאַכן דערפֿון אויספֿירן. מעגלעך, אַז פֿון איר וועט אַרויסקומען אַן ערלעכער, ערנסטער מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט !

זונטיק דעם 25סטן יאַנואַר, 5.30 אָוונט

הײַנט זײַנען מיר געווען אויף אַ קאָנצערט. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן אַרטיסטן פֿון אודמורטישן מלוכה-טעאַטער : געזאַנג און טענץ. ס'איז געווען זייער שיין, אַפֿילו בעסער ווי מיר האָבן דערוואַרט. מיר האָבן אויסגעדריקט אַ ווונטש : עס זאָל אָפֿטער זײַן אַזעלכע קאָנצערטן !

בײַ אונדז אין קינדערהויז געשעען מיאוסע זאַכן : צוליב דעם, וואָס מען האָט אונדז ווידער פֿאַרקירצט אונדזער פּאָרציע ברויט : 400 גראַם אַ טאָג, וואָס קיין פֿלייש איז שוין לאַנג אויף מיטאָג נישטאָ און קאַשע - אויך נישט, בלויז אַ ביסל קרויט, כּסדר בלויז קרויט, זײַנען אַלע חבֿרה לעצטנס הונגעריק. יעדער טרויערט און טרוימט וועגן נאָך אַ שטיקל ברויט, אָבער מען קען עס נישט קריגן. אַ טייל טוישן די פּאָרציע צוקער, אָדער פּוטער, וואָס זיי קריגן צום שטיקל ברויט, פֿאַר די ייִנגערע קלענערע קינדער, כּדי זיי זאָלן זיי געבן נאָך אַ שטיקל ברויט. וועגן דעם האָבן זיך דערוווּסט די דערציִערס, האָט מען געמאַכט אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג און געמוסרט אַזאַ אויפֿפֿירונג ! ליידער האָט עס נישט אויפֿגעהערט... די ייִנגלעך פֿון 6-5טן קלאַס זעצן עס פֿאָר און אַפֿילו עטלעכע מיידלעך פֿון 7טן קלאַס. אַ מיטגלידערין פֿון דער ווירטשאַפֿטס-קאָמיסיע, וועלכע דיזשורירט 2 טעג אין וואָך אין קיך, בײַם אַרויסגעבן דאָס עסן, נעמט פֿאַר זיך אַ טאָפּלטע פּאָרציע... זי טיילט צו מער ברויט פֿאַר די, מיט וועמען זי לעבט גוט : זי גיט מער ברויט פֿאַרן זיבעטן קלאַס ! ווען מען זעט בײַם טיש, אַז ס'איז דאָ אַן איבעריקע פּאָרציע, כאַפּט איינער ברויט, דער צווייטער - פּוטער און

צוקער. שטענדיק אַזוי. די, וועלכע זײַנען חוצפּהדיק, פֿלינקער האָבן שטענדיק מער, און לײַדן מער נישט קיין הונגער. די, וועלכע שווײַגן, שעמען זיך און הונגערן כּסדר. הײַנט אין דער פֿרי איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פֿאַל בײַם פֿרישטיק : סימע איז געווען אָרדנער אין עסצימער, באַשע - אין קיך. ווען סימע האָט פֿאַרטיילט די פּאָרציעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן צו צוויי קליינע פּענעצלעך ברויט. סימע און באַשע - צו דרײַ. אַלע חבֿרה האָבן דאָס באַמערקט, קיינער האָט אָבער נישט גערעדט קיין וואָרט. עמעץ האָט געפֿרעגט צי מען וועט נישט קריגן אַ צוגאָב - נאָך אַ פּענעצל ברויט ? סימע איז אַוועק פֿרעגן און נאָך עטלעכע מינוט איז זי געקומען מיט צוויי פּענעצלעך ברויט. עמעץ האָט געבעטן אַ האַלבן פּענעצל ! אָבער זי האָט נישט געגעבן ! זי האָט עס פֿאַרטיילט צווישן זיך אַליין און באַשען ! דאָס האָט אַלעמען שטאַרק פֿאַרדראָסן. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זי איז אַן עגאָיִסטקע.

ווען באַשע איז אַרײַנגעקומען אין עסצימער, און האָט דערזען בײַ זיך 4 פּענעצלעך ברויט און בײַ אַלע איבעריקע - בלויז צוויי, האָט זי זיך פֿאַרשעמט און פֿאָרגעלייגט גרויסמוטיק עמעצן אַ פּענעצל. קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען, ווײַל ס'איז דאָך נישט יושרדיק ! איך האָב איר געזאָגט זי זאָל עס צוריק אַוועקגעבן סימען ! אַלע זײַנען מיט מיר מסכּים געווען. ווען סימע איז אַרײַנגעקומען און דערזען אירע פֿינף פּענעצלעך ברויט, האָט זי פֿאַרשטאַנען די דעמאָנסטראַציע : זי האָט זיך דאָך אַליין פֿיר אַוועקגעלייגט און דעם 5טן האָבן מיר איר דערלייגט ! זי האָט פֿאַרריסן געזאָגט : אַ דאַנק ! זי האָט אַרויסגעשליידערט איין שטיקל ברויט, אָבער קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגערירט !

אַן ענלעכע געשיכטע איז געשען אויך בײַ מיטאָג. זי האָט צוויי פּאָרציעס ברויט אָנשטאָט אין עסצימער אַרײַנגעטראָגן אין שלאָפֿצימער און אַוועקגעלייגט אויף איר בעט. אַלע מיידלעך אין צימער האָבן עס געזען און האָבן צווישן זיך דערפֿון גערעדט. מיר האָט עס שטאַרק אויפֿגערעגט און



כ'האָב געמאַכט איר אַ סקאַנדאַל ! צי זײַנען עס אַזעלכע חבֿרישע, ערלעכע פֿאַרהעלטענישן ? פֿאַר וואָס אַרויסרײַסן דעם ביסן אַלעמען פֿון מויל, כּדי זיך אַליין צו שטילן דעם הונגער ?

ווער ס'איז שטאַרקער, חוצפּהדיקער, פּראָסטער, דער איז שטענדיק דער זיגער !

וויעראַ האָט מיר אונטערגעהאַלטן און מיר דערציילט, אַז סימע האָט נאָך זאַפּאַסן מאָנטשקע און צוקער פֿון סאַראַפּול, אַז דאָרטן פֿלעגט זי אויך שטענדיק פֿאַרכאַפּן איבעריקע פּאָרציעס !

בכלל האָבן אַלע חבֿרה זייער פֿײַנט סימען פֿאַר איר כאַראַקטער, ס'איז אַ גאַנץ באַזונדערער טיפּ פֿון אַ מענטש. כ'קען זי ניט ספּעציאַל נאָענט, אָבער כ'האָב געהערט וועגן איר פֿאַרגאַנגענהייט און איך אורטייל זי לויט אירע האַנדלונגען. בײַ מיר האָט זיך געמאַכט אַזאַ בילד וועגן איר : זי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע און איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קינדערהיים. זי זאָגט, אַז איר מוטער איז דאָרט געווען אַ לערערין, אָבער כ'ווייס ניט צי דאָס איז ריכטיק. אַלע חבֿרה זאָגן, אַז זי איז אַן אונטערגעוואָרפֿענע !

זי דערציילט ניט קיין סך וועגן איר פֿאַרגאַנגענהייט... ווען איך מאַך איר אַ פֿאָרוווּרף, דערציילט זי, אַז איר מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע אין 1939 יאָר און האָט זי אויך געזאָלט אַריבערנעמען, נאָר דאַן איז דאָך אויסגעבראָכן די מלחמה ! דאַן איז זי געקומען צו לויפֿן אין ביאַליסטאָק און האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ קינדערהיים. דאָרט איז זי געווען אַ פֿאָרזיצערין פֿון קינדערראַט, געפֿירט דאָס רעדל. אַלע האָבן זי אָבער געהאַסט און זיך אָפֿט געבונטעוועט קעגן איר. זי האָט געפֿלירטעוועט מיט איינעם פֿון די דערציִערס און אַ דאַנק דעם געהאַט פֿאַרשיידענע פּריווילעגיעס. די, וועלכע זײַנען בײַ אונדז פֿאַראַן פֿון זעלבן קינדערהיים, וועלכע דערציילן וועגן איר נסים און נפֿלאות, פֿאַראַכטן זי און האָבן גלײַכצײַטיק מורא פֿאַר איר. סימע איז קלוג, כיטרע, ניט באַריידעוודיק, קען זיך צופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען. זי האָט וועגן זיך זייער אַ גוטע

מיינונג, קלערט, אַז זי שטייט העכער פֿון אַלע חבֿרטעס אין זיבעטן קלאַס, זי לאַכט אויס אַלעמען, טיילט זיך אָפּ כּסדר פֿון קלאַס. זי האַלט, אַז קיינער שאַצט ניט אָפּ אירע פֿעיִקייטן און מען גיט איר ניט די ראָל אין דער געזעלשאַפֿט, וועלכע זי וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען. זי וואַרפֿט עס פֿאָר אויך מיר און געניען. פֿונדעסטוועגן לערנט זי זיך בײַ אונדז : זי ווייס, אַז מיר לייענען אַ סך און האָבן דערפֿאַר דערוואָרבן אינטעליגענץ און אַלעמענס כּבֿוד. דערפֿאַר האָט זי אויך גענומען לייענען אַ סך, אָבער לײדער גיט עס איר ווייניק, ווײַל זי איז אומבאַוווּסטזיניק... נישט פֿעיִק...

זי האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער : איז אומאָפּהענגיק פֿון אײַנפֿלוסן, זעלבשטענדיק, עגאָיִסטיש, חוצפּהדיק, קאָקעטירט צו די ייִנגלעך, האָט אַ פֿעסטן ווילן. וואָס וועט פֿון איר אויסוואַקסן ? אַ קליינבירגער, אַ מענטש, וואָס וועט פֿאַרטיידיקן זײַנע אינטערעסן און אונטערטעניק מאַכן אַלע שוואַכערע פּערזענלעכקייטן. זי טוט עס שוין איצט.

אַ פֿאַקט, אַז באַשע רײַכער פֿאָלגט איר אַלץ. אַ סך מיידלעך שווײַגן, ווען זי טוט אַ חזירײַ, ווײַל זיי ווילן ניט הערן די בייזע שפּיזיקע שטעכווערטער פֿון איר לאַנגער צונג.

פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, דעם קאָלעקטיוו, האָט זי ניט ליב עפּעס צו טאָן. אַ סימן, אַז זי פֿילט שלעכט אויס אירע פֿליכטן אַלס מיטגליד פֿון קינדערראַט. זי איז אַ טיפּ פֿון אַ טיראַן, וועלכער האָט איצט ניט קיין מעגלעכקייט זיך צו זעצן אויפֿן טראָן. דערפֿאַר איז זי נאָך מער בייז. זי איז אין זעלבן עלטער ווי איך, כאָטש זי איז אַ סך נידעריקער און זעט אויס ייִנגער... זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק פֿון קיינעמס רייד. זי איז שטאָלץ מיט איר האַרטן כאַראַקטער. דאָס זײַנען פֿײַנד פֿון דער מענטשהייט און מענטשלעכקייט, אַזעלכע טיפּן. איך פֿאַראַכט זיי.

מאָנטיק דעם 26סטן יאַנואַר, 10 פֿרי

הײַנט איז שוין אַ קלענערער פֿראָסט : 23-. מאָרגן וועלן מיר שוין אפֿשר



גיין אין שולע, ווײַל הײַנט וועט מען ברענגען אין שולע האָלץ. כ׳וויל שוין גיין לערנען. כ׳האָב איצט אַ סך צײַט, אָבער כ׳טו גאָרנישט. פֿאַר וואָס ? ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין שטימונג פֿאַר אַרבעט, און נישט קיין באַדינגונגען. אין צימער איז אַ גרויסער טומל. אַלע מיידלעך טוען נישט אַרײַן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, זיי פּלאַפּלען, לאַכן, זינגען, אָדער קריגן זיך... ווען כ׳בין אין צימער, שטערן זיי מיר עפּעס טאָן. ווען כ׳גיי אַוועק צו טאַניען אין צימער, קען איך אויך גאָרנישט טאָן, ווײַל דאָרט רעדט מען אויך, מען לאַכט... איצט בין איך ווייניק אָרגאַניזירט. ווען איך גיי אין שולע איז מײַן צײַט אויסגערעכנט און פּראָדוקטיוו !

נעכטן אין אָוונט האָב איך גערעדט מיט רעבעקאַ איזראַעלעוונאַן וועגן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. כ׳האָב איר דערציילט בלויז איין פּראָצענט פֿון מײַנע איבערלעבונגען, אַ מאָדנע זאַך ! ווען איך דערמאָן זיך וועגן מײַנע קינדער-יאָרן, זעט מיר אַלץ אויס אַזוי שיין, אינטערעסאַנט ! וואָס האָב איך פֿריִער איבערגעלעבט : דרײַ יאָר בין איך געווען אין אַ פֿילאַנטראָפּישן אינטערנאַט, וווּ מען האָט מיר און מײַן שוועסטערל געשפּײַזט. מײַן ברודער איז געווען אין אַ צווייטן אינטערנאַט, ווײַל אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דעמלט ניט געקענט באַשפּײַזן ! דערפֿאַר זײַנען מיר געווען אין אַ סבֿיבֿה פֿון די סאַמע אָרעמסטע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. כ׳געדענק ווי גלײַך פֿון שולע פֿלעג איך גיין אין „טאָז“ אויף מיטאָג און זיך אָפּשטעלן אַפֿילו אויף אָוונטברויט. בלויז 8 אַ זייגער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס איז געווען אין יאָר 1935, ווען כ׳בין געווען אין 4טן קלאַס און בין אַלט געווען 10 יאָר. איך האָב דאַן שטאַרק געליטן פֿון דעם, וואָס כ׳בין אַזוי אָרעם און זיך געשעמט. אַם מערסטן פֿלעג איך לײַדן, ווען פּורים אָדער נײַ-יאָר פֿלעגט מען אײַנאָרדענען אָוונטן פֿאַר דעם פֿילאַנטראָפּישן פֿרויען-קאָמיטעט און מיר פֿלעגן אַרויסטרעטן מיט דעקלאַמאַציעס און לידער. געוויינלעך פֿלעגט זײַן אַ פֿײַערלעכער אָוונטברויט פֿאַרן עולם. זיי פֿלעגן ברענגען טאָרטן, עפּל, שאָקאָלאַד, קאַקאַאָ. דער עולם פֿלעגט עסן בײַ רײַך סערווירטע

טישן, פֿון וועלכע מען האָט געזען ווײַנען, אַפּעלסינען, שאָקאָלאַד, פֿאַרשיידענע פֿרוכטן, טאָרטן, קיכלעך. געוויינלעך פֿלעגן מיר לאַנג ניט קענען אָפּרײַסן די אויגן פֿון די מאכלים. אָבער דעם עפּל און די שאָקאָלאַדקע, וועלכע מיר האָבן געקריגן, האָבן מיר באַהאַלטן פֿאַר אונדזערע נאָנטע אין אונדזער היים, כּדי זיך צעטיילן מיט זיי מיט אַזאַ אוצר.

איך פֿלעג אָפֿט דעקלאַמירן אויף דער פֿײַערונג און דערפֿירן די האַרציקע דאַמען צו טרערן. כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַז זיי האָבן אויף מיר רחמנות און ס'האָט מיר וויי געטאָן. מיט די דאַמען פֿלעגן אָפֿט אויך קומען זייערע קינדער : שייניניקע, אויסגעפּוצטע, זיי פֿלעגן זיצן צווישן די געסט און מיט אינטערעס אונדז באַטראַכטן. טייל מאָל פֿלעג איך קלערן : פֿאַר וואָס קומט זיי אַזאַ גוטער לעבן און מיר אַזאַ שווערער ?

כ'בין זיי מקנא געווען און געטרוימט צו זײַן אין זייער סיטואַציע. אפֿשר געפֿינען אַן אוצר, באַגליקן די מאַמאַ, דעם פּאַפּאַ, שרהלען, משהלען, אַפֿילו אַלע קינדער פֿון אַנשטאַלט : די אָרעמע, דערנידעריקטע און באַליידיקטע ! כ'בין געווען אַזוי פֿאַרחלומט און פֿאַרטרוימט !

אין 6טן קלאַס בין איך שוין געווען צווישן די עלטערע מיידלעך, וועלכע זײַנען שוין געווען דאָס דריטע יאָר אין אינטערנאַט. כ'האָב שוין דאַן פֿאַרשטאַנען, אַז כּדי צו זײַן אַ ביסל פּריווילעגירט, כּדי עפּעס אַ מאָל קריגן דאַרף מען זיך דערנענטערן צו דער נאַטשאַלסטווע. כ'האָב עס אָבער נישט געוואָלט און נישט געקענט טאָן. די חבֿרה האָבן מיר געעצהט : טו אַזוי ווי מיר ! איך האָב זיי געפֿאָלגט, מיר פֿלעגן שטענדיק אַראָפּגיין אין קיך העלפֿן דער קעכין וואַשן און ווישן די כּלים, שיילן קאַרטאָפֿל, רייניקן מערן. דערפֿאַר פֿלעגט די קעכין אונדז געבן איבעריקע פּאָרציעס, בעטן דעם לערער ער זאָל אונדז געבן זאַכן אָנצוטאָן, וואָס אונדז פֿעלט. דאָס האָט שטאַרק געהאָלפֿן. כ'געדענק, אַז אין זעקסטן קלאַס פֿלעג איך פֿון מיטאָג ביז אָוונטברויט קיין מאָל קיין לעקציעס נישט מאַכן, ווײַל כ'פֿלעג גאַנצע טעג דאַן זײַן אין קיך און העלפֿן די אַרבעט. די לעקציעס פֿלעג איך



מאַכן, ווען כ'בין שוין געווען אין שטוב. כ'האָב דאַן אויסגעזען זייער שלעכט, אָבער כ'בין געווען צופֿרידן, ווײַל ווען אין אינטערנאַט פֿלעגט בלײַבן ברויט, פֿלעגט די קעכין אונדז געבן, כּדי מיר זאָלן עס אַוועקטראָגן אַהיים. דערפֿאַר בין איך געווען שטאָלץ, ווײַל כ'פֿלעג ברענגען אַ גרויס לעבל ברויט אַהיים! דער פּאַפּאַ איז דאָך דאַן געווען אַרבעטסלאָז, האָב איך דאָך געקענט אים געבן אַ קליינינקע מאַטעריעלע הילף ! די מאַמאַ פֿלעגט מיר באַדאַנקען מיט אַ קוש!

אין סעפּטעמבער 1939 איז צו אונדז אין ביאַליסטאָק אָנגעקומען די דײַטשישע אַרמיי. עס איז געווען אַ שווערע אָקופּאַציע, ווי אין גאַנצן פּוילן. צום גליק, האָט נאָך 7 טעג די סאָוויעטישע אַרמיי פֿאַרטראָטן די דײַטשישע אַרמיי. די עקאָנאָמישע באַציִונגען האָבן זיך געענדערט. דער פּאַפּאַ האָט אויפֿגעהערט מיט זײַן פֿאַך און איז געוואָרן אַ פֿורמאַן אין אַ פֿאַבריק. ער האָט דאָרט שווער געאַרבעט, אָבער ווייניק פֿאַרדינט. אַזוי אַרום האָט ער נישט געהאַט אויף דאָס נייטיקסטע, אַפֿילו צום עסן. עס שטייט שוין די פֿראַגע אַז איך זאָל גיין אַרבעטן. היות איך וויל זיך נאָך לערנען, זעץ איך עס פֿאָר און אויך ווידער צו געבן לעקציעס די שוואַכע שילער... דאָס געלט, וואָס איך פֿאַרדין, גיב איך אַוועק דער מאַמען, ווײַל איר פֿעלט דאָך. ווען עס ענדיקט זיך דער שוליאָר אין 1941, שיקט מען מיר פֿון שולע אַוועק קיין דרוסקעניק.

ווײַטער איז שוין זייער אינטערעסאַנט : פּלוצלונג ברעכט אויס די מלחמה. מען פּרובירט אונדז אַוועק פֿירן אַהיים, אָבער מען קען שוין ניט, ווײַל די באַנליניע איז באָמבאַרדירט און צעשטערט ! מיר עוואַקויִרן זיך און נאָך 11 מעת-לעת רײַזע זײַנען מיר שוין 3000 ק"מ פֿון אונדזער היים, אין אודמורטיע : אין סאַראַפּול. נאָך דעם ווי די דערציִער פֿון דרוסקעניק זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צו זיך אַהיים אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, האָט מען מיך, געניען און טאַניען אויסגעקליבן זיי דערווײַל צו פֿאַרטרעטן ! נאָך 3 חדשים אין סאַראַפּול, ביז מען האָט געפֿונען פֿרישע דערציִערס, האָב איך אָנגעהויבן

צוריק גיין אין שולע ! אַ פּאָר טעג אין סאַראַפּול, דערנאָך אין קאַראַקולינאָ, ווי אַ דערצויגלינג פֿון קינדערהיים, אַ שילערין פֿון 9טן קלאַס !

**דעם זעלבן טאָג, 10 אָוונט**

"Leise zieht durch mein Gemüht
Liebliches Geläute
Klinge, kleines Frühlingslied
Kling hinaus ins Weite !*
(Heine)

אַ וווּנדערבאַרע שפּיל פֿון געפֿילן און אײַנדרוקן אין מײַן נשמה ! זײַדענע סטרונעלעך ציטערן, וויברירן, שאַפֿן ליבלעכע, האַרציקע טענער, וואָס גיסן זיך אויף אין אַ האַרץ-קאָנצערט. מײַן אויער הערט זיך צו צו די טענער, וואָס דרינגען פֿון אינעווייניק אַרויס. ס'איז זיס און וואַרעם אויפֿן געמיט, ס'טרוימט זיך... וועגן וואָס ? אין בלוילעכן רייכל פֿון טרוים וויקלט זיך אַרײַן אַ פֿרידלעך בילדל פֿון לעבן. ס'דערשײַנט פֿאַר מיר אַן אײַנגעאָרדנטע וווינונג, אַ צימערל פֿאַרפֿולט מיט ביכער און ליכט. ס'פֿילט זיך אַ היימישקייט, ליבלעכקייט, וואַרעמקייט. איך אַרבעט איבער זיך, לערן זיך. דערנאָך דערזע איך מײַן חבֿר, וואָס מאַכט דורך צוזאַמען מיט מיר מײַן אַרבעט. מיר פֿאַרברענגען צוזאַמען, שמועסן. ער איז איידל, קלוג, אינטעליגענט, טיף פֿילבאַר. מיר פֿאַרשטייען זיך בלויז מיט די בליקן, מיר זײַנען נאָענט, אונדז פֿאַרבינדט אַ גרויסע, טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט. פֿיל גוטעס, אָנגענעמעס זע איך אין מײַן טרוים. דאָס אַלץ, וואָס פֿעלט מיר אין דערווירקלעכקייט, דאָס, וואָס איך באַגער. סאַראַ שאַרפֿער קאָנטראַסט צווישן דער ווירקלעכקייט און טרוים ! פֿאַקטיש בין איך דאָך זייער ווײַט פֿון מײַן היים, פֿון מײַנע טײַערסטע און ליבסטע... כ'בין איינזאַם מיט מײַנע געדאַנקען. כ'לעב איבער אַ מלחמה, וואָס האָט מיט איר גרויזאַמקייט אַלעמען פֿאַראומגליקט. טויזנטער מענטשן פֿאַלן אויפֿן פֿראָנט, טויזנטער



ווערן פֿאַרפײַניקט דורכן ברוינעם מערדער. אין לאַנד הערשט אַ שרעקלעכער הונגער : אין לענינגראַד האָט מען שוין אויפֿגעגעסן אַלע הינט און קעץ, וואָס זײַנען דאָרט געווען. ברויט קריגט מען 125 גראַם אַ טאָג, קיין שום קאַשעס און פֿעטסן. אין אַלע אַנדערע שטעט איז אויך נישט בעסער. דער הונגער בושעוועט דאָ ווי אין 1927סטן יאָר. דאָס איז נאָך 8 חדשים מלחמה ! וואָס דערוואַרט אונדז ווײַטער ? ווער ווייסט ? איך בין פֿאַרזאָרגט, מיר פֿעלן אַזוי פֿיל זאַכן, כאָטש איך בין אפֿשר צווישן די גליקלעכסטע, ווײַל כ'בין געבליבן לעבן ! אָבער כ'האָב נישט ווו אויסצולאָדן מײַן ענערגיע, מײַן טעמפּעראַמענט. צי וועל איך קענען פֿאַרווירקלעכן מײַנע שטרעבונגען און טרוימען ?

**מיטוואָך דעם 28סטן יאַנואַר 1942**

הײַנט האָבן זיך באַנײַט די לימודים אין שול. מיט פֿרייד האָב איך עס אויפֿגענומען, ווײַל ס'פֿאָדערט זיך אַן אַרבעט, אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע. אויף מאָרגן קיין לעקציעס האָב איך נישט. מאָרגן איז אַ גאַנצן טאָג אַ מיליטערישע צוגרייטונג. (כ'האָב נישט קיין אַנונג ווי ס'הייסן אַלע טיילן פֿון ביקס, פֿון גראַנאַט). כ'האָב איצט איבערגעלייענט פּאַוסטאָווסקים „לעוויטאַן" (דאָס בוך האָט מיר דאָך געשענקט רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ צו מײַן געבורטסטאָג). טרויעריק איז געווען דאָס לעבן פֿון גרויסן קינסטלער. דאָס קען מען זען אויף זײַן דאַרן פּנים, אין זײַנע שוואַרצע ייִדישע אויגן. דאָס פֿילט מען אויך, ווען מען קוקט אויף זײַנע בילדער. „האַרבסט" - אַ פֿײַכטער וועטער, אַ קאַלטער טײַך, אַ פֿאַראומערטער וואַלד, אַ הוילער ברעג. אַ ציטער גייט דורך דורך מײַנע גלידער, עס ווערט מיר קאַלט און גרייפּעלעך שיטן זיך אויס אויפֿן לײַב. אַן אומעט אויף דער נשמה.
„פֿרילינג - אַ גרויס וואַסער". עטוואָס פֿריילעכערע פֿאַרבן. אַ וואַסער בײַם ברעג פֿון די בעריאָזקעס, אַן איינזאַמע יאָדלע, אַ בלייענער הימל. ווײַטער קאַלט, פֿײַכט, שטרענג.

„אין אייביקער רו“ - אַ שטילער בית-עלמין בײַם ברעג פֿון טײַך, איינזאַמע צלמים צווישן שיטערע יאָדלעס, אַ פֿאַרוואָרפֿענע קירכע. ס׳איז נאַכט : פֿינצטער, ווינטיק.

ווי האַרמאָניזירן די אַלע בילדער מיט מײַן איצטיקער שטימונג ? אַ ווייטיק האָט זיך פֿאַרקליבן אין מײַן האַרץ, פֿרעסט איין געוועב נאָכן צווייטן, קנוילט מײַן גאַנץ אינגעווייד. אַ בייזער ווינט טרייסלט מײַן נשמה און די נשמה ציטערט און פֿלאַטערט געריסן פֿון ווינט. איך קלער, איך בענק, איך וויל... דערוואַרטן דעם זומער ! איך לייג אויף אים גרויסע האָפֿענונגען. אין מײַן פֿאַנטאַזיע האָט אַ בליץ געטאָן מײַן שוועסטערלס קעפּל, אירע שוואַרצע אייגעלעך, ראָזלעכע בעקעלעך און שיינע צעפּעלעך ! מײַן ברודערס קאָפּ, זײַנע געדיכטע ברעמען און וויִעס ! דער ביאַליסטאָקער וואַלד, די דווילידער פּליאַזשע... ניט ווילנדיק רײַסט זיך אַרויס אַ זיפֿץ פֿון מײַן ברוסט... אַך, ס׳איז שווער !

Jeruzalem, Jeruzalem, cudna ziemio Ty,
Gdy Twej mece nie poswiece kazdej mojej lzy,
Jesli Ciebie nie ogarne moim synowskim zalem,
To mnie przeklnij i zapomnij, matko Jeruzalem !
(Psalmy w tlumaczeniu Slowackiego*)

דאָנערשטיק דעם 29סטן יאַנואַר, 6 אָוונט

הײַנט איז אַ גאַנצן טאָג געווען אַ מיליטערישע צוגרייטונג. איך האָב זיך נישט צוגעהערט, עס האָט מיר אַ גאַנצן טאָג וויי געטאָן דער קאָפּ. פֿאַראַיאָרן האָב איך געטרוימט וועגן דעם, אַז כ׳וועל זיך לערנען קעמפֿן, און הײַנט ? וואָס זאָל איך טאָן אין אַזאַ צושטאַנד ?

בײַ טאָג האָב איך געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער אַרבעט פֿון קינדעררעאַט. די אַרבעט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אַלס באַפֿרידיקנדיקע. דעם דירעקטאָר פֿון קינדערהיים איז עס געפֿעלן געוואָרן. איך האָב אַ גרויסן חשק צו דער



אַרבעט. מיר גלוסט זיך אַרבעטן מיט שוווּנג, עס וועט געזונטער זײַן פֿאַר מײַן גײַסטיקן צושטאַנד. כ׳וועל קענען אויסלאָדן מײַן ענערגיע און פֿאַרגעסן אָן אַלע מײַנע ווייטאָגן. כ׳וועל יעדן טאָג עפּעס אַנדערש קאָנטראָלירן, וועל מיטאַרבעטן מיט אַלע מיטגלידער און די אַרבעט וועט ברויזן!

שבת דעם 31סטן יאַנואַר, 10 אָוונט

הײַנט האָב איך געהאַט אַ זיג פֿון מײַן ראָל אין דער פּיעסע, אין וועלכער כ׳האָב אָנטיילגענומען. העלענאַ פֿאָנטעלעמאָנאָוונאַ, די אַקטריסע, וועלכע האָט אונדז אויסגעקליבן צום ספּעקטאַקל, און אַלע איבעריקע האָבן מיר אויסגעדריקט אַ סך אָנערקענונג. מײַן ראָל איז זייער גוט אַרויסגעקומען ! נעכטן בין איך געווען אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן רעפֿעראַט וועגן דער צווישנפֿעלקערלעכער לאַגע. זעלטן גיט זיך אײַן אַזאַ גוטער רעפֿעראַטאָר, דערצו אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם עק ווי קאַראַקולינאָ ! מײַן שטימונג האָט זיך פֿאַרבעסערט. כ׳האָב זיך אָנגעפּילט מיט האָפֿענונג, ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן אַ סך פֿריִער נישט פֿאַרשטענדלעכע זאַכן.

נעכטן האָב איך ווידער געקריגן אַ קאָנפֿליקט מיטן דירעקטאָר : ער האָט מיר געזאָגט כ׳זאָל באַפֿרײַען מײַן בעט פֿאַר אַ קראַנקער מיידל און גיין שלאָפֿן צוזאַמען מיט עמיצן ! כ׳האָב זיך געפֿילט זייער געטראָפֿן, נאָר האָב גאָרנישט גערעדט. אַ גליק, וואָס שורע איז אַוועקגעלאָפֿן צו איר מאַמען, פֿאַני פּ., אונדזער דערציִערין און עס איר דערציילט. פֿאַני פּ. האָט בײַ אים אינטערווענירט און אַ דאַנק איר האָט ער אָפּגערופֿן די גזירה. איך בין גליקלעך, וואָס כ׳האָב געפֿונען חן אין די אויגן פֿון אַלע דערציִערינס ! ס׳איז דאָך קיין סוד נישט, אַז איך, געניע און טאַניע זײַנען פּריווילעגירט. ווען די דערציִער פֿון דרוסקעניק זײַנען אַוועקגעפֿאָרן פֿון אונדז, האָבן מיר זיי דאָך פֿאַרטרעטן, איידער מען האָט געפֿונען פֿרישע דערציִערינס, קנאַפּע צוויי מאָנאַטן. דערפֿאַר שלאָפֿן מיר אַלע אַליין, זײַנען אויטאָריטאַטיוו. פֿאַני פּ. זאָרגט זיך וועגן מיר אויך דערפֿאַר, ווײַל כ׳בין שורעס חבֿרטע און

כ׳העלף איר. כ׳בין איר זייער דאַנקבאַר דערפֿאַר און כ׳האָב זי ליב.

הײַנט האָט מען אין שולע רעגיסטרירט אַלע שילער פֿון 1924 און 1925 יאָר. זיבן שילער פֿון אונדזער קלאַס האָט מען אַוועקגעשיקט צו דער אַרבעט אין סאַראַפּול. כ׳האָב זיך געשראָקן, מען זאָל מיך אויך מאָביליזירן. מײַן שרעק האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אומזיסט. מיך האָט מען מן-הסתּם געשוינט דערפֿאַר, ווײַל כ׳בין אַן אויסגעצייכנטלערין ? כ׳האָב זיך איצט דערוווּסט, אַז מען מאָביליזירט מיך נישט, ווײַל כ׳האָב נישט קיין גוטע ראיה. ווײַזט זיך אַרויס, אַז מײַן אומגליק איז איצט פֿאַר מיר אַ גליק ! פֿון אונדזער קינדערהיים שיקט מען מן-הסתּם אויך אַוועק 5 יִינגלעך. אָרעמע ! ווער ווייסט, ווי ביטער זיי וועט דאָרט זײַן !

אין אונדזער צימער שלאָפֿן שוין אַלע. מען הערט שוין אַ לײַכטן כראָפּען. דער נאַפֿטלאָמפּ ברענט שוואַך, ס׳גייט אויס די נאַפֿט. כ׳וועל אים באַלד פֿאַרלעשן. שלאָפֿן וועל איך נאָך נישט גיין, ווײַל ס׳הייצט זיך נאָך דער אויוון און כ׳מוז צוואַרטן ביזן אויסהייצן זיך.

איך קלער דערווײַל וועגן מײַן היים, מײַן מאַמען, וועלכע האָט מיך שוין מסתּמא באַוויינט, וועגן מײַן פּאַפּאַ, דעם ברודער און מײַן שוועסטערל, וועגן מײַנע חבֿרים. צי האָבן זיי מיך פֿאַרגעסן ?

דערווײַל - אַ גוטע נאַכט ! ביז מאָרגן ! דערנאָך ווידער אײַנטאָניקע גרויע טעג, וואָכן, חדשים.

מאָנטיק דעם 2טן פֿעברואַר

וויפֿל באַדינגונגען ווירקן אויף אַ מענטשן ! ווי אַזוי אַ געמיינזאַמער אומגליק קען באַהעפֿטן, דערנענטערן, באַפֿרײַנדן ! נעכטן איז אַלבערט דיבאָווסקין, דעם רוסישן אינטעליגענטן יִינגל, וועלכער איז אַ גוט דערצויגענער, אַ שיינער און סימפּאַטישער, אים איז געוואָרן 13 יאָר. ער לערנט זיך בײַ אונדז אין 6טן קלאַס, איז אַ גוטער שילער און חבֿר, אויך אַ פּיאָנער. דער



גאַנצער קלאַס האָט באַשלאָסן אים אײַנאָרדענען אַ באַשיידענעם באַנקעט. זיי האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלט אין צימער בײַ די מיידלעך אין אָוונט, האָבן דאָרט צוזאַמען געגעסן אָוונטברויט. פֿאַר אַלבערטן האָבן זיי געקריגן אַ טאָפּעלע פּאָרציע. אים האָט באַגריסט דער פּיאָנערן-לײַטער פֿון זײַן גרופּע, און איינער פֿון זײַנע חבֿרים. נאָכן אָוונטברויט זײַנען זיי לאַנג נאָך געזעסן אַרום טיש, געזונגען, זיך געוויצלט, פֿריילעך פֿאַרבראַכט די צײַט. זייערע דערציִערינס : פֿאַני און ב. פּ. זײַנען געווען פֿאַרנומען און די חבֿרה זײַנען די גאַנצע צײַט געווען אַליין. איך בין צו ערשט געווען אויף אַ פּראָבע און בין אַרײַן צו זיי שוין נאָך די רעדעס. מיך האָט גערירט זייער פֿאַרזאַמלונג : דער גאַנצער קלאַס איז געזעסן אַרום טיש און געגעסן. אין מיטן - אַלבערט, פֿון בײדע זײַטן - די פּיאָנערן-לײַטער. אַלע חבֿרה זײַנען געווען יום-טובֿדיק אָנגעטאָן. ס׳האָט זיך געפֿילט אַ וואַרעמע פֿרײַנדשאַפֿט און נאָענטקייט, וואָס מען געפֿינט ניט אומעטום, אַזוי ווי בײַ אונדז ! כאָטש אַלבערט ווייס ניט ווו עס זײַנען הײַנט זײַנע עלטערן, האָט ער זיך הײַנט ניט געפֿילט איינזאַם און טרויעריק, ווײַל די חבֿרישע האַרציקע געפֿילן צו זײַן געבורטסטאָג האָבן אים געשאַפֿן אַ ליבע משפּחה אין דעם 160-קעפּיקן קאָלעקטיוו.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מירע רײַצינע, אַ 14-יעריקע יִידישע מיידל פֿון 7טן קלאַס באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון איר מוטער. מירע שטאַמט פֿון די מזרח-געביטן פֿון ווײַס-רוסלאַנד, אָבער אין ביאַליסטאָק איז זי געקומען מיט די עלטערן אין 1940סטן יאָר. איר מוטער איז אַ דאָקטאָרין, דער פֿאָטער - אויף פּאַרטיי-אַרבעט. מירעלע איז אַ פֿעיִקע, קלוגע מיידל, מיט שוואַרצע, געדיכטע האָר און טונקעלע אויגן. זי איז באַליבט פֿון אַלעמען, כאָטש זי איז קינדעריש און נאַיִוו. איר פֿרייד נאָכן באַקומען די טעלעגראַמע פֿון דער מאַמאַ, איז אויך אונדזער אַלעמענס פֿרייד.

לעצטנס האָבן שוין אַ סך רוסישע בירגער געפֿונען זייערע עלטערן. פֿון דרוסקעניק זײַנען אַרויסגעפֿאָרן 215 קינדער און איצט זײַנען מיר שוין 160. 55 זײַנען שוין אַוועקגעפֿאָרן פֿון קאַראַקולינאָ צוזאַמען מיט די

עלטערן, וועלכע זײַנען געקומען זיי אָפּנעמען. זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט אונדז, אייניקע שרײַבן אַפֿילו בריוו צו אונדז, וואָס עס דערנענטערט אונדז ! מיר האָבן דאָך אַזוי פֿיל צוזאַמען איבערגעלעבט... צוזאַמען זיך געראַטעוועט פֿון היטלעריסטישע אַעראָפּלאַנען, איבערגעלעבט שרעק פֿון באָמבאַרדירונגען און שׂרפֿות, 12 טעג זיך געוואַלגערט אין צוג, עטלעכע טעג געהונגערט, אַפֿילו קיין טראָפּן וואַסער ניט געהאַט, פֿיל טעג ווייניק געגעסן, צוזאַמען געליטן קעלט, שמוץ און אַפֿילו אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן... די ערשטע צײַט האָבן דאָך אַלע געבענקט אַהיים, געווייטיקט, דערנאָך צוזאַמען זיך גענומען לערנען, אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. בײַ יעדן פֿון אונדז וועלן בלײַבן שפּורן פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן, אַ סך זכרונות אויפֿן גאַנצן לעבן.

דינסטיק דעם 3טן פֿעברואַר

הײַנט איז געקומען צו פֿאָרן אַ מוטער אָפּנעמען איר קינד - גאַליאַ פֿאַטייעוונאַ. גאַליאַ איז 13 יאָר אַלט און לערנט אין 6טן קלאַס. ביז דער מלחמה האָט די מאַמע געוווינט אין זאַבלודאָווע. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז זי אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ טאַקסי קיין דרוסקעניק נאָך דער טאָכטער, אָבער ווען זי איז דאָרט געקומען, זײַנען מיר שוין דאָרט ניט געווען. זי האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט אַן אָפּטיילונג פֿון מיליטער און צוזאַמען מיט זיי זיך עוואַקויִרט. חוץ גאַליאַן האָט זי פֿאַרלוירן דרײַ קינדער. נאָך פֿיל מי און אַ גליקלעכן צופֿאַל האָט זי גאַליאַן געפֿונען : איין קינד פֿון פֿיר ! די אומגליקלעכע מוטער האַלט זיך שוין איצט גוט. גאַליאַס פֿרייד איז נישט צו באַשרײַבן, אויך נישט אונדזער אַלעמענס. טייל וויינען אַפֿילו, כאָטש אַלע טיילן מיט גאַליאַס פֿרייד. מען איז זי דאָך מקנא. מען דערמאָנט זיך דאָך, אַז מען האָט דאָך אויך ערגעץ האַרציקע עלטערן, וועלכע זוכן אונדז אפֿשר, לײַדן און וויינען אַוודאי.

הײַנט האָט זיך מיר געחלומט מײַן טײַערע יִינגערע שוועסטערל שׂרהלע : כ׳האָב זי זייער שטאַרק געקושט... כ׳האָב זי שוין אַזוי לאַנג ניט געזען, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָבן מיר זיך צעשיידט... אפֿשר - אויף אייביק ? כ׳געדענק ווי זי האָט מיך באַגלייט צו דער באַן, אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם סוועטערל, ווי כ׳האָב דורכן פֿענצטערל פֿון צוג איר געגעבן אַ קיכעלע. ווען דער צוג האָט אַוועקגערירט האָב איך איר געפֿאָכעט מיט אַ טיכעלע און זי האָט מיר לאַנג באַגלייט מיט אירע בליקן... שׂרהלע, שׂרהלע ! דיר גייט שוין דער 14טער יאָר און דו מוזסט שוין אַזוי פֿיל לײַדן ! דײַן קינדהייט און אָנהייב יוגנט איז פֿון קיין גוטע באַדינגונגען נישט באַשטראַלט. אויף דײַנע קליינע, שוואַכע פּלייצעס ליגט אַוודאי דער שווערער יאָך פֿון נויט און זאָרגן. ליבינקע שוועסטערל ! דו ביסט אַ קליינע העלדין, צי אַ יונגע מאַרטירערין, אַ קרבן פֿון דער בלוטיקער רעאַקציע ? איך ווייס ניט, אָבער איך האָף, אַז דו לעבסט און וואַקסט, כּדי צו העלפֿן דער מאַמאַ און דעם פּאַפּאַ, צוזאַמען מיט אונדזער ברודער משהל, כּדי מיר זאָלן זיך טרעפֿן און קענען נקמה נעמען פֿאַר אײַערע לײַדן, פֿאַרן בלוט פֿון מיליאָנען מענטשן, פֿאַר די טרערן פֿון קראַנקע, אַלטע, פֿאַרוואָרלאָזטע און יתומים !!!

דאָנערשטיק דעם 5טן פֿעברואַר, 11 אָוונט

לאַנג, זייער לאַנג האָב איך ניט איבערגעלעבט דאָס געפֿיל, וואָס האָט איצט דערוואַרעמט מײַן האַרץ. כ׳האָב מיט אַ מאָל פֿאַרגעסן די לעצטע איבערלעבונגען, דעם אָרט, ווו כ׳געפֿין זיך, כ׳האָב מיט אַ מאָל זיך דערפֿילט ווי אין מײַן היימישער סבֿיבֿה, צווישן מײַנע חבֿרים.

הײַנט איז איינער פֿון די שילערינס פֿון 7טן קלאַס, פֿון אונדזער שלאָפֿצימער, געוואָרן 16 יאָר. מיר האָבן אַלע באַשלאָסן איר אײַנאָרדענען אַ „באַנקעט“ ! מיר האָבן פֿײַן אויפֿגערוימט דעם צימער, אַרײַנגעשטעלט צוויי לאַנגע טישן באַדעקט מיט טישטעכער, און סערווירט דאָ דעם אָוונטברויט. פֿאַני פּ., אונדזער דערציִערין האָט זיך פֿאַר אונדז באַזאָרגט, געקריגן פֿאַר אונדז קיכעלעך און צוקערקעס בײַ דער דירעקציע. מיר האָבן אײַנגעלאַדן נאָך

צווי דערציִערינס : פֿאַני און ב. פּ., רעבעקאַ איזראַעלעוונאַן, דעם דירעקטאָר סאַמויִל מאַרקאָוויטשן, אַסיען, טאַניען. די שטימונג איז געווען זייער אַ פֿײַערלעכע און היימישע. מען האָט איר געמאַכט אַ סך באַגריסונגען. כ'האָב צוגעגרייט צו אַן אַרויסטרעטונג ביילען, ליאָניען - דעם קלאַסן-אָרגאַניזאַטאָר. ווען כ'בין אַליין אַרויסגעטראָטן האָב איך גערעדט וועגן אונדזער גרויסער פֿרײַנדשאַפֿט, וועגן אונדזער נײַער, גרויסער משפּחה. כ'האָב אָבער אויך דערמאָנט די היים, ביאַליסטאָק, די מוטער. דערבײַ האָבן אין מײַן שטים געציטערט טרערן. כ'האָב זיך עס דערנאָך נישט געקענט שענקען, ווײַל עס זײַנען דאָך געווען טרויעריקע טענער, בעת דער פֿײַערונג... כ'האָב זיך באַמיט צו ברענגען אַ פֿריילעכקייט און סוף-כּל-סוף דערגרייכט : כ'האָב גענומען זינגען אונדזערע אַמאָליקע לידער און געבעטן אַלעמען מיטזינגען.

ביילע שעפּעס - אונדזער בעל-שׂמחה איז דאָך מיט אַ גוטן כאַראַקטער. זי האָט זיך דאָך אויך דערצויגן אין אַ ייִדישער סבֿיבֿה, האָט געלערנט אין אַ ייִדישער שולע, זי איז שטענדיק די ערשטע, וואָס האַלט מיר אונטער בעת אַ ייִדישן ליד. הײַנט האָבן מיר זיך צוזאַמען צעזונגען. מען האָט מיר דערבײַ געזאָגט, אַז כ'האָב זיך שטאַרק צעהיצט : מײַנע באַקן האָבן געפֿלאַמט, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און צעגליט, כ'האָב ענערגיש זשעסטיקולירט. מײַן באַפֿליגלטער גײַסט איז אַרויס אויף דער פֿרײַ. מיר איז גלײַך פֿריילעך און אָנגענעם געוואָרן. כ'האָב זיך דערמאָנט אין אַן אָוונט אין אונדזער ייִדישער גימנאַזיע, דעם ערשטן מאַי 1941. ערשט דערפֿיל איך ווי גוט איך פֿיל זיך אין מײַן היימישער סבֿיבֿה. אירע טראַדיציעס און אייגנשאַפֿטן דערפֿרייען מיר. דאָס האָט מיר דערצויגן, אײַנגעוואָרצלט אין מיר אַן אָנגענעמע קולטור, נאָך וועלכער איך בענק !

די זעלבע אייגנשאַפֿטן באַמערק איך אויך בײַ אַלע חבֿרה פֿון די ייִדישע שולן. די ייִדישע לידלעך האָבן אויפֿגעבונדן אונדזערע צונגען און אויפֿגעוואַרעמט אונדזערע הערצער !



זונטיק דעם 8טן פֿעברואַר, 10.30 פֿרי

נעכטן אין אָוונט איז געווען די פּרעמיערע פֿון אונדזער ספּעקטאַקל. מיר האָבן געשפּילט פֿאַר אונדזערע קינדער אין קלוב. ס'זײַנען געווען עטלעכע פֿעלערן : געניע האָט זיך צעלאַכט אין אַ געוויסן מאָמענט, שורע האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט אַרויסגיין, אָבער אין אַלגעמיין איז געווען גאַנץ פֿײַן. וויטאַלי און די איבעריקע אַרטיסטן פֿון קלוב : וואָלאָדיאַ פּאָנאָמאַרעאָוו - אַ שילער פֿון 10טן קלאַס, און זײַנע חבֿרים האָבן אָפּגעלאַכט. מיר איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס זיי האָבן עס געטאָן : זיי האָבן זיך אָנגענומען פֿאַרן כּבֿוד פֿון זייער חבֿר וויטאַלי, וועמען ס'האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זשעניע טשויעוו שפּילט זײַן ראָל און שפּילט עס זייער גוט ! איך האָב געשפּילט די הויפּטראָליע און בין די גאַנצע צײַט געווען אויף דער סצענע. נאָכן ענדיקן שפּילן האָבן מיר זיך אַלע מיט אַ סך אײַנדרוקן אַוועקגעקערט אַהיים. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ האָט געבראַכט פֿאַר די „אַרטיסטן" קיכעלעך און צוקערקעס. מיר האָבן נאָך לאַנג, לאַנג געשמועסט וועגן אָוונט, און אַראָפּנעמענדיק דעם גרים פֿון פּנים זיך געוויצלט און געשפּאַסט.

הײַנט אין אָוונט שפּילן מיר נאָך אַ מאָל. דאָס מאָל זײַנען אײַנגעלאַדן אונדזערע לערער, אַלע דירעקטאָרן פֿון אונטערנעמונגען, פֿאַרשטייער פֿון קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, פֿון קאָמסאָמאָל. - די גאַנצע סמעטענע פֿון קאַראַקולינאָ. חוץ דעם פֿאַרקויפֿט מען נאָך בילעטן. דאָס געלט גייט פֿאַרן פֿאַרטיידיקונגס-פֿאָנד. מיר זײַנען אַלע פֿול מיט דערוואַרטונג ווי עס וועט אַרויסקומען, אָבער מיר פֿילן זיך אויך זיכער, אַז ס'וועט גוט זײַן.

אַ צרה איז בלויז, וואָס אין קלוב איז זייער קאַלט. מיר שפּילן אין לײַכטע זומערדיקע קליידלעך און סקאַרפּעטן. כ'האָב זיך שוין אַ ביסל צוגעקילט. זאָל עס מיר נאָר ניט קאָסטן דאָס, וואָס די פֿאַרשטעלונג אין יאָר 1936 : אַ לונגען-אָנצינדונג, אַ האַלב יאָר שווערע קראַנקהייט... איצט האָב איך אַ גרויסע זאָרג.

איין זאַך קומט מיר אויס זייער קאָמיש : נאָכן נעכטיקן אַרויסטריט האָבן

אַלע יונגע חבֿרה דרך-ארץ פֿאַר מיר מער ווי געוויינלעך. זיי רופֿן מיך : „אָט גייט לידע“ (אַזוי הייס איך אין דער פּיעסע), מאַכן פֿאַר מיר אַ פּלאַץ בײַם טיש, דערלאַנגען מיר גוטע זאַכן, דרייען זיך אַרום מיר. כ׳בין זיי זייער דאַנקבאַר פֿאַר דער העפֿלעכקייט. דאָס באַווײַזט, אַז כ׳האָב גוט געשפּילט. איך וויל אָבער נישט, מען זאָל אויף מיר קוקן אַנדערש, ווי איבערהויפּט אויף דער פּיעסע.

אַ פּראָבלעם הײַנט מיטן אויוון : ווי אויף צולהכעיס בין איך הײַנט אָרדנער אין צימער און מוז אויפֿראַמען דעם גאַנצן נעכטיקן טאַראַראַם, אָנטראָגן האָלץ און הייצן. אָבער דאָס האָלץ וויל ניט ברענען און איך האָב שוין קיין כּוח נישט צו בלאָזן. דער אויוון נעמט מיר צו דעם געדולד.

הײַנט האָט ווידער עמיץ פֿון די מיידלעך געקריגן אַ טעלעגראַמע פֿון דער מוטער. דאָס איז קלאַראַ באַראַנסקי. מיר האָבן זי אַלע באַגריסט. אין גיכן וועלן מן-הסתּם אַלע פֿון די מיזרח-געביטן געפֿינען זייערע עלטערן. עס בלײַבן בלויז מיר - די מערבֿדיקע, איינזאַמע.

איך דערמאָן זיך מײַן אויסדרוק אויף דער פּיעסע צו מײַן ברודער מיטיאַ :

-זשיזן אָטשען סלאָזשנאַ, מיטיאַ, פּראַוודאַ ?*

און זײַן ענטפֿער :

- דאַ, נאָ מי יעיאָ ניע באָיִמסיאַ ! *

„מי זשיזני ניע באָיִמסיאַ !“* - רופֿט אויס מיטיאַ. פֿאַרשטענדלעך האָב איך ניט מורא פֿאַרן לעבן. כ׳ווייס ניט וואָס ס׳דערוואַרט מיר, כ׳ווייס ניט וויפֿל שוועריקייטן, אומאַנגענעמלעכקייטן, אָבער אויך פֿרייד איז פֿאַר מיר אָנגעגרייט. איך האָב אָבער קיין מורא ניט פֿאַר דעם. כ׳ווייס, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פֿון מיר אַליין.

מאָנטיק דעם 9טן פֿעברואַר

נעכטן 5 אַ זייגער נאָך מיטאָג בין איך געווען אין 4טן קלאַס אויף אַ געבורטסטאָג, צו וועלכן מ׳האָט מיר אײַנגעלאַדן. דערנאָך איז אויך געקומען



העלענאַ פֿאָנטעלעמאָנאָוונאַ און האָט אונדז אָנגעהויבן גרימירן. מײַן גרים האָט זיך זייער גוט אײַנגעגעבן. אַלעמען איז עס זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן און מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ווען כ׳בין אויף דער סצענע, שײַן איך ! צו דער פֿאָרשטעלונג זײַנען געקומען אַ סך אָנגעזעענע געסט, אַ סך אויף בילעטן. מיר האָבן פֿאַרקויפֿט בילעטן פֿאַר 380 רובל ! די פֿאָרשטעלונג האָט זיך זייער גוט אײַנגעגעבן, אַלע האָבן זייער גוט געשפּילט. מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ זייער גוטן אײַנדרוק. כ׳בין געווען זייער צופֿרידן ! מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים זייער פֿריילעכע, האָבן געגעסן קיכעלעך און צוקערקעס און זיך געפֿרייט מיט דער פּיעסע.

הײַנט אין דער פֿרי, ווען מיר זײַנען אַרײַן אין אונדזער קלאַס, זײַנען אַלע חבֿרה געזעסן אויף די לעצטע בענק און געשמועסט. אָבער ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען האָבן זיי זייער געשפּרעך איבערגעריסן. מיר האָבן עס גלײַך דערפֿילט און זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָבן זיי גערעדט וועגן אונדז און וועגן דער פֿאָרשטעלונג. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אונדז קיין איינציק וואָרט וועגן דעם נישט געזאָגט. דערפֿאַר האָט מען אונדז שטאַרק געלויבט אין 10טן קלאַס !

דאָס שווײַגן בײַ אונדז אין קלאַס איז מיר געוואָרן פֿאַרשטענדלעך, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז די זעלבע פּיעסע האָבן פֿאַראַיאָרן געשפּילט עטלעכע חבֿרה פֿון אונדזער קלאַס : לידען - גאַליאַ פּאַוולאָווסקי, וולאַדעקן - וויטאַלי סעווערוכין, גאַליאַן - זשעניאַ פּערמיאַקאָוואַ, אַננאַן - מאַניאַ ניימושינאַ, סאַשאַן - אַנפֿיסאַ טיובענקאָוואַ. אָבער אַלע זאָגן, אַז מיר שפּילן בעסער פֿון זיי ! דאָס פֿאַרדריסט זיי פֿאַרשטענדלעך. בכלל מערקט מען אַ געוויסע קינאה, כאָטש אין אַ קליינער פֿאָרם... דערפֿאַר, וואָס מיר פֿאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעען אָרט אין שולע ! מיר ציִען בכלל די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון גאַנצן דאָרף, אַפֿילו דערפֿאַר, וואָס אַ סך גרויסשטאָטישע אויסלענדער קענען ווייניקער רוסיש און מער פּויליש, אָבער מיר קענען אַרויסטרעטן און דערפֿאַר האָבן זיי דרך-ארץ פֿאַר אונדז.

מעגלעך, אַז מיר וועלן נאָך אַ מאָל שפּילן זונטיק פֿאַר די שילער פֿון אונדזער שול. מן־הסתּם וועלן מיר נעמען נאָך אַ צווייטע פּיעסע. איך וויל זייער שפּילן. דאָס באַהערשן שוועריקייטן מאַכט אינטערעסאַנטער און פֿילבאַרער דאָס גרויע לעבן !

נאָך מיטאָג בין איך ווידער אַרײַן אין ליידיקן צימער פֿון די פֿערטע קלאַסן־קינדער, כּדי צוגרייטן מײַנע לעקציעס. שורע און ליזאַ זאַקוטאַ האָבן זיך אויך דאָ אײַנגעאָרדנט. ליזאַ איז אַלט 15 יאָר און איז זייער קראַנק. זי האָט כּסדר אַ גרויסע טעמפּעראַטור : 38 ג׳, 38,8 ג׳... זי איז געלעגן אין שפּיטאָל נאָך אין ביאַליסטאָק, געווען אויך אין מינסק, אָבער מען קען איר גאָרנישט העלפֿן, די דאָקטוירים ווייסן נישט, וואָס איר איז. זי זעט אויס ווי אַ מת : שרעקלעך בלאַס, פּשוט גרין, אַן אויסגעדאַרט פּנים, אײַנגעפֿאַלענע באַקן, אויסגעלאָשענע אויגן. זי גייט נישט אין שולע, אויך נישט אויפֿן גאַס. אָדער זי ליגט אין בעט, אָדער זי זיצט אָנגעטאָנענערהייט אויפֿן בעט. די ערשטע צײַט האָט די שוועסטער און דער דאָקטער זיך זייער שלעכט באַצויגן צו איר, געטענהט : אַז זי לײַדט פֿון היסטעריע, נאָר פֿיזיש איז זי געזונט... איצט האָט פֿאַני פּ. געלייגט אַ סך אַכט אויף איר און די לאַגע האָט זיך געענדערט. זי איז אויף אַ ספּעציעלער דיעטע : מען גיט איר אַ סך פּוטער, צוקער, ווורשט, פֿלייש, קאָמפּאָט. איר צושטאַנד האָט זיך אַ ביסל פֿאַרבעסערט. זי פֿילט, אַז מען רינגלט זי אַרום זאָרגפֿול און זי איז זייער דאַנקבאַר. זי איז זייער אַ גוטע פֿון איר כאַראַקטער, כאָטש אַ ביסל קאַפּריזנע. זי האָט ניט קיין עלטערן, אַפֿילו אין ביאַליסטאָק האָט זי זיך שוין דערצויגן אין אַ קינדערהיים. איך האָב אויף איר רחמנות, וואָס וועט זײַן מיט איר ? זי איז כּמעט אַן אַנאַלפֿאַבעטקע, איז שטאַרק קראַנק, קען זעלבשטענדיק נישט עקזיסטירן... ווי וועט זי לעבן ? מען קען דאָך נישט אייביק זײַן אין אַ קינדערהיים... איר געזונט־צושטאַנד איז אַזאַ האָפֿנונגסלאָזער... זי איז אַ יונג קינד, האָט נאָך פֿון קיין פֿרייד ניט געוווּסט... מיט וואָס האָט זי זיך פֿאַרזינדיקט, פֿאַר וואָס אַזאַ אומגערעכטיקייט צו איר ?



מיטוואָך דעם 11טן פֿעברואַר

מיר איז אַזוי שווער אויפֿן האַרצן ! כ׳האָב הײַנט געהאַט אַ שרעקלעכן חלום, אַ קאָשמאַר, וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט אַ מידקייט און אַ שרעקלעכן אומעט... מיר האָט זיך געחלומט, אַז כ׳בין געקומען צוריק אַהיים ! איך קוש זיך מיט מײַן מאַמען, אָבער ליידער זע איך דעם טויט פֿון 4 ברוסטקינדער... איך זע ווי מען באַגראָבט די פֿיר עופֿעלעך, ווי זייערע מוטערס וויינען, רײַסן זיך די האָר פֿון קאָפּ... איינע פֿון די מוטערס איז די פֿרוי פּאָסטריגאַטש. כ׳האָב לעצטנס צוגעלערנט איר טאָכטער מלכּה, אָבער דאַן האָט פֿרוי פּאָסטריגאַטש געשוואַנגערט... די אומגליקלעכע פֿרויען באַגריסן מיך מיט מײַן צוריק – פּלוצלינג דערזע איך מײַן לערערין פֿון געאָגראַפֿיע – אָלגאַ פּעטראָוונאַ אין אַ שיינעם צימער, ווו ס׳זײַנען אויך פֿאַראַן די חבֿרטעס פֿון ייִדישן פֿאָלקשול : מאַשע אַטלאַס, פֿאַני גראַבאָווסקי, קאָפּלער. זיי זײַנען זייער טרויעריק, ווײַל מיר גייען דאָך אַלע צו די פֿיר קליינע קבֿרימלעך מיט פֿרוי פּאָסטריגאַטש...
מײַנע נערוון האָבן זיך ענדגילטיק צעשרויפֿט נאָך אַזאַ חלום...

שבת דעם 14טן פֿעברואַר

נעכטן האָב איך זייער אינטערעסאַנט און פֿריילעך פֿאַרבראַכט דעם טאָג. נאָך מיטאָג בין איך געגאַנגען מיט געניען און די איבעריקע חבֿרה פֿון 7טן קלאַס, פֿון אונדזער צימער, אויף דער קאַמע און זיך געלערנט גיין אויף נאַרטעס. כ׳האָב געהאַט אַ סך פֿאַרגעניגן פֿון דער שיינקייט פֿון וועטער אין דאָרף. דער הימל איז קלאָר, ריין בלוי, דער שניי איז פּוכיק און זילבערדיק־ווײַס, די לופֿט איז פֿריש, דורכזיכטיק. עס שמעקט מיט פֿרילינג, כאָטש דער ווינטער איז נאָך נישט פֿאַרבײַ און פֿרעסט וועלן נאָך זײַן, צו מײַן גרויס באַדויער, דאָך וואַרעמט שוין ליבלעך די זון און עס ווייט אַ פֿריש ווינטעלע. איך שטעל נישט דרייסט די פֿיס אויף די נאַרטעס און כ׳אָטעם טיף אַרײַן די דערפֿרישנדיקע לופֿט. ס׳איז אַ רחבֿות צו שפּאַצירן

אין דער בלענדנדיקער ווײַסקייט לויטן שפּור פֿון די פֿאָרויסגייענדיקע נאַרטלעך! זען בלויז ווײַסן שניי און אַ דורכזיכטיקן, קלאָרן הימל! עס וואַרעמט מיר, מײַן גוף גיסט זיך אָן מיט בלוט, דער פּנים פֿלאַמט. עס גלוסט זיך ניט אַוועקגיין פֿון דאַנען... דאָך, עס הייבט אָן צו טונקלען... ביזן אָוונטברויט האָבן מיר זיך דאָ געגליטשט, דערנאָך אַוועק אַהיים צוגרייטן די לעקציעס.

זונטיק דעם 15טן פֿעברואַר, 10.30 פֿרי

נעכטן האָב איך געהאַט אַן אינטערעסאַנטן שמועס מיט איינעם פֿון אונדזערע שילער פֿון 7טן קלאַס - זבישעק מאַק. זבישעק איז אַלט מער ווי 15 יאָר, אַ פּאָליאַק לויט דער נאַציאָנאַליטעט. ער איז גאַנץ נידעריק, האָט בלאָנדע האָר און אַ ראַסישן פּוילישן אויסזען. ער איז טאַקע אַ פּוילישער פּאַטריאָט. אפֿשר איז ער פֿריִער אַפֿילו געווען אַן אַנטיסעמיט? ער איז זייער פֿעיִק און אינטעליגענט, כאָטש נאָך גאַנץ קינדעריש. אין דער פּיעסע, וואָס מיר האָבן געשפּילט, האָט ער אויך אָנטיילגענומען, געשפּילט די ראָל פֿון מײַן ברודער - מיטיאַ. ער האָט זייער גוט געשפּילט. דאָס האָט זיך אַלעמען געוואָרפֿן אין די אויגן דערפֿאַר, ווײַל געוויינלעך באַציט ער זיך גלײַכגילטיק, קאַלט צו אַלע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן בײַ אונדז געמאַכט. ער גרייט כּמעט נישט קיין לעקציעס און בלויז אַ דאַנק זײַנע פֿעיִקייטן דערגרייכט ער. ער קלערט בכלל אַוועקפֿאָרן אין אַ האַנטווערקער-שול, זיך לערנען אַ פֿאַך. מיך האָט עס זייער פֿאַרוווּנדערט, וואָס ער וויל נישט לערנען, ווײַל אין זײַן היים וואָלט ער זיכער זיך נאָך געלערנט. פֿון אים וואָלט זיכער אויסגעוואַקסן אַן אינטעליגענטער מענטש צו אַן אינטעלעקטועלער אַרבעט. כ׳האָב באַשלאָסן זיך מיט אים דורכרעדן, ווײַל כ׳האָב פֿאַרשטאַנען די סיבה פֿון זײַן שטימונג: ער פֿילט זיך פֿרעמד בײַ אונדז, ניט אין זײַן סבֿיבֿה. ער פֿילט דען נישט? אַז אין אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער סבֿיבֿה: צווישן ייִדן, רוסן, ווײַסרוסן און פּאָליאַקן מאַכט קיינער נישט דעם



אונטערשייד צווישן איינעם און דעם אַנדערן... יעדער ווערט באַלוינט לויט זײַן אַרבעט און באַשטראָפֿט לויט זײַן זינד. פֿאַר אים דעם אומבאַוווסטזיניקן איז עס נישט קיין נײַעס? זײַנע נאָענטסטע חבֿרים איז דאָס אַלעמען באַקאַנטע פֿינפֿטל פּאָליאַקן, וואָס לערנט ניט, נאָר העלפֿט אין דער ווירטשאַפֿט. זבישעק האָט זיך דערוווּסט, אַז מען קלערט זיי אָפּשיקן אין פֿז״ו, האָט ער באַשלאָסן זיך מיט זיי ניט צעשיידן, נאָר מיטפֿאָרן מיט זיי. אַזוי פֿירט ער איבער זײַן קאַריערע... כ׳האָב אים דערקלערט, אַז ס׳איז אַ שלעכטער אויסוואַל, אים איבערצײַגט, אַז ער זאָל זיך בעסער לערנען. זבישעק האָט זייער אָפֿנהאַרציק און אינטים מיט מיר גערעדט, האָט מיר האַרציק געדאַנקט פֿאַרן שמועס. מיר ווילט זיך אונטערהאַלטן מיט אים די פֿרײַנדשאַפֿט. כ׳וויל אַז פֿון אים זאָל אויסוואַקסן אַ קולטורעלער, גוטער מענטש.

הײַנט 12 בײַ טאָג האָבן מיר ווידער געשפּילט פֿאַר די שילער פֿון שולע. מען האָט מיך ווידער גרימירט און דערנאָך בין איך געבליבן מיט העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַ. זי האָט מיר דערנאָך אָנגעהויבן דערציילן איר לעבן: זי איז זייער אַ טאַלאַנטפֿולע פֿרוי, אַ קינסטלערין, אַן אַרטיסטין, נאָר זי האָט ניט געקענט ענדיקן איר שטודיום צוליב אירע מאַטעריעלע באַדינגונגען. זי האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אין מאָסקווע אין סטאַניסלאַווסקיס קונסטשולע, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו ענדיקן. איצט איז זי אַ לערערין פֿון צייכענען און זי פֿירט אַ פֿערטן קלאַס. איר מאַן איז איצט אויפֿן פֿראָנט און זי איז דאָ געבליבן מיט אַ קליין זונעלע. זי האָט מיר טרויעריק געזאָגט: „מײַן לעבן איז שוין אויף אייביק צעבראָכן!“ זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז קינדווײַז איז זי געווען אין אַ קינדערהיים, האָט פֿיל געליטן. דאָס לעבן האָט איר אויפֿגעהויבן זייער הויך, ווײַל זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טאַלאַנט, אָבער זי איז אַראָפּגעפֿאַלן נידעריק, ווײַל איצט ווערט איר טאַלאַנט פֿאַרלאָרן...

איך האָב זי זייער ליב און כ׳וואָלט גערן מיט איר אַ סך געשמועסט. נאָר צו

אונדזער ביידנס באַדויערן האָב איך געמוזט דעם שמועס איבעררײַסן, ווײַל ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פֿאָרשטעלונג. כ'וועל זיך באַמִיען מיט איר דערנאָך שמועסן. זי קען מיר ראַטן, זי איז אַזאַ גוטע, קולטורעלע, טאַלאַנטפֿולע און האַרציקע פֿרוי!

מאָנטיק דעם 16טן פֿעברואַר

נעכטן האָב איך געטאָן אַ מיאוסע זאַך: כ'האָב געפֿונען אויפֿן טיש מײַן חבֿרטעס טאָגבוך, האָב איך גענומען אים לייענען. מײַן נײַגעריקייט האָט מיך דערפֿירט צו אַ נידערטרעכטיקן טאַט... דאָס איז דאָך דאָס זעלבע ווי מיט שמוציקע שטיוול אַרײַנקריכן צו יענעמס אין האַרצן! פֿאַר וואָס האָב איך עס געטאָן?

דער טאָגבוך איז געשריבן אויף פויליש. אין קורצן איז דאָ באַשריבן די צײַט פֿון אונדזער וווינען אין סאַראַפּול. קיין שום אינטערעסאַנטס און אַלגעמיינס איז דאָ נישט פֿאַראַן. זי האָט באַשריבן איר באַציִונג מיטן דירעקטאָר. מיר האָט עס זייער פֿאַרוווּנדערט, ווי זי האָט עס באַצייכנט: זי איז זײַן געליבטע! אָ, זי איז דאָך בלויז אַ קעגנשטאַנד פֿאַר זײַנע לײַדנשאַפֿטן... צי האָב איך עס פֿריִער ניט באַמערקט? זי איז דאָך אַלע נאַכט געליגן אין זײַנע אָרעמס... צי האָט זי, די 19-יאָריקע אים ליב? וועגן דעם שרײַבט זי בכלל ניט. מיר דאַכט זיך, אַז ניין, זי איז בלויז שוואַך כּדי אים שטעלן אַ ווידערשטאַנד. זי פֿרייט זיך, ווען ער ברענגט איר אַ צוגאָב: פּוטער, צוקער, ברויט. צי גלייבט זי אין זײַן ליבע? מיר דאַכט זיך, אַז ניין! זי ווייס דאָך, אַז אין סאַראַפּול פֿלעגן קומען צו אים פֿריילינס! זי ווייס, ווי ער האָט פֿאַראַיאָרן אין דרוסקעניק געפֿלירטעוועט מיט דער פּיאָנערן-לײַטערין און הײַנטיקס יאָר - מיט דער דאָקטאָרין בערגער. אָ, זי איז זייער לײַכטזיניק...

נעכטן האָב איך ניט ווילנדיק צעבראָכן דאָס רעכטע גלעזל פֿון דיברילן.



כ'בין זייער באַאומרויִקט, כאָטש דערווײַל האַלט זיך עס נאָך און איך קען עס באַנוצן. אַננאַ מיכײַלאָוונאַ, וואָלאָדיאַס מומע, האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז זי ווייס, ווו עס זײַנען מײַנע אַלטע ברילן, וועלכע כ'האָב שוין כּמעט פֿאַרגעסן. זי האָט מיר נאָך נישט געקענט דערציילן, ווײַל זי האָט אַ חשד, צי די צוויי פּערזאָנען, בײַ וועמען זי דאַרף עס פֿרעגן, וועלן זי אינפֿאָרמירן. אפֿשר איבערמאָרגן וועט זי מיר שוין זאָגן. איך טראַכט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן וואָלאָדיאַן און וויטאַלי. צי איז עס נישט זייער אַרבעט? כ'דערמאָן זיך, אַז אין זעלבן אָוונט, ווען די ברילן זײַנען פֿאַרשווּנדן געוואָרן, זײַנען זיי געקומען צו מײַן בעט (כ'בין דאָך געווען קראַנק). די ברילן זײַנען דאַן אפֿשר געלעגן אויפֿן שטול לעבן בעט. פֿאַר וואָס האָבן זיי עס צוגענומען? אפֿשר אויף אַ שפּאַס, און אפֿשר כּדי מיר צו מאַכן אַ טיפֿע טראַגעדיע... אינטערעסאַנט צי אַננאַ מיכײַלאָוונאַ וועט מיר מאָרגן קענען צו וויסן געבן? וואָס זאָל איך טאָן, כּדי צו קריגן צוריק מײַנע ברילן? טאָמער זיי וועלן זיך לייקענען, אָדער צעברעכן די ברילן, וואָס וועל איך טאָן?

דינסטיק דעם 17טן פֿעברואַר

נעכטן האָבן מיר אויפֿן דראַמקרײַז פֿאָרגעלייענט אַ נײַע פּיעסע: „פּלאַטאָן קרעטשעט“. מען האָט גענומען פֿאַרטיילן די ראָלן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך זאָל שפּילן לידען - די הויפּטראָלע. שורע האָט אַרויסגעשריִען, אַז זי וויל שפּילן די הויפּטראָלע! דערפֿאַר ווײַל זי לײַדט פֿון אַ גרויסקייט-מאַניע... איר מוטער - פֿאַני פּ. האָט געבעטן העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַן, אַז איך זאָל שפּילן די מוטער און איר טאָכטער לידען! לידען האָב איך דאָך שוין געשפּילט און אַלע האָבן מיך באַגריסט, אַלזאָ פֿאַר וואָס טוישן די ראָלע? העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַ האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל איך זאָל שפּילן די מוטער, ווײַל ס'איז זייער אַ שווערע ראָל און זי ווייס נישט ווער ס'וועט קענען עס שפּילן... זי האָט מיר אויך באַוויזן, אַז כאָטש ס'איז נישט די הויפּטראָל, דאָך איז עס אַן ערנסטע און אַ סימפּאַטישע, פּלאַטאָנס מוטער!

די מוטער פֿון אַ העלד פֿון דער וויסנשאַפֿט, אין פֿאַרגלײַך מיט לידען, וועלכע איז יונג, שיין, אָבער נישט ערנסט... אַזוי וועל איך שוין שפּילן צוויי ראָלן : איין אָוונט - לידען, און דעם צווייטן אָוונט - די מוטער מאַריאַ טאַראַסאָוונאַ.

זבישעק ראָט עס מיר צו טאָן, ער וויל אויך זייער, אַז כ'זאָל שפּילן די מוטער. ער באַציט זיך צו מיר זייער גוט. ער האַלט מיר פֿאַר אַ נאָענטער פֿרײַנדין דער געוועזענער אַנטיסעמיט, אָבער דער קלוגער, גוטער, 15-יעריקער פֿעיִקער יאַט !

מיטוואָך דעם 18טן פֿעברואַר, 3.30

לעצטנס זײַנען פֿאַראַן אַ סך עגמת-נפֿשן. הײַנט צ.ב. האָט געניע געקריגן אַ בריוו פֿון איר חבֿרטע, וועלכע האָט זיך עוואַקויִרט קיין טאַשקענט, אַז זי איז אַרבעטסלאָז, היימלאָז, איינזאַם און זייער הונגעריק. געניע וויינט שוין אַ גאַנצן טאָג ! און איך, כאָטש איך וויין נישט, דאָך דערמאָנט עס מיר אין דער לאַגע אין לאַנד און דעם גורל פֿון אַלעמען. אַלע הונגערן שוין, נאָך 8 חדשים קריג, דעם ערשטן ווינטער בעת דער מלחמה. וואָס וועט זײַן זומער ? ווער וועט פֿאַרזייען און קענען שאַפֿן עסנוואַרג ? איצט ווערט געפֿירט אַ קאַמפּאַניע צווישן דער שוליוגנט : די עלטערע קלאַסן מאַכן פֿאַרפֿליכטנדיקע קורסן פֿאַר טראַקטאָריסטן. אין מײַן קלאַס אויך. אָבער איך לערן נישט, דערפֿאַר, ווײַל ווען מען האָט אָנגעהויבן לערנען, האָב איך ניט געהאַט די ברילן, האָב איך שלעכט געזען די צייכענונגען פֿון די פֿעלדער. אָבער זומער וועל איך אַלץ איינס דאַרפֿן אַרבעטן אויפֿן פֿעלד פֿון אונדזער ווירטשאַפֿט. איצט איז שוין שפּעט אָנצוהייבן די לערע, דער קלאַס האָט שוין דורכגעמאַכט אַ גרויסן פּראָגראַם.

אונדזער קינדערהיים איז אַ גן-עדן אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. אין דער צײַט ווען מענטשן, וועלכע אַרבעטן שווער, הונגערן,



קריגן מיר עסן, כאָטש אָפֿט איז עס אויך נישט גענוג... אָבער אין פֿאַרגלײַך מיט זיי זײַנען מיר גליקלעכער, כאָטש עס איז נישט אַזוי ווי ס'איז געווען אין אונדזער היים... מיר האָבן שוין איצט אַ ריינע בעט אין אַ וואַרעמען צימער און מיר לערנען ! דאַרפֿן מיר אויך אַרבעטן ! גענוג אַרײַנקוקן אין זיך ! כ'וויל אַפֿילו אויפֿהערן אַ געוויסע צײַט צו פֿירן מײַן טאָגבוך אַזוי אָפֿט, כּדי זיך קענען אויפֿפֿירן אַנדערש, בעסער !

מאָנטיק דעם 2טן מערץ

כ'האָב דאָך באַשלאָסן מער ניט צו פֿירן מײַן טאָגבוך, האָב איך שוין צוויי וואָכן ניט געשריבן... איצט קען איך נישט אויסהאַלטן ! דער דירעקטאָר גרײַפֿט מיך שוין ווידער אָן... כ'פֿיר ווייניק די אַרבעט פֿון קינדעראַט. פֿאַר וואָס ? דערפֿאַר, ווײַל די אַרבעט באַפֿרידיקט מיך מער נישט. כ'פֿאַרנעם זיך מער מיט מײַן בילדונג ! דערפֿאַר האָט ער מיר לעצטנס פֿאַרבאָטן צו שפּילן מײַנע צוויי ראָלן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען די סיבה פֿון מײַן שוואַכער אַרבעט ! ער באַמיט זיך אַפֿילו בכלל מיר אויסשליסן פֿון דראַמקרײַז... אָבער רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ פֿאַרטיידיקט מיר און פֿאַרזיכערט, אַז כ'וועל זיכער שפּילן.

זונטיק דעם 8טן מערץ, 12 בײַ טאָג

כ'האָב לעצטנס גענומען זייער אינטענסיוו צו לייענען ביכער און אויך זיך גענומען צו דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט : כ'האָב דורכגעפֿירט אַ זיצונג פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער קאָמיסיע, כ'האָב אַליין גענומען דיזשור פֿרײַטיק אין קיך אַ גאַנצן טאָג, כ'האָב צוגעגרייט אַ רעפֿעראַט, וועלכן כ'האָב נעכטן געהאַלטן פֿאַר די עלטערע קינדער און דעם גאַנצן פּערסאָנאַל. פֿאַר דעם רעפֿעראַט האָט מען מיר אַ סך באַגריסט. אַלע האָבן זיך געפֿרייט, וואָס

כ׳האָב ווידער אָנגעהויבן די אַרבעט. נעכטן האָב איך זיך שלעכט געפֿילט און אין מיטן אָוונט, ווען אַלע האָבן זיך אַזוי געפֿרייט, בין איך אַליין אַוועק אין אונדזער צימער, אויסגעבעט מײַן בעט און זיך געלייגט שלאָפֿן. הײַנט פֿיל איך זיך נאָך אַלץ שלעכט.

מײַנע ברילן זײַנען דאָך צעבראָכן, אַזוי, אַז כ׳קען זיי נישט באַנוצן. כ׳האָב אַ קליינע האָפֿענונג אויף נײַע, גוטע ברילן. כ׳וויל, אַז דער דירעקטאָר זאָל מיר מיטנעמען קיין איזשעווסק, וועל איך דאָרט אַרײַנגיין צו אַ דאָקטער, ער זאָל מיר צופּאַסן נײַע ברילן. אָבער ער וויל מיר ניט מיטנעמען, ער הערט ניט אויף צו מאַכן שפּיציקע חכמות, דערציילט, אַז זײַן ברודער באָריס האָט אָנגעטאָן ברילן, ווײַל ס׳איז געווען זייער מאָדערן, און ער גיט אַן אָנצוהערעניש, אַז דאָס זעלבע איז מיט מיר ! עס טוט מיר וויי, וואָס איך זע אַזוי שלעכט : אויף אַ מהלך פֿון איין מעטער זע איך אַפֿילו ניט קיין אויגן, נאָר טונקעלע גריבער... אין אָוונט דערקען איך אַפֿילו נישט קיין קעגנשטאַנדן פֿון זייער נאָענט. אַפֿילו מיט די נײַע ברילן האָב איך שלעכט געזען פֿון דער ערשטער ריי אין קלוב די „אַרטיסטן" אויף דער סצענע ! איצט פֿיל איך אַזוי שווער מײַן אומגליק, ווי קיין מאָל נישט פֿריִער, ווען כ׳האָב נאָך געהאַט מײַנע אַלטע ברילן, וועלכע זײַנען אַזוי געהיימניספֿול פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ! איך לײַד איצט און קיינער וויל מיר נישט פֿאַרשטיין...

דער דירעקטאָר האָט איצט געפּרוּווט קריגן מײַן רעפֿעראַט, כּדי צו פֿאַרקלענערן זײַן ווערט, ר׳האָט געמאַכט אַ טומל אין פּרעזידיום, כּדי מיר צו שטערן... ר׳האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אַז כ׳האָב אים געשיקט אַ ווינטש (מיר האָבן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל געשיקט ווינטשן און מתּנות אין דער פֿאָרעם פֿון בריוו)...

אַלע דערציִערס און רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ, אַלע עלטערע חבֿרה פֿון 7טן קלאַס זײַנען זייער אויפֿגעבראַכט וואָס ער האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט ! איך בין אויך ניט גלײַכגילטיק ! כ׳האַלט, אַז כ׳האָב נישט פֿאַרדינט אַזאַ באַציִונג. כ׳בין אין אַ שלעכטער שטימונג. איך פֿריי זיך שוין נישט זייער



לאַנג, לאַך נישט, זינג נישט. כ׳לייג אַפֿילו נישט קיין אַכט אויף מײַן אויסערלעכן אויסזען. ערשטנס האָב איך נישט קיין איין יום-טובֿדיק קליידל, קיין מעשטלעך, כ׳פֿאַרקאַם זיך אַבי ווי... לעצטנס האָב איך באַמערקט, אַז וואָלאָדיאַ פּאָנאָמאַריאָוו, דער שילער פֿון 10טן קלאַס לייגט אויף מיר אַכט. ער האָט לעצטנס געזאָגט, אַז פֿון אַלע מיידלעך פֿון קינדערהיים געפֿעלט אים לענע פֿון 9טן קלאַס. דאָס האָבן מיר די חבֿרטעס פֿון מײַן קלאַס געזאָגט. איך בין שטאַרק פֿאַרוווּנדערט.

מאָנטיק דעם 16טן מערץ

לעצטנס קלער איך וועגן מײַן צוקונפֿט. וואָס וועל איך טאָן אין צווייטן שוליאָר ? געניע און טאַניע קלערן וועגן אַן אינסטיטוט אין סווערדלאָווסק, אָדער מאָלאָטאָוו. זיי האָבן בדעה זומער אַהין אָנשרײַבן ווענדונגען און ביטעס מען זאָל זיי דאָרט אָננעמען. אַז זיי וועלן אַוועקפֿאָרן, וועל איך שוין בלײַבן אַליין, אָן נאָענטע פֿרײַנד. איינע אַליין אין קאָלעקטיוו פֿון דערוואַקסענע קינדער, 16-17 יאָריקע. עס וואָלט גוט געווען, ווען מיט מײַנע נאָענטע דאַרף איך זיך ניט צעשיידן, ווען כ׳קען פֿאָרן מיט זיי אין אינסטיטוט. דערצו דאַרף איך אָבער האָבן דעם עקזאַמען פֿון 10טן קלאַס - אָבער איצט בין איך דאָך אין 9טן קלאַס.

לעצטנס הערט מען דורכן ראַדיאָ, אַז אויפֿן פֿראָנט איז נישטאָ מער קיין נײַעס. וואָס באַדײַט דאָס ? אפֿשר קומט אָן ווידער אַ שאַרפֿע אַטאַקע פֿון שׂונא ? ווער ווייסט...

לעצטנס האָט מען מיר פֿאָטאָגראַפֿירט און מיר געגעבן די פֿאָטאָגראַפֿיע. כ׳האָב אַזעלכע ניט פּראָפּאָרציאָנעלע שטריכן : קליינע קורצזיכטיקע אויגן, אונטער וועלכע ס׳האָבן זיך איצט אָפּגעלייגט דינע קנייטשעלעך און טונקעלע גריבלעך און אַ פּנים, וואָס איז טיילווײַז באַדעקט מיט ראָזע לישײַעס...

דינסטיק דעם 17טן מערץ, 10 אָוונט

הײַנט בין איך ניט געווען אין שולע, ווײַל כ'האָב געדאַרפֿט צוגרייטן אַ רעפֿעראַט וועגן 18טן מערץ. מען האָט עס מיר באַפֿוילן מאַכן, ווײַל מײַן ערשטער רעפֿעראַט איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן. אַלזאָ מאָרגן וועל איך עס האַלטן ! כ'גיי אַרום שוין מער ווי 10 טעג אָן ברילן, ווײַל מײַנע האָבן זיך צעבראָכן. ס'איז מיר איצט זייער שווער. ספּעציעל שווער האָב איך איבערגעלעבט די ערשטע טעג און איצט האָב איך זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט...

כ'וועל אין גיכן פֿאָרן קיין איזשעווסק צו אַ דאָקטער און דאָרט אפֿשר קריגן ברילן. כ'וואַרט די גאַנצע צײַט אויף אַ פֿערדוואָגן וואָס זאָל מיך אַהין פֿירן. כ'גלייב, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך עס קריגן.

דאָנערשטיק דעם 26סטן מערץ

כ'האָב זיך אומגעקערט פֿון דער ווײַטער רײַזע. אַ גאַנצע וואָך בין איך ניט געווען דאָ, ניט באַזוכט די שולע. אומגעריכט בין איך מיטוואָך דעם 18טן, נאָכן רעפֿעראַט, אַרויסגעפֿאָרן קיין איזשעווסק, ווּ כ'בין געווען 2 טעג און פֿון וואַנען כ'האָב זיך נעכטן בײַ טאָג אומגעקערט. די רײַזע איז געווען אַ זייער ניט געלונגענע, ווײַל כ'האָב אָפּגעפֿראָרן מײַן פּנים, ספּעציעל די רעכטע העלפֿט איז געוואָרן שטאַרק געשוואָלן און טוט זייער וויי. אויף דער רעכטער באַק האָב איך אַ געשוויר ! דאָס וויכטיקסטע : דער אויגן-דאָקטער אין איזשעווסק האָט מיר פֿאַרשריבן ברילן, אָבער אין איזשעווסק האָב איך זיי ניט געקענט קריגן... כ'בין געווען שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט : וואָס וועל איך טאָן ? ווי וועל איך קענען לערנען ? איצט הייב איך אָן טיילווײַז שלום מאַכן מיט מײַן גורל, ווײַל כ'האָף אויפֿן דירעקטאָרס צוזאָג, אַז ער וועט קריגן די ברילן אין סאַראַפּול, בײַ אַ פּריוואַטן אָקוליסט. די רײַזע האָט מיר אַ סך באַוויזן און כ'האָב שוין ניט קיין חרטה, וואָס כ'בין געפֿאָרן. כ'האָב זיך אַ ביסל באַקענט מיטן לעבן פֿון די פּויערים, בײַ וועלכע



מיר איז אויסגעקומען צו נעכטיקן בעת דער רײַזע. זיי זײַנען אַלע זייער אָרעם, לעבן אין פֿינצטערע, ענגע כאַטקעס, אויפֿן אויוון זיצן באָרוועס קינדער אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זיי קענען זיך ווייניק באַשפּײַזן... דאָס איז אין גאַנצן אַנדערש ווי די קאָלכאָזניקעס וועגן וועלכע כ'האָב געלייענט אין די ביכער, אָדער וועלכע כ'האָב געזען אויף אַ סצענע, אויפֿן עקראַן ! אין שטאָט איז די לאַגע אויך אַ שווערע. די ספּעקולאַציע איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן און אַ סך עסן איז בכלל שווער צו קריגן. מענטשן שטאַרבן פֿון הונגער ! אַלזאָ אין אונדזער קינדערהיים אין קאַראַקולינאָ זײַנען מיר אין דעם בעסטן צושטאַנד !

איצט האָב איך שוין נישט קיין חרטה אויף מײַן רײַזע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט זיך אַזוי שלימזלדיק געענדיקט...

שבת דעם 28סטן מערץ

כ'בין הײַנט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן, כ'האָב געקלערט, געקלערט... וועגן וואָס ?

הײַנט אָדער מאָרגן שטעלן מיר אין קלוב „פּלאַטאָן קרעטשער". איך שפּיל די מוטער, שורע שפּילט לידען - די הויפּטראָל, וועלכע איך האָב פֿריִער געשפּילט.

אַלע זעען, אַז שורע פֿילט נישט דאָס, וואָס זי זאָגט, אַז זי האָט „אויסגעזוברעוועט" די טענער. זי קען אָבער ניט איבערגעבן קיין מימיק און באַוועגונגען בעת די פּראָבעס קומען פֿאָר. פֿאַרשיידענע קוריאָזן פֿון וועלכע אַלע אָנוועזנדע לאַכן און העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַ און רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ דענערווירן זיך. אַלע זאָגן, אַז זי איז זייער טעמפּ. איך האָב דאָך פֿריִער געוואָלט שפּילן לידען, אָבער זי האָט אויך געוואָלט און איר מוטער - פֿאַני פּ. האָט געבעטן, מען זאָל איר געבן די ראָל. איצט איז עס מיר ניט וויכטיק, אַלץ איינס וואָלט איך ניט געקענט שפּילן לידען איצט, ווײַל מײַן באַק איז נאָך אַלץ פֿאַרבונדן שוין 5 טעג !

כ'וועל שוין נישט זײַן פֿאַרגרימירט, וועל בלויז טראָגן אַ גרויען שייטל. כ'וועל אפֿשר מיט דער קאָפּטיכל פֿאַרשטעלן דעם באַנדאַזש, נאָר צי וועט עס געלינגען ? ווי וועל איך שפּילן ? מען מאַכט מיר נישט קיין באַמערקונגען און איך ווייס ניט, וואָס עס וועט זײַן. אַ פֿאַקט בלויז, אַז מײַן ראָל איז איצט אויפֿן צווייטן פּלאַן.

זונטיק דעם 12טן אַפּריל, 11 אָוונט

הײַנט איז געווען בײַ אונדז אַן אָוונט געווידמעט נעקראַסאָווס שאַפֿונג. דער אָוונט איז זייער גוט אַדורך. איך בין געווען פֿאַר אים פֿאַראַנטוואָרטלעך, און כ'בין זייער צופֿרידן. דער דירעקטאָר האָט וועגן מיר זייער גוט גערעדט. מײַן באַק ווערט שוין אַ ביסל בעסער, אָבער זי איז נאָך אַלץ נישט נאָרמאַל. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער ענין ציט זיך שוין דרײַ וואָכן, דערלויבט מיר ניט די דאָקטערין זי שוין אָפּבינדן. כ'האָב נאָך דערווײַל אַפֿילו נישט קיין האָפֿענונג אויפֿן 1טן מײַ... קיין ברילן וועל איך מסתמא אויך נאָך נישט קריגן... מײַנע צוויי באַשיידענע, אָבער זייער וויכטיקע ווונטשן וועלן וואַרשײַנלעך צו מײַן אומגליק נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן !

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך צופֿעליק געפֿונען אין ביבליאָטעק יצחק לייבוש פּרצעס דערציילונגען אין רוסישער איבערזעצונג : „דער משולח“, „באָנטשע שוויַג“, „די לבנה דערציילט“ א.אַ.וו. כ'האָב זיך אַזוי דערפֿרייט ! כ'האָב עס פֿאַרגעלייענט פֿאַר די מיידלעך אין צימער, כ'האָב זיי דערקלערט, כ'בין געוואָקסן אין דער לענג און אין דער ברייט. ווען ניט מײַן באַוווסטזײַן, וואָלט איך פּשוט דאָס בוך צוגעכאַפּט ! דאָס איז דאָך מיר אַזוי באַקאַנט און נאָענט ! ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס בוך איז אויף רוסיש, האָט עס דאָך אַזאַ גרויסן ווערט, ווײַל ס'איז אַ גוטע איבערזעצונג. איך פֿיל עס אויף ייִדיש און האָב אַפֿילו געפּרוּווט עס לייענען גלײַך אויף ייִדיש. ס'איז מיר זייער געלונגען ! ווו קריגט מען איצט אַ ייִדיש בוך ? כ'בענק אַזוי נאָך אַזאַ גײַסטיקער שפּײַז ! ליידער !



דינסטיק דעם 14טן אַפּריל

קיין ברילן האָט מען מיר ניט געבראַכט ! כ'וועל שוין ווײַזט אויס אַזוי גיך עס נישט האָבן... אפֿשר ווען עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה, און אפֿשר נאָך שפּעטער... סאַראַ גרויל ! פֿון טאָוול זע איך אַבסאָליוט גאָרנישט ! דאָס שטערט מיר זייער אַ סך, ספּעציעל בײַ פֿיזיק און מאַטעמאַטיק... רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ אינטערעסירט זיך מיט מיר זייער. זי האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז ווען ס'וועט זיך ענדיקן די מלחמה וועט זי מיך נעמען צו זיך אַהיים און זי וועט מיר אײַנאָרדענען לערנען, כּדי כ'זאָל אַליין זיך קענען פֿאַרזאָרגן. זי האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג צו מײַנע קענטענישן פֿון דער ייִדישער שפּראַך ווען זי האָט געהערט עטלעכע טיילן פֿון מײַן טאָגבוך. זי האָט זיך אַנטציקט מיט מײַן קענטעניש פֿון שרײַבן ! כ'האָב איר דערבײַ דערציילט, אַז כ'האָב שוין אין דער היים פּרובירט שרײַבן און ניט אָן דערפֿאָלג. זי האָט מיר דערציילט, אַז פּראָפֿעסאָר נוסינאָוו איז איר פּערזענלעכער פֿרײַנד, און ווען כ'וואָלט געווען אין מאָסקווע, וואָלט זי מיר מיט אים באַקענט און אַרײַנגעפֿירט אין קרײַז פֿון די ייִדישע שרײַבער און קולטור-טוער. סאַראַ פּרעכטיקער טרוים !

Leise zieht durch mein Gemüt
Liebliches Geläute
Klinge, kleines Frühlingslied
Kling hinaus ins Weite !

Kling hinaus bis an das Haus
Wo die Blumen sprießen
Wenn du eine Rose schaust
Sag' ich laß sie grüßen !*
(Heine)

מאָנטיק דעם 20סטן אַפּריל

סאַראַ גרויליקע צײַט מיר לעבן איבער ! פֿאַרוואָרפֿן אין אַ ווײַטן דאָרף פֿון

אודמורטיע, מער ווי 2000 ק״מ פֿון פֿראָנט און פֿון די ביַי-פֿראָנטיקע געביטן, האָבנדיק אַ וואַרעם, ליכטיק ווינקל, אַ זאַטן לעבן, פֿאַרגעס איך אָפּט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע דאָס לאַנד געפֿינט זיך. בלויז וויַיטע אָפּקלאַנגען דערטראָגן זיך ציַיטנוויַיז צו מיַין אויער און מאַכן גליווערן דאָס בלוט. מענטשן, וועלכע זיַינען געקומען פֿון לענינגראַדער געגנט דערציילן, אַז ס׳האָט זיך פֿאַרשפּרייט מענטשן-פֿרעסעריַי ! מוטערס דערהרגענען און עסן זייערע אייגענע קינדער ! אַ גרויל !!!

„וו מיריע יעסט צאַר : עטאָט צאַר ביעספּאָשטשאַדיען, גאָלאָד נאַזוואַניע יעמו !*“
(ניעקראַסאָוו „זשעליעזנאַיאַ דאָראָגאַ“)

הונגער ! כּסדרדיקע קראַמפּן אין ליידיקן מאָגן, געשוואָלענע גופֿים, פֿאַרשוואַרצטע געזיכטער, הויפֿנס ביינער מיט דינער הייטל באַצויגן, אָנצייניקע מיַילער, מאַכטלאָזע הענט. מענטשן-שאָטנס, לעבעדיקע מתים מיט אויסגעלאָשענע אויגן. אָ, גרויזאַמער צאַר - הונגער ! אין דיַינע ביינערדיקע פֿינגער שטיקט זיך און כאָרכלט דאָס לאַנד. מיט דיַין איַיזקאַלטן אָטעם אָטעמט דאָס פֿאָלק. אין דער גרעסטער טייל שטעט בושעוועט טיפֿוס און אַנדערע מגפֿות, די שטענדיקע באַגלייטער, לייַבלעכע שוועסטער פֿון צאַר - הונגער...
דאָס לאַנד גרייט זיך צום פֿרילינג-פֿאַרזיי. מיט אַלע קרעפֿטן קעמפֿט און ראַנגלט זיך דאָס פֿאָלק מיטן גרויזאַמען הערשער. אין גיכן הייבט זיך אָן דער פֿרילינג-פֿאַרזיי, צו וועלכן אַלע ווערן מאָביליזירט. באַלד קומט דער פֿרילינג און צוזאַמען מיט אים - אַן איבערברוך אויפֿן פֿראָנט. ס׳איז צו דערוואַרטן אַ שטאַרקער אָנגריף פֿון שׂונא, אַן ענדגילטיקע שלאַכט, וואָס וועט דעצידירן וועגן סוף פֿון דער מלחמה און איר אויסגאַנג. אין לאַנד איז אַ שטאַרקע מאָביליזאַציע. מען מאָביליזירט אינוואַלידן, וועלכע זיַינען



פֿריִער באַפֿריַיט געוואָרן, מען מאָביליזירט אַלטע ליַיט, כּדי זיי אויסניצן אין הינטערלאַנד ביַי זייערע ספּעציאַליטעטן. ביידע צדדים גרייטן זיך. ס׳איז נאָענט די ציַיט, ווען דער ראַדיאָ וועט אויפֿהערן איבערחזרן : „אויפֿן מערבֿ-פֿראָנט קיין ניַיעס !“. ניַיעסן וועלן גיך אָנקומען, נאָר וואָס פֿאַראַ ? וואָס וועלן זיי ברענגען דעם לאַנד און דעם פֿאָלק ? צי וועלן זיי אומקערן דעם פֿרידן ? די בויונג פֿון לאַנד ? אַ שטילן גליק ?

דינסטיק דעם 28סטן אַפּריל
פֿון לענינגראַד איז געלונגען זיך עוואַקויִרן פּעוונערס שוועסטער. מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער אַרויסגעפֿאָרן אַנטקעגן איר און זי אַהערגעבראַכט. וואָס פֿאַר אַ גרויל ! זי קען בכלל זיך ניט רירן פֿון אָרט. צוליב איר לאַנגן הונגער האָבן זיך ביַי איר אָפּגענומען די הענט און די פֿיס. זי דערציילט ווי אַזוי מענטשן זיַינען געפֿאַלן אין די גאַסן צוליבן הונגער, מען האָט אַפֿילו אויפֿגעהערט דורכפֿירן פֿאַר זיי לוויות, מען האָט אַראָפּגערוימט די מתים פֿון די גאַסן און מען האָט זיי באַגראָבן צוזאַמען. אויב עמיץ וויל מער ברויט ווי די 400 גראַם פֿון דער נאָרמע, דאַרף ער באַצאָלן 400 רובל פֿאַר אַ ק״ג ברויט ! איין ק״ג פּוטער קאָסט 1500 רובל ! די שטאָט איז אין כּסדרדיקער אַרומרינגלונג, דער שׂונא איז 30 ק״מ פֿון שטאָט, אין „פּושקינסקאָיע סעלאָ“.
זי האָט אויך געבראַכט די שרעקלעכע ניַיעס, אַז פּעוונערס פֿאָטער און בערטאַ פּ. מאַן זיַינען געשטאָרבן. די אַלע ניַיעס האָבן אַרויסגערופֿן אַ שרעקלעכע שטימונג ביַי אַלעמען. די אַלע רעזולטאַטן פֿון דער מלחמה האָבן מיר דאָך נישט געקענט...

---

איצט איז שוין פֿרילינג : זוניקע, וואַרעמע טעג, ס׳איז שוין ליַיכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אָנגעשריבן אַ פֿרילינגס-

בילדל אויף רוסיש :

פֿרילינג !

פלוצלונג זײַנען אומבאַמערקטערהייט פֿאַרשוווּנדן די פֿרעסט, ס׳איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ רעגן און האָט באַנעצט די ערד. פֿרישע פֿײַכטע ווינטן שפּאַצירן איבערן לאַנד און וועקן אויף דעם וועטער פֿון זײַן לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף. דער וועטער צעשיט זיך פֿאַמעלעך און שטאַרק. יעדן טאָג רופֿט ער אַרויס אַ סך פֿרייד און לעבן, יעדן טאָג דערזעען מיר עפּעס נײַעס און פֿרישעס.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך צוערשט דערפֿילט דעם פֿרילינג, וואָס האָט זיך מיר אַרײַנגעגאָסן אין בלוט און כ׳בין אַרויס אויף אַ שפּאַציר. כ׳בין געגאַנגען אַרום די שכנותדיקע בערג, אויף דער נײַ-באַגאָסענער נאַסער ערד, האָב געאָטעמט מיט דער פֿרישער, ריינער לופֿט, האָב באַטראַכט די בלויע לופֿט, וועלכע האָט מיך באַדעקט און האָב געכאַפּט די גאָלד, וואָס די זון האָט געגאָסן. „ווי שיין איז דער פֿרילינג !“ האָב איך געטראַכט און מײַן האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפּט אין מײַן ברוסט. די פֿיס האָבן מיך ווײַטער געטראָגן, כ׳האָב געוואָלט גיין אַלץ ווײַטער אין אומבאַקאַנטער ריכטונג. כ׳בין דערגאַנגען צו אַ גרויסן איבערראַשונג פֿון דער שטאַרקייט פֿון וועטער. מײַן בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ פּרעכטיקן טאָל, אויף פֿרײַנדלעכע ווײַסע הײַזלעך מיט גערטנער וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, אויף אַ קליינער צאָל פּרעכטיקע ביימער. ווי דאָ איז רויִק און יום-טובֿדיק ! אין דער געענדערטער פֿײַכטער לופֿט הענגט אַ צאָלרײַכע באַרײַכערנדיקע טייל פֿון לעבן. אין מײַנע פֿיס זײַנען אַרײַנגערונען ריטשקעלעך. זיי האָבן געמאַכט דעם וועג צווישן באָדן און די שטיינער, האָבן פֿריילעך גערוישט און שפּילנדיק אויסגעוואַשן דעם באָבן אונטער מײַנע פֿיס ! פֿון אַלע זײַטן האָט זיך צונויפֿגעקליבן דאָס וואַסער, האָט זיך צעגאָסן אין ריטשקעס און מיט נישט קיין געוויינלעכער קראַפֿט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, מאַכנדיק אַ רויש, וואָס האָט אָנגעזאָגט זייער כּוח. איך בין אַליין געשטאַנען אין וואַסער



אין אַן אויסגענעצטן מאַנטל. דער ווינט האָט געשפּילט מיט אַלע נידעריקע, האָט אַראָפּגעריסן דאָס היטל פֿון מײַן קאָפּ, ווי מען וואָלט באַדאַרפֿט אַ באַגריסונג צו דעם אַנטשטאַנענעם וועטער : „דאָס לעבן איז גוט !“

כ׳האָב מיך דערמאָנט אין דער מלחמה. עטלעכע הונדערט ק״מ פֿון אונדז בליט אויך אויף דער פֿרילינג, עס וואַכט אויף די ערד, אָבער דאָרט איז דאָס וואַסער פֿון די פֿרילינגדיקע ריטשקעס באַגאָסן מיט וואַרעם מענטשלעך בלוט. דאָרט דערהרגענען די דײַטשע באַנדיטן די סאָוויעטישע בירגער, דערמאָרדעווען פֿרויען און קינדער. די שיך פֿון די באַרבאַרן טרעטן אויף אונדזער הייליקער ערד אין אָנגענעמען פֿרילינג. מײַן האַרץ האָט אויפֿגעציטערט בײַ דעם געדאַנק, האָט זיך אָנגעפֿילט מיט אַ הייסן האַס. כ׳האָב אָבסערווירט אַלע ריטשקעס פֿון אַלע זײַטן, וועלכע האָבן אָנגעפֿילט דעם וואַסער און האָב זיך באַטראַכט : „אַזוי קלײַבט צונויף אַלע זײַנע כּוחות אונדזער פֿאָלק, גרייט זיך צום אָנפֿאַל אויפֿן שׂונא, אַזוי פֿליסן די וואַסערן פֿון די עכטע זין פֿון דער משפּחה אויפֿן פֿראָנט.

דאָס וואַסער האָט מיך אַרומגערינגלט און איז אַראָפּגערונען. סאַמע אויבן איז געלעגן אַ שטיין. דאָס וואַסער האָט אים אַרומגעוואַשן און סף-כּל-סוף אים אַראָפּגעוואָרפֿן נידעריק, ווו ס׳איז ווײַטער געשוווּמען. „אַזאַ סוף זאָל אויך האָבן דער שׂונא !“ ער וועט דערהרגעט ווערן, פֿאַרניכטעט. דאָס סאָוויעטישע פֿאָלק וועט פֿאַרטיידיקן זײַן ערד, זײַן פֿרילינג, זײַן לעבן. מען וועט דערהרגענען דעם שׂונא און זיך אומקערן צום שלום.

ווײַזט אויס, אַז די ריטשקעס האָבן דערקענט מײַנע געדאַנקען און האָבן זיך אַלץ פֿריילעכער אַוועקגעטראָגן ווײַטער.

מאָנטיק דעם 4טן מאַי

פֿאַר וואָס שרײַב איך איצט זעלטענער מײַן טאָגבוך ? ווײַל מײַן שטימונג האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. מײַן מעלאַנכאָליע איז פֿאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די פֿרעסט. ס׳איז מיר אויך געוואָרן לײַכטער מײַן געמיט. אפֿשר

דערפֿאַר, ווײַל כ'האָב גענומען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער פּוסטקייט און פֿוילנדיקער שטימונג, וועלכע האָט מיך פֿריִער באַהערשט. איצט בין איך מער פֿאַרנומען מיטן לעבן, ווי דאָס באַשרײַבן אים אין טאָגבוך. דאָך ווילט זיך מיר פֿאַראייביקן אויפֿן פּאַפּיר ניט בלויז מײַן וויטאָג, נאָר אויך מײַן לעבנסלוסט.

דעם 28סטן אַפּריל איז געווען שלמה פֿורמאַנס געבורטסטאָג. דעם 28סטן אַפּריל 1939 האָט ער מיר געשענקט זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע און אַ קופּערנע הערצעלע מיט זײַן מאָנאָגראַם. עס איז אָבער געבליבן אין דער היים אין שופֿלאָד... דערפֿאַר האָב איך עס ניט בײַ מיר איצט. שלמהן איז איצט געוואָרן 18 יאָר. וואָס געשעט אים איצט אין דער היים ? צי לעבט ער ? צי פֿילט ער זיך גוט ?

מיט עטלעכע טעג צוריק איז געווען דער 1טער מאַי. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך אַנטפּלעקט זאַוול רובינאָוויטשן מײַנע געפֿילן. מיר פֿלעגן זיך טאָגטעגלעך טרעפֿן, צוזאַמען שפּאַצירן, שמועסן, אָבער דערנאָך, בעתן פֿאָרן קיין דרוסקעניק, זיך פֿלוצלינג צעשייד. ס'האָט זיך אַזוי טרויעריק-ערנסט געענדיקט...

צי לעבט איצט זאַוול ? ווער ווייסט ? דער גורל פֿון אַלע מײַנע חבֿרים און חבֿרטעס איז איצט טרויעריק. טײַערע פֿרײַנד, כ'וואָלט אײַך וועלן העלפֿן, נאָר ווי אַזוי קען איך עס טאָן ? לײדער בין איך הילפֿלאָז !

דאָנערשטיק דעם 7טן מאַי

לעצטנס וויל איך עפּעס דערגרייכן, אויסוואַקסן גײַסטיק, זיך אַ סך דערוויסן. כ'טרוים וועגן זײַן אין אַ גרויסער שטאָט, אין אַ קולטורעלער סבֿיבֿה, וווּ כ'וועל שטודירן. כ'קלער אויסקלײַבן דעם פֿאַקולטעט פֿון ליטעראַטור און לערנען אויסלענדישע שפּראַכן. צײַטנווײַז קלער איך, אַז כ'וועל אפֿשר קענען שרײַבן. ווער ווייס ? כ'וויל אַרויסגיין פֿון שיכט פֿון גרויע בירגערלעכע מענטשן מיט דורכשניטלעכע פֿעיִקייטן, כ'וויל זיך אַרויפֿציִען



אין דער הייך, צו דער זון ! אין וואָס באַשטייט די שיינקייט און אינטערעס פֿון לעבן ? צי בלויז אין גענוס פֿון אַלע לײַדנשאַפֿטן, צי אין דורכמאַכן פֿאַרשיידענע איבערלעבונגען ? לויט מיר - ניין ! דער אינטערעס פֿון לעבן באַשטייט אין דער שעפֿערישקייט ! יעדער מענטש, וואָס לעבט, ניט נאָר כּדי צו עסן, שלאָפֿן, זיך אָנטאָן שיין, דאַרף אַרײַנטראָגן אין דער געזעלשאַפֿט עפּעס נײַס, שעפֿעריש, כּדי צו באַרײַכערן די אוצרות פֿון דער מענטשהייט, כּדי איבערלאָזן נאָך זיך אַ שפּור, אַפֿילו דאַן, ווען זײַן אַש וועט פֿאַרשווינדן אין דער אייביקייט. כּדי צו שאַפֿן מוז מען דויערהאַפֿט זיך לערנען, לערנען בײַ די פֿאַרגאַנגענע גאונים, זיך דורכדרינגען מיטן געדאַנק און שעפֿערישן גײַסט פֿאַר די אייניקלעך. לעצטנס האָט זיך מיר דער געדאַנק אַנטפּלעקט. ווען כ'זע ווער עס רינגלט מיך אַרום, דוכט זיך מיר, אַז דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָבן נישט אַזאַ ציל...

זונטיק דעם 17טן מאַי

פּלוצלונג איז געקומען.דער זומער, ווי פּלוצלונג האָט זיך געשטעלט דער פֿרילינג. נאָך מיט אַ וואָך צוריק האָבן אַלע געטראָגן ווינטערדיקע מאַנטלען, שיך מיט זאָקן... הײַנט איז שוין געווען אַזאַ הייסער טאָג, ווי בײַ אונדז אין חודש יולי. אַלע חבֿרה האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די וואַרעמע זאַכן, אַרויפֿגעצויגן לײַכטע קליידעלעך און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן ! אונדזער הויף איז זייער אַ גרויסער, באַוואָקסן מיט ביימער, וואָס בילדן עטלעכע אַלייען ! אויפֿן גרינעם גראָז געפֿינט מען קינדערשע פֿיגורלעך אין גרינע, רויטע, ווײַסע און בלויע קליידעלעך. מען הערט דאָ זייערע קולות, געלעכטערס, געזאַנג. די זון איז זייער הייס, אַזוי אַז מען האָט זיך שוין הײַנט אָפּגעברענט. איך האָב זיך געזעצט אויף דער זון, כּדי ס'זאָל זיך אָפּברענען דער גרויסער פֿלעק אויף מײַן רעכטער באַק, וועלכער איז געבליבן נאָך מײַנע ווונדן. כ'האָב ערשט נעכטן אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש, וועלכן כ'האָב געטראָגן 10 וואָכן. אין דרײַ טעג אַרום הייבן זיך אָן די עקזאַמענס, אָבער כ'האָב

נאָך נישט אָנגעהויבן מײַן צוגרייטונג, ווײַל כ׳וואַרעם זיך אויף דער זון און כ׳שפּאַציר. כ׳בין באַרוישט פֿון דער נאַטור, דאָ זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ווינקעלעך, וואָס פֿאַרכּישופֿן און פֿאַרשיכּורן. נעכטן אין אָוונט זײַנען מיר געקראָכן באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ, זײַנען אַריבערגעשפּרונגען איבער אַ שמאָלן טײַכל, געשפּרונגען איבער ריטשקעלעך. פֿאַר אונדז האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גאַנצע ריי היגלען בלויז יונג-גרינע, אַ ביסל ווײַטער - די קאַמע, וואָס האָט זיך ברייט צעגאָסן, אַפֿילו פֿאַרגאָסן די דערבײַיִקע דערפֿער. אויף דער קאַמע - קליינע לאָדקעס און זעגל-שיפֿלעך. צווישן בערג - אַ קליינער טאָל, ווו עס שטייען עטלעכע הײַזער אַרומגערינגלט מיט פֿריש-צעאַקערטע גערטנער, אַן אָזערע אַרומגערינגלט מיט געציילטע יונגע ביימלעך. אַרום איז אַן אַבסאָליוטע שטילקייט, קיין ווינטעלע, קיין גרעזעלע ציטערט נישט. שטייענדיק אויפֿן שפּיץ דאַכט זיך, אַז דער הימל איז דורכזיכטיק בלוילעך און אַז די זון פֿאַרקייקלט זיך אויפֿן מערבֿ. אַ סך געפֿילן פֿילן אָן דאָס האַרץ! ס׳איז פֿריילעך און לײַכט אויפֿן געמיט. דערנאָך שטײַגן מיר אַראָפּ פֿון שפּיץ און פֿאַרקלײַבן זיך אויפֿן ברעג טײַך. איצט קומט דער אָוונט אויפֿן וואַסער, צוערשט אַרויף אויפֿן צווייטן ברעג, וועלכער ווערט טונקעלער, העל-גראַנאַט. דערנאָך קומט ער ביסלעכווײַז נענטער און ער פֿאַרשלינגט סײַ דעם הימל, סײַ דעם וואַסער. עס קומט שוין אַפֿילו אָן אַ שיפֿל, וואָס לאָקערט און רופֿט אַהין...

---

די אַרבעט פֿון קינדערהיים בויט זיך פּאַמעלעך איבער. מיר גייען אַריבער צו דער דאָרפֿווירטשאַפֿט. אָט האָב איך שוין צוויי אָוונטן געאַרבעט אויף אונדזער גאָרטן: געאַקערט און געזייט מערן, ציבעלעס און בוראַקעס. כ׳האָב אַפֿילו געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן פֿון דער אַרבעט. איצט הייב איך אָן צו פֿאַרשטיין טאָלסטויען און זײַן טעאָריע וועגן זיך שטעלן נענטער צו דער נאַטור און ערד: כ׳פֿיל, אַז כ׳וועל אין גיכן ליב קריגן די ערד, וואָס אַ דאַנק מײַן אַרבעט און שוויס, ברענגט זי מיר פֿרוכטן און שפּײַזט מיר.



בכלל האָב איך אַן אײַנדרוק, אַז כ׳לעב אין פֿרידנצײַט אויף אַ דאַטשע. דאָ איז אַלץ אַזוי שיין, פֿײַערלעך, אַז עס ווירקט גוט אויף מײַנע נערוון. מײַנע ווינטער-שטימונגען זײַנען פֿאַרשוווּנדן, כ׳בין פֿול מיט לעבן - און אַרבעט-לוסט!

ווידער איז דער מײַ געקומען
מיט זײַן צויבער, מיט זײַן פּראַכט
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפֿגעוואַכט!

פֿרײַטיק דעם 22סטן מאַי

הײַנט איז דער צווייטער טאָג פֿון די עקזאַמענס. נעכטן איז געווען דער שריפֿטלעכער עקזאַמען פֿון רוסיש, אַ שריפֿטלעכע אַרבעט. כ׳האָב געמאַכט אַ קריטיק וועגן באַזאַראָוון, דעם העלד פֿון טורגעניעווס ווערק: „פֿאָטערס און קינדער“. כ׳האָב אים פֿאַרגליכן מיט לאָפּוכאָוון, קירסאַנאָוון פֿון טשערנישעווסקיס „וואָס טאָן“. כ׳האָב זיך שוין דערוווּסט אַז כ׳האָב עס גוט געמאַכט און האָב באַקומען אַן „אויסגעצייכנט“! הײַנט 9 אַ זייגער וועט זײַן דער שריפֿטלעכער עקזאַמען פֿון אַלגעברע. דערנאָך דער מינדלעכער עקזאַמען פֿון געאָמעטריע. דעם 26סטן מאַי ענדיקט זיך מײַן שוליאָר, דערנאָך וועלן מיר ווידער זײַן אויפֿן פֿעלד און גאָרטן.
מײַנע פּלענער וועגן אָנקומען אין אַ הויכשול האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפֿנבלאָזן. איצט איז בײַ אונדז געווען דער נאַרקאָם פֿאַר בילדונג און מיר האָבן מיט אים געשמועסט. פֿון 9טן קלאַס קען איך בלויז אָנקומען אין אַן אינסטיטוט, וואָס גרייט לערער פֿאַרן 5-7 קלאַס. דאָס אינטערעסירט מיך נישט. כ׳דאַרף דעם זומער צוגרייטן דעם מאַטעריאַל פֿאַרן 10טן קלאַס און דאָ אין שול אויסהאַלטן אויף „אויסגעצייכנט“. כ׳האָב באַשלאָסן דאָ ענדיקן דעם 10טן קלאַס. און דערנאָך? ווער ווייסט? אפֿשר וועט זיך ענדיקן די

מלחמה און כ׳וועל האָבן בעסערע פּערספּעקטיוון ?

שבת דעם 23סטן מאַי
דאָס לעבן איז פֿיל שטאַרקער פֿונעם מענטשן, דעם קליינעם זאַמדעלע אויפֿן ברעג אָקעאַן... דאָס לעבן לערנט אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל די פֿאַרגאַנגענהייט, כּדי זיך גרייטן צו דער איצטיקייט און קעמפֿן פֿאַר דער צוקונפֿט. וויפֿל מען באַמיט זיך אײַנצוהאַלטן אין זכּרון בילדער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, מוז מען אָבער זיך שאַפֿן נײַע אײַנדרוקן, וועלכע פֿאַרשטויסן די פֿריִערדיקע...
דעם 20סטן מאַי, מיט דרײַ טעג צוריק איז געווען מײַן ברודער משהלס 16-יאָריקער געבורטסטאָג ! און איך, ווי אַכזריותדיק עס איז, כ׳האָב זיך וועגן דעם דערמאָנט בלויז שפּעט אין אָוונט. אַ חרפּה ! משהל, לעב לאַנגע יאָרן ! איך האָב דיך ליב ! לעב פֿאַר דײַן און אונדזער צוקונפֿט !
מײַן גוטע משפּחה ! די מאַמאַ און דער פּאַפּאַ האָבן שטענדיק געהאָפֿט אויף אַ גוטער צוקונפֿט פֿאַר די קינדער ! ליידער בין איך זייער ווײַט פֿון אײַך... כ׳בין פֿאַרנומען בלויז מיט זיך, און קען ליידער אײַך ניט העלפֿן... צי דאַרף איך, פּונקט ווי פֿריִער, אַ גאַנצן ווינטער לײַדן פֿון מײַן בענקשאַפֿט, ווידער אַרײַנפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע און מער גאָרנישט טאָן פֿאַר זיך אַליין ?
איך דאַרף מקריבֿ זײַן מײַן יוגנט און מײַן צוקונפֿט ? ניין ! כ׳מוז עקשנותדיק בויען מײַן לעבן, כּדי זיך ווידער קענען טרעפֿן מיט אײַך, אײַך העלפֿן און דערפֿרייען.
דאָס לעבן איז אַכזריותדיק, און מיר קומט אויס מיט אים שלום מאַכן, ווײַל כ׳בין יונג און כ׳וויל לעבן. כּדי צו קענען לערנען מוז איך זײַן עגאָיִסטיש, ווײַל אין קאַמף פֿאַר מײַן עקזיסטענץ דאַרף איך זײַן שטאַרק.

מאָנטיק דעם 25סטן מאַי
איצט בין איך געקומען פֿון לעצטן עקזאַמען - געאָמעטריע. כ׳האָב שוין



ענדגילטיק געענדיקט דעם 9טן קלאַס. איצט שטייט מיר פֿאַר אַ דרײַ חדשימדיקער איבעררײַס אין לערנען און אַרבעט אויפֿן פֿעלד. כ׳וועל אַרבעטן ווי אַ געהילף פֿון דערציִער, ווי אַ פֿרײַוויליקע פֿליכט. כ׳וויל אָבער אויך באַווײַזן אַ סך אין דער צײַט. כ׳דאַרף אַ סך לייענען, איבערלייענען די רוסישע ליטעראַטור פֿון 5טן און 7טן קלאַס, דאָס, וואָס כ׳האָב דאָך פֿריִער נישט געלייענט. כ׳דאַרף נאָך אויך איבערחזרן די רוסישע גראַמאַטיק, כאָטש כ׳האָב די עקזאַמען-אַרבעט אָנגעשריבן אָן אַ פֿעלער - באַקומען אַן „אויסגעצייכנט“. אָבער צײַטנווײַז גלוסט זיך מיר נאָך עפּעס אָנשרײַבן. אויב כ׳וועל האָבן צײַט און שטימונג וועל איך אָנהייבן שרײַבן אַ דערציילונג.

דאָנערשטיק דעם 28סטן מאַי, 1 בײַ טאָג
איך פֿאַרטרעט איצט פֿאַני פֿאַוולאָוונאַן דעם ערשטן האַלבן טאָג. קיין סך מי פֿאָדערט עס נישט. פֿון 2 בײַ טאָג בין איך שוין פֿרײַ און כ׳קען טאָן, וואָס מיר געפֿעלט. די טעג שפּאַציר איך, כ׳לייען, איך רו. נעכטן האָב איך ביז 2 אַ זייגער בײַ נאַכט דיזשורירט בײַם פֿײַער, וואָס מיר האָבן בײַ טאָג אָנגעצונדן פֿון די אַלטע, פֿאַראַיאָריקע בלעטער. מיט מיר איז געזעסן וואָלאָדיאַ לעאָנאָוו. ער האָט מיר געבראַכט צוקער, דערנאָך האָט ער געבראַכט קאַרטאָפֿל, וואָס מיר האָבן געבאַקט און געגעסן. וואָלאָדיאַ האָט דערציילט פֿאַרשיידענע געשיכטעס, געמאַכט וויצן... ס׳איז געווען פֿריילעך.

-------------------------------------------------------------------

-------

שוין אַ לענגערע צײַט ווי כ׳האָב זיך נענטער באַפֿרײַנדעט מיט העלענאַ פּאָנטעלעמאָנאָוונאַן, אונדזער רעזשיסאָרין. אָנגעהויבן האָט זיך עס פֿון אַ לײַכטן דיספּוט. איך האָב געזאָגט, אַז „כ׳ברען פּאַריזש“ האָט געשריבן ברונאָ יאַסענסקי, און זי האָט געזאָגט אַז באַרבוס. זי האָט מיר פֿאַרגעלייגט זיך וועטן „מיט אַן אַמעריקאַנערין“, אַזוי האָב איך געוווּנען ! כ׳האָב איר

געשטעלט דרײַ פֿראַגן : 1. וואָס קלערט זי וועגן מיר ? 2. וואָס פֿאַר אַ ראָלן האָט זי געשפּילט פֿאַר דער צײַט ווען זי האָט געשפּילט און געלערנט אין סטאַניסלאַווסקיס שולע ? 3. וואָס קלערט זי און פֿאַרשטייט וועגן ליבע און פֿרײַנדשאַפֿט ?

כ'האָב אויסגעדריקט דרײַ ווונטשן : 1. קריגן איר פֿאָטאָגראַפֿיע 2. קריגן איינע פֿון אירע קינסטלערישע בילדער אָדער צייכענונגען 3. זי זאָל מיר דערציילן וועגן איר לעבן.

נאָך דעם שמועס זײַנען אַריבער עטלעכע וואָכן. איך טרעף זיך מיט איר זייער אָפֿט, איך קום צו איר אין שטוב. זי האָט מיר נאָך אויף אַלע מײַנע פֿראַגן און ווונטשן ניט געענטפֿערט, אָבער כ'האָב געהאַט זייער אינטערעסאַנטע שמועסן מיט איר. זי האָט מיר שוין געוויזן אייניקע פֿון אירע ערשטע אַרבעטן, ווען זי האָט זיך געלערנט אין דער שולע פֿאַר קינסטלער. איך האָב אין איר פּערזאָן געטראָפֿן אַן אינטעליגענטע, טאַלאַנטפֿולע פֿרוי ! איך קען בײַ איר אַ סך זיך אויסלערנען. זי איז אַלזײַטיק באַגאַבט, האָט גרויסע אַרטיסטישע פֿעיִקייטן, אַ קינסטלערין אין געביט פֿון צייכענען און מאָלן ! צוליב די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט זי ליידער נישט געקענט אַנטוויקלען דעם טאַלאַנט. איצט זיצט זי דאָ אין קאַראַקולינאָ און איז אַ לערערין. וועגן זיך רעדט זי ווי וועגן אַן אָפּגעלעבטער, פֿאַרוועלקטער, כאָטש זי איז אַלט בלויז 30 יאָר ! זי האָט מיר געזאָגט, אָנווײַזנדיק אויף איר פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער יוגנט : „די מיידעלע האָט אַ סך צוגעזאָגט, און האָט גאָר נישט געגעבן !“

כ'האָב זי זייער ליב, אין איר פּערזאָן געפֿונען אַ נאָענטן פֿרײַנד, אַ טיפֿן מענטשן, וואָס פֿאַרשטייט מיך און וויל מיר העלפֿן זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין די קאָמפּליצירטע לעבנס-באַדינגונגען.

זונטיק דעם 31סטן מאַי

די נאַכט בין איך בגנבֿה פֿון דער דירעקציע געשלאָפֿן אויפֿן הויף אין



גאָרטן. איך און געניע האָבן געקריגן שפּאַנבעטן, האָבן אַרויסגעשלעפּט קישעלעך און קאָלדרעס און זײַנען גאַנץ רויִק געשלאָפֿן. רויִק, אויב נישט רעכענען דאָס, וואָס די קאָמאַרעס האָבן אונדז געביסן. 3 פֿאַר טאָג זײַנען מיר שנעל אַרײַן אין צימער, כּדי קיינער זאָל אונדז אין דרויסן נישט זען. 4 פֿאַר טאָג זײַנען מיר מיט די מיידלעך פֿון 7טן קלאַס אַוועק אויפֿן פֿעלד פֿאַרזעצן די קאַרטאָפֿל. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט ביז 8.30 אַ זייגער. בכלל אַרבעטן מיר איצט אַ סך אויפֿן פֿעלד. אַלע פֿרימאָרגן 4-5 שעה, נאָך מיטאָג - 3-4 שעה. אין צווישן איז מיטאָג און פֿאַרזאַמלונגען. ס'בלײַבט מיר ווייניק צײַט צום לייענען. אַ גאַנצן טאָג בין איך פֿאַרנומען מיט ווירטשאַפֿטלעכער און אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט.

דאָנערשטיק דעם 4טן יוני

די טעג גייען שנעל און פֿול מיט אײַנדרוקן. מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער דירעקציע אין אָוונט געגאַנגען און ביז צוויי בײַ נאַכט זיך געשפּילט אויף דער קאָמע - דעם טײַך. כ'האָב געהאַט אַ גרויסן פֿאַרגעניגן. נעכטן האָבן מיר אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג געשלעפּט זעקלעך מיט האָבער אויפֿן פּריסטאַן. נאָך מיטאָג איז אין שולע געווען אַן אָוונט געווידמעט דעם סוף פֿון שוליאָר און מען האָט פֿאַרטיילט לויבבריוו. איך האָב אויך געקריגן אַ לויבבריוו. שפּעטער האָט מיר וויטאַלי געלערנט פֿאָרן ראָווער. ר'איז געווען אַ גוטער לערער און איך האָב זייער גוט באַוויזן פֿאָרן אויפֿן ראָווער !

דאָנערשטיק דעם 11טן יוני

אויף מײַן רעכטער באַק איז פֿאַראַן אַ ריזיקער טונקעלער פֿלעק - אַן אייביקער עדות פֿון מײַן ווינטערדיקן אומגליק. מײַן גליק איז דאָס, וואָס אין גאַנצן קינדערהויז איז ניט פֿאַראַן קיין שפּיגל און כ'וויס ניט ווי כ'זע אויס... דערפֿאַר פֿאַרגעס איך פֿון מײַן העסלעכקייט. נעכטן האָב איך

צופֿעליק געקריגן אַ שפּיגעלע און האָב זיך דערזען. פֿאַר וואָס מוז איך האָבן אַזאַ העסלעכקייט ? איך שרײַב נישט צו קיין באַדײַטונג דעם אויסערלעכן אויסזען פֿון אַ מענטשן, במילא פֿון זיך... אָבער פֿאַר וואָס קען איך ניט זײַן דערטרעגלעך ? פֿאַראַן אַזעלכע (צו וועלכע איך געהער), וואָס מאַכן אַן אײַנדרוק פֿון קאַלטע, שטרענגע. ניט שוין זשע בין איך אין דער ווירקלעכקייט אַזאַ ?

דער פֿלעק ווערט ניט בעסער און ניט העלער. כ'וויל פֿאָרן אין סאַראַפּול צום דאָקטער, אפֿשר וועט ער מיר מיט עפּעס העלפֿן ?

מיטוואָך דעם 17טן יוני

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דעם קינדערהויז האָט באַזוכט אַ קאָמיסיע פֿון „נאַרקאָמפּראָס“ איז די אַרבעט פֿון קינדערהויז צוריק אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף אַ גאַנצן זומער. ס'איז מיר געלונגען צעטיילן די אַרבעט פֿון די קאָמיסיעס און אָרגאַניזירן די גרופּעס פֿון אונדזערע חבֿרה, אָפּהענגיק פֿון זייער געזונט-צושטאַנד צום אויספֿירן די אַרבעט.

מיר האָבן אַלע אַליין געראַמט אונדזער לאָקאַל : די צימערן, די קיך, דעם קאָרידאָר, האָבן געוואַשן די כּלים, סערווירט דאָס עסן.

מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט בריגאַדעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן וואַשן די חבֿרה און זייערע וועש, פּרעסן די וועש און די זאַכן. בריגאַדעס זאַמלען צונויף די גרינסן פֿון אונדזער גאָרטן, ברענגען וואַסער און אַפֿילו ברויט.

אַלע עלטערע חבֿרה האָבן דערבײַ געאַרבעט. די ייִנגערע האָבן אויך אָנטיילגענומען אין בריגאַדעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זייערע דערציִערס. אַלע אָוונט 6 אַ זייגער - באַלד פֿאַרן אָוונטברויט - ראַפּאָרטירן אַלע דיזשורנע און בריגאַדיסטן דעם דיזשור-מיטגליד פֿון קינדעררואַט וועגן דער אַרבעט, וואָס מען האָט געמאַכט, און אויך מיר, ווײַל כ'בין דאָך דער פֿאָרזיצער פֿון קינדעררואַט. מען לייענט



שוין די אויפֿגאַבן אויפֿן קומענדיקן טאָג... אַזאַ אָרגאַניזאַציע גיט אַ מעגלעכקייט פּינקטלעך צו אַרבעטן און קאָנטראָלירן ווי ס'ווערט אויסגעפֿילט די אַרבעט.

געניע און טאַניע זײַנען שוין נישטאָ אין דער היים. געניע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין סאַראַטאָוו, טאַניע - קיין איזשעווסק. אָפֿיציעל - כּדי אַוועקצופֿירן אַ טייל קינדער צו זייערע עלטערן, אָדער צו אַ דאָקטער. פֿאַקטיש - כּדי זיך דערוויסן וועגן זייערע באַדינגונגען צו שטודירן, ווײַל זיי האָבן דאָך שוין געענדיקט דעם 10טן קלאַס !

די לאַגע אויפֿן פֿראָנט איז ניט גוט, ניט קוקנדיק אויפֿן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און אַמעריקע צו שאַפֿן אַ צווייטן פֿראָנט. די מאַטעריעלע לאַגע אין הינטערלאַנד איז אויך ניט בעסער. ווי וועט זײַן ווײַטער ? ווער ווייסט...

מאָנטיק דעם 22סטן יוני

הײַנט ווערט אַ יאָר ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. מיט אַ יאָר צוריק האָט מיר פֿון פֿענצטער פֿון צוג, וואָס האָט געאײַלט פֿון דרוסקעניק קיין ביאַליסטאָק (און איז ניט דערגאַנגען !) געגרוילט פֿון רויטן הימל פֿון ברענענדיקן גראָדנע, פֿון קראַך פֿון צינדבאָמבעס און פֿון דער רויש פֿון דײַטשישע באָמבאַרדירער. דאַן האָב איך נאָך אין גאַנצן נישט אָפּגעשאַצט און פֿאַרשטאַנען וואָס עס וועט אונדז ברענגען די מלחמה... כ'האָב געגלויבט, אַז מיר וועלן דערפֿאָרן אַהיים ! איצט בין איך ווײַטער פֿון דער פֿראָנט-ליניע און כ'זע נישט דעם גרויל פֿון דער מלחמה. אָבער מען האָט אונדז שוין אינפֿאָרמירט, אַז זיבן הונדערט טויזנט פּערזאָן זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן ידיעות, פֿיל מיליאָנען דערהרגעטע און פֿאַרוווּנדעטע ! מענטשן אויף קוליעס, אָן הענט, אָן קינבאַקן, מיט אָפּגעפֿראָרענע פֿיס, פֿאַרקריפּלטע פּנימער און פֿיגורן... פֿרויען אָן מענער, מוטערס אָן זין... יעדן טאָג באַווייִנען קינדער אומגעקומענע פֿאָטערס, ברידער. אין אונדזער קלאַס האָבן צוויי מיידלעך פֿאַרלאָרן זייערע פֿאָטערס. און וויטאַלי - זײַן נײַנצניעריקן ברודער.

אַ סך אומגליקלעכע יתומים זײַנען דאָ אין פֿאַרבאַנד און בכלל אויף דער וועלט. וועגן דעם שרײַבט ניט קיין צײַטונג, וועגן דעם זינגט מען ניט קיין לידער, ווײַל מען מוז שטאַרקן דעם גײַסט צום קאַמף און אַנטוויקלען די אידייע פֿאַר דער פֿרײַהייט. די לאַגע איז אָבער טרויעריק : אויפֿן מערבֿ-פֿראָנט נישטאָ קיין נײַעס. אַלע האָפֿענונגען אויפֿן פֿרילינג און זומער זײַנען אויסגערונען... סטאַלין האָט אין זײַן רעדע געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם קריג ענדיקן אין 1942סטן יאָר. ווי אַזוי וועט עס געשען ?

אין לאַנד הערשט איצט אַ שרעקלעכער הונגער און אין גיכן וועט נאָך זײַן אַפֿילו אַ גרעסערער. דאָס לאַנד מאָביליזירט די לעצטע כּוחות, די לעצטע אַרבעט-רעזערוון און אויב די מלחמה וועט זיך נאָך פֿאַרציִען, וועלן מיר נאָך מער פֿאַרשפּילן אין דער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי אין דער פּאָליטישער. אַפֿילו אין די דערפֿער איז שווער מיט די פּראָדוקטן : אַ פּוד קאַרטאָפֿל קאָסט אין קאַראַקולינאָ 180 רובל ! מעל גייט אויפֿן וואָג - פֿון גאָלד ! ס'איז נישטאָ אַפֿילו קיין קאַשעס, גרינסן, זייף, נאַפֿט, שוועבעלעך, זאַלץ, שוין אָפּגערעדט פֿון מאַנופֿאַקטור טריקאָטאַזשן - כאָטש אין סאַמע מינימום ! אַ נאָדל קאָסט דאָ 15 רובל !

אין סאַראַפּול, איזשעווסק, קאַזאַן, סאַראַטאָוו - איז אַ סך ערגער ! אַרבעט אין די פֿאַבריקן און אונטערנעמונגען איז אַ סך שוואַכער ווי פֿריִער, ווײַל ס'איז דאָך אַ מלחמה-צײַט ! וואָס וועט זײַן ווײַטער ?

דעם 27סטן יוני

עס גייען איצט פֿולע אַרבעטסזאַמע טעג : דיזשור אין קיך, אין עסצימער, אין קאָרפּוס, אַרבעט אין גאָרטן, אַרבעט מיט די בריגאַדעס. פֿון צײַט צו צײַט נעמט מיך אַרום אַ ציטער : כ'האָב דאָך געמאַכט גרויסע, שיינע פּלענער אויפֿן זומער : כ'האָב באַשלאָסן אַ סך צו לייענען, אָבער צו מײַן באַדויערן באַווײַז איך שוין נישט... כ'האָב געוואָלט מאַכן דעם פּראָגראַם פֿון ליטעראַטור פֿון אַכטן און צענטן רוסישן קלאַס, חוץ דעם זיך באַקענען אויך מיט דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור ! כ'וואָלט געדאַרפֿט יעדן טאָג כאָטש 2 שעה לייענען - אומבאַדינגט ! לײדער באַווײַז איך עס שוין נישט...

שבת דעם 4טן יולי

אין משך פֿון עטלעכע טעג האָט זיך געביטן מײַן שטימונג, מײַן פּסיכאָלאָגיע און צוקונפֿט ! כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פֿון דער גרויער טאָגטעגלעכקייט, פֿון די ענגע שוועריקייטן פֿון קינדערהיים-אַרבעט און זיך אײַנגעשלאָסן אין מײַן פֿריִערדיקן פּראָגראַם.

מיט 3 טעג צוריק האָט זיך געניע אומגעקערט פֿון סאַראַטאָוו. צוזאַמען מיט איר האָט זיך אומגעקערט אַ דערהויבענע שטימונג, דער וועטער פֿון שטאָט. זי האָט מיר דערציילט וועגן אירע רײַזע-פּאַסירונגען, וועגן סאַראַטאָוו, דעם דאָרטיקן קולטור-לעבן, וועגן דער הויכשול, ווו זי האָט אָנגעגעבן אירע דאָקומענטן. געניע האָט זיך רעגיסטרירט אויפֿן פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט פֿון עוואַקויִרטן מאָסקווער אוניווערסיטעט און האָט געשלאָסן אַ באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ סך סטודענטן. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מיטן דירעקטאָר האָט זי אויך גערעדט וועגן מיר, און ער האָט איר געעצהט מיר צוגרייטן פֿאַר דער צײַט פֿון די פֿעריען דעם פּראָגראַם פֿון 10טן קלאַס, כּדי כ'זאָל מאַכן די עקזאַמענס אין דער היגער שול, כּדי צו קריגן אַן אַטעסטאַט, אַז כ'האָב געענדיקט דעם 10טן קלאַס ! ווען געניע האָט עס מיר דערציילט, האָב איך עס געוואָלט מאַכן, כ'בין מסכּים געווען - יאָ ! כ'בין משוגע געוואָרן פֿאַר דער פֿרייד : כ'בין בײַ נאַכט אַרײַנגעקראָכן אין איר בעט, זי געקושט ! איצט וווּנדער איך זיך אַליין, פֿון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ שיגעון ? מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'בין שוין אין סאַראַטאָוו, אין שטאָט, און אין דער קולטורעלער סבֿיבֿה ! מײַן שטענדיקער טרוים אַרויסצוגיין פֿון פֿאַרוואָרפֿענעם עק קאַראַקולינאָ איז געוואָרן נאָענט ! די חבֿרה אין צימער האָבן מיר אָנגעקוקט און געשטוינט. איך האָב ניט

געקלערט וועגן דער רעאַלקייט פֿון מײַן פּלאַן, וועגן דער שווערער לאַסט, וואָס כ'האָב גענומען אויף מײַנע פּלייצעס.
גלײַך אין אָוונט האָב איך גערעדט מיטן דירעקטאָר פֿון קינדערהיים ער זאָל מיר באַפֿרײַען פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער האָט מײַן ביטע דערפֿילט. צומאָרגנס בין איך געווען אין שולע און גערעדט מיטן דירעקטאָר מיכאַיל איוואַנאָוויטש. ער איז אויך מסכּים געווען. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן : פֿיזיק, אַלגעברע, סטעטאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, כעמיע און דײַטש. אין חודש אויגוסט : ליטעראַטור און געשיכטע !

איך גלייב, אַז כ'וועל באַווײַזן, כאָטש ס'איז אַ שווערע לאַסט. זומער זיצן כּסדר און לערנען, ניט האָבן קיין צײַט צו שפּאַצירן, אַפֿילו ניט קענען זיך אָפּרוען. כ'ווייס, אַז דאָס לערנען אין אוניווערסיטעט איז אויך פֿאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן : מען דאַרף זיך דאָך אַליין פֿאַרזאָרגן מאַטעריעל, דערצו אויספֿילן די בלויזן, וועלכע זײַנען פֿיל בײַ מיר ! אויך איצט גלייב איך, אַז כ'וועל מײַן ציל דערגרייכן !
געניע אַרבעט איצט אויך אין אַ קינדער-גאָרטן פֿון קאָלכאָז כּדי פֿאַרדינען ברויט אויף ווינטער.

---

הײַנט האָב איך געהערט דורכן ראַדיאָ, אַז מיר האָבן שוין אָפּגעגעבן סעוואַסטאָפּאָל. דער פֿאָרט האָט זיך העלדיש פֿאַרטיידיקט מער ווי אַ האַלב יאָר און איז איצט סוף-כּל-סוף געפֿאַלן... עס חזרט זיך איבער דער פֿאַראַיאָריקער זומער. עס נעמט אַרום די זאָרג : וואָס וועט ווײַטער זײַן ?

פֿרײַטיק דעם 10טן יולי
שוין 8 טעג ווי איך לערן. כ'האָב שוין דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קורס פֿון פֿיזיק און הייב אָן גרייטן ליטעראַטור. ווען כ'האָב געוואָלט נאָך 3 טעג



צוגרייטונג מאַכן דעם עקזאַמען האָט אַלעקסעי סערגעיעוויטש מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיר שוין געשטעלט אַ מיינונג ! ער איז גלײַך אַוועקגעפֿאָרן קיין סאַראַפּול. אַ שאָד ! כ'האָב נישט געוואָלט אויסניצן זײַן „ברייטהאַרציקייט“, געוואָלט ערלעך און געוויסנהאַפֿט מאַכן דעם עקזאַמען. כ'האָב דאָך נאָך אַ סך לעקציעס און עקזאַמענס צו גרייטן : ביזן סוף חודש : ליטעראַטור, כעמיע, דײַטש. אין אויגוסט : אַלגעברע, געאָמעטריע, טריגאָנאָמעטריע, געשיכטע. דערווײַל בין איך פֿאַרשלונגען אין דער ליטעראַטור פֿון גאָרקי. צום צענטן מאָל לייענענדיק זײַנע ווערק ווירקן זיי אויף מיר מיט אַן אומגעהויערער קראַפֿט און איך באַדויער זייער, וואָס כ'בין אַזוי באַגרענעצט מיט דער צײַט און כ'קען זיך ניט פֿאַרטיפֿן.

זונטיק דעם 12טן יולי
יצר הרע, יצר הרע, וווּהין וועסטו מיך דערפֿירן ?
דאַכט זיך, וואָס דאַרף מען טאָן, אַז מען האָט ווייניק צײַט זיך צו גרייטן צו די עקזאַמענס ? אפֿשר אַרבעטן אָן איבעררײַס ? אויפֿשטיין פֿיר פֿאַר טאָג ? לערנען ביז 12 בײַ נאַכט ?
ניין ! כ'האָב אויסגעקליבן אַ בעסערן מיטל : כ'בין אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג אויפֿן צווייטן ברעג פֿון טײַך קאַמע... געריסן בלומען, געקליבן רויטע יאַגדעס, זיך געבאָדן ! בכלל ניט געקלערט וועגן לערנען... עמיץ וועט זאָגן : אַ לײַכטזין אין קאָפּ ! אָבער דער וועטער איז אַזוי שיין, דער הימל העל-בלוי, די קאַמע קיל, די שיפֿל וויגט זיך לײַכט אויפֿן וואַסער און איך זע אַ ליבע געגנט, דערנאָך - גאָלדענע זאַנגען, אַ יונגן ניסנוועלדל, אַ סך בלומען און אָן אַ שיעור זאַפֿטיקע, פֿרישינקע רויטע יאַגדעס... זומער ! - די שענסטע צײַט פֿון יאָר ! אַ שאָד, וואָס איך קען ניט אָפֿט פֿאַרברענגען אין אַזאַ פּאַלאַץ פֿון דער נאַטור ! איצט איז מיר זייער אָנגענעם ! - לײַכטזיניקער היצקאָפּ, שוואַכווילנדיקער נפֿש, שוין גענוג זיך צעשמירן וועגן וועטער ! ביסט שוין באַפֿרידיקט, ס'וועט קלעקן. פֿאַרנעם זיך שוין

מיט די עקזאַמענס !

כ'וועל ערנסט און הייב זיך אָן צו גרייטן. כ'גיב אַ ריר מײַן פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק, כ'דאַרף דאָך גרייטן די ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק, כעמיע, געשיכטע !

מײַן יוגנט מיטן זומער, דעם גרינעם וואַלד, דעם קילן טײַך און די רויטע יאַגדעס - זײַנען געוועזן אַ לײַכטזין און אַ דעזאָרגאַניזאַציע...

דאָנערשטיק דעם 16טן יולי

די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך לעצטנס באַדײַטנדיק פֿאַרערגערט : קאַמפֿן אין די טויערן פֿון וואָראָניעזש, יעדן טאָג נעמט דער שׂונא צו עטלעכע שטעט און סאַראַטאָוו איז דאָך בלויז 400 ק"מ פֿון וואָראָניעזש ! אַלזאָ, ווי אַזוי פֿאָרן אַהין שטודירן ?

שבת דעם 18טן יולי

די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך שטאַרק פֿאַרערגערט. יעדן טאָג ברענגט דער ראַדיאָ נײַעס, וועלכע שטײַגן איבער מיט זייער גרויל די פֿריִערדיקע. דער פֿײַנד יאָגט אונדז אויף אַלע פֿראָנטן. קאַמפֿן אַרום וואָראָניעזש, פֿרישע אָנגריפֿן אויף מאָסקווע און לענינגראַד ! דערווײַל פֿאַרשפּילט מען דעם קריג. פֿון צווייטן פֿראָנט, וועגן וועלכן מען רעדט אַזוי פֿיל, איז ניט פֿאַראַן קיין שפּור, ס'איז בלויז אַ פֿאַרבלענדעניש. אויפֿן פֿראָנט הערשט דעזאָרגאַניזאַציע און פֿאַרראַט. ניט שוין זשע איז אַ סוף צום סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע ? צי דען איז מי און אַרבעט, אַפֿילו געוויסע דערגרייכונגען אין 24 יאָר פֿאַרלאָרן ? צי דען דערוואַרט אונדזער לאַנד אויך פֿראַנקרײַכס גורל ? וואָס וועט זײַן מיט אונדז ?

איך בין אויף דער פֿאָן פֿון דער טרויעריקערווירקלעכקייט. וואָס דאַרף איך טאָן ? צי זאָל איך אַרויספֿאָרן פֿון דאַנען אין אַזאַ שטאָט ?



דינסטיק דעם 21סטן יולי

כ'האָב שוין געענטפֿערט אויף פֿיזיק, שוין צוגעגרייט די גאַנצע ליטעראַטור, מען האָט מיר אַפֿילו באַפֿרײַט פֿון דײַטש, מיכאַיִל איוואַנאָוויטש האָט מיר צוגעזאָגט קירצן דעם פּראָגראַם פֿון געשיכטע און כעמיע. ס'איז אַלץ גוט, כ'בין שוין באַלד אַ סטודענטקע... לײדער איז אַ שלעכטע די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע, ווײַל מיר פֿאַרשפּילן דאָך דעם קריג...

מיט שרעק און ציטער הערן מיר יעדן אינדערפֿרי ראַדיאָ. מיר האָבן שוין אָפּגעגעבן וואָראָשילאָווגראַד, עס קומען שוין פֿאָר קאַמפֿן אין די טויערן פֿון וואָראָניעזש. עס זײַנען שוין אָנגעקומען נישט אָפֿיציעלע ידיעות וועגן דעם, אַז מען האָט שוין זעקס מאָל באָמבאַרדירט סאַראַטאָוו, קויבישעוו... פֿאַקטן פֿון דיווערסיע און פֿאַרראַט...

דער ריזן-קערפּער פֿון פֿאָלק און לאַנד איז באַזעצט מיט וווּנדן, און פֿיל גלידער זײַנען אָפּגעשניטן, דאָס בלוט פֿון די אַרטעריעס גיסט זיך זייער פֿיל. אַ סך בירגער פֿאַלן אונטער די באָמבעס פֿון די פֿײַנדלעכע באָמבאַרדירערס, אָדער אונטער די קוילן פֿון די דײַטשישע בעסטיעס... אומגעהויערער ווייטיק ! צי קען מען אין אַזאַ צײַט מאַכן פּלענער אויף דער צוקונפֿט ? צי קען מען זיך אָפּשנײַדן פֿון קאָלעקטיוו און זיך לאָזן אין דער וועלט כּדי אומקומען ? וווהין ? צו וואָס זיך וואַרפֿן אין די כוואַליעס פֿון שטורעמדיקן אָקעאַן, ווען מען קען בכלל ניט שווימען ?

כ'האָב אויפֿגעהערט זיך גרייטן צום פֿאָרן. כ'וועל דאָ ענדיקן דעם 10טן קלאַס !

מײַן גײַסטיקער צושטאַנד איז אין אַ גרויסער דעפּרעסיע. נישט בלויז צוליב דעם, ווײַל פֿון מײַנע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איך פֿיל, אַז עס אַנטלויפֿט שוין דער באָדן אונטער מײַנע פֿיס, עס ווערט צעשטערט דאָס גאַנצע לאַנד. וואָס בלײַבט נאָך אין אונדזער לעבן ?

דינסטיק דעם 28סטן יולי

דאָס לאַנד איז אין אַ שרעקלעכער געפֿאַר. ס'איז זייער שווער אויסצודריקן דעם גרויל פֿון אַרום. הײַנט האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז אונדזער מיליטער האָט איבערגעלאָזט נאָוואָטשערקאָסק און ראָסטאָוו אויפֿן דאָן. דער שׂונא האָט פֿאַרכאַפּט דעם דאָן און ציט זיך שוין צו דער וואָלגע. דער גאַנצער דאָניעצער קויל-באַסיין, קריוואָראָגער אײַזן איז אין דעם שׂונאס הענט. אויפֿן שוואַרצן ים הערשט שוין אויך דער שׂונא. אויפֿן גאַנצן דרום-פֿראָנט לײַדן מיר כּסדר מפּלות. אויפֿן מערבֿ-פֿראָנט - קיין נײַעס...

ווען דער דירעקטאָר איז געקומען פֿון אַ קאָמאַנדירונג פֿון גאָרקי און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז כ'האָב אויפֿגעהערט זיך גרייטן אַוועקצופֿאָרן, האָט ער עס באַגיטיקט און געזאָגט, אַז כ'האָב „זייער קלוג געטאָן“ !

לעצטנס פֿיל איך זיך ניט אַם בעסטן. כ'פֿאַרמאַטער זיך גיך, כ'האָב האַרצקלאַפּן, ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ רינגלט מיך אַרום מיט אַ סך זאָרג. זי זאָגט אָן די אָרדנער מען זאָל מיר געבן מער מילך, אַן איי, זי ברענגט מיר געפּרעגלטע פֿיש פֿון קיך צווישן פֿרישטיק און מיטאָג. זי איז מיר אויך מכבד מיט זיסע אוגערקעס, פֿרישע מערעלעך, שטשיפּיאָר, זיסע אַרבעסלעך. זי באַמיט זיך זייער ווידער אויפֿשטעלן מײַן געזונט, באַפֿרײַט מיר אויך פֿון אַ סך אַרבעט. זי האָט מיך זייער ליב, אַזוי אַז אַלע חבֿרה באַמערקן עס. איך בין איר זייער דאַנקבאַר ! זי פֿאַרבײַט מיר די מאַמאַ, אַ וועגווײַזער, אַ לערער, אַ פֿרײַנד ! כ'צווייפֿל צי כ'וועל נאָך אַ מאָל געפֿינען אַזאַ גוטן פֿרײַנד, צו וועמען כ'זאָל זיך אַזוי צובינדן. עס שטייען שוין שיינע זומערדיקע טעג. די אַרבעט אין קינדערהיים גייט שוין ווידער, אויספֿלוגן זונטיק פֿון באַזונדערע גרופּן אין די אַרומיקע קאָלכאָזן, אַרבעט אויפֿן פֿעלד און אויפֿן גאָרטן, מען קלײַבט היילונגס-געוויקסן : רומיאַנעק, בליִונג פֿון ליפּע, שוואַרצע סמאָראָדינע, קראָפּעווע, דערנאָך דיזשורן א. אַ. ווײַטער. צוליב מײַן פֿיזישן צושטאַנד נעם איך נישט קיין אָנטייל בײַ דער אַרבעט. דאָך אַרבעט איך אַ ביסל אין אונדזער



אָרגאַניזאַציע.

כ'וואָלט געוואָלט עס זאָל זיך שוין אָנהייבן דער שוליאָר, אָבער ס'איז נאָך דערצו ווײַט. דער שוליאָר וועט זיך מן-הסתּם אָנהייבן דעם 1טן אָקטאָבער, דאָס הייסט אין צוויי חדשים אַרום. דאַן וועט שוין זײַן האַרבסט, דערנאָך - אַ בייזער ווינטער. אַך !

שבת דעם 31סטן יולי

נעכטן אין אָוונט האָב איך לאַנג ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. כ'האָב זיך געוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער אין בעט און דערנאָך אַרויס פֿון בעט אין פֿינצטערן צימער, אָנגעטאָן דעם שלאַפֿראָק און בין אַרויס אויפֿן הויף. ס'איז געווען אַ טונקעלע נאַכט. די ביימער אויף דער טעריטאָריע פֿון קינדערהיים שטייען שטיל און הויך און ווי שאָטנס און שליסן אײַן אין אַ האַלבקרײַז דעם פּלאַץ. דורך די צווײַגן און בלעטער שײַנט דורך אַ בלייכע לבֿנה. אַרום איז שטיל, ס'הערט זיך בלויז דאָס סיקען פֿון נאַכטפֿלאַטערלעך און אַנדערע נאַכט-אינזעקטן. איך זעץ זיך אַוועק אויפֿן בריקעלע, פֿאַרזונקען אין מחשבֿות. בײַ מײַנע פֿיס ליגט שאַריק - אונדזער הינטל. איך קוק אין דער הויך, צום הימל. אַן אומגעהויערע טיפֿקייט, ברייטקייט, אַן אומענדלעכקייט אין וועלכער עס ווערן צעזייט מײַנע געדאַנקען... איך קלײַב זיי צונויף מיט גרויס מי און פֿאַרבינד זיי אין אַ פֿראַגע, וואָס מאַטערט שוין לאַנג מײַן מוח : ווי וועט אויסזען מײַן צוקונפֿט ? כ'האָב אַ מאָל געטרוימט, אַז כ'וועל זײַן אַ העלד פֿון דער וויסנשאַפֿט, אַז כ'וועל אַ מאָל שרײַבן, שאַפֿן ווערק. וואָס דערוואַרט מיר איצט ? נאָך אַ יאָר בלײַבן אין קאַראַקולינאָ, אין דער פּריוואַטער דאָרפֿשול. וואָס - דערנאָך ? הלוואי זאָל קומען דער סוף פֿון דער פֿאַרשאָלטענער מלחמה ! דאַן וועל איך דאָך קענען גיין אין אַ הויכשול ! פֿאַרשיכּורט פֿון דעם טרוים גיי איך צוריק אַרײַן אין צימער און לייג זיך ווידער אַרײַן אין בעט. דאָס האָט די בלייכע לבֿנה מיר געגעבן די געדאַנקען ?

מיטוואָך דעם 4טן אויגוסט

רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ זאָרגט זיך זייער וועגן מיר און האָט מיך ליב. מיט מוטערלעכער זאָרג און ספּעציעלער אויפֿמערקזאַמקייט רינגלט זי מיך אַרום. זי איז ווי אַ מאַמע, אַ לערערין, דערציִערין און פֿרײַנד ! זי פֿאַרמאָגט אַלע אײַגנשאַפֿטן, ווי אַלע פֿון די פֿריִער אויסגערעכנטע. צו מײַן גליק, ווענדט זי אַלע אירע בליקן צו מיר. איך בין שטאַרק גערירט און צופֿרידן. כ'ציטער פֿאַרן גליק איבער מײַן אוצר, ווײַל כ'בין רײַכער פֿון אַלע מײַנע באַקאַנטע ! מײַנע באַקאַנטע - דער קאָלעקטיוו אין וועלכן איך געפֿין זיך, איז אין דעם זין אָרעמער פֿון מיר און איז מיר שטאַרק מקנא. מקנא איז ווייניק, מען גיט מיר טײלוויַיז צו פֿילן שפּיציקע נאָדלען, אַזוי, אַז פֿונקען שפּריצן פֿאַר די אויגן. די עלטערע חבֿרה, וועלכע זײַנען אויסגעהונגערט נאָך צערטלעכקייט און באַמערקן אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט, זײַנען אייפֿערזיכטיק. איך פֿיל בליקן פֿון קנאה, הער שטעכווערטלעך... רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ שוינט מיך, אַזוי ווי זיי האָבן מיך פֿריִער געשוינט. פֿאַר וואָס האָבן זיי זיך איצט אָפּגעשלאָסן ? נעכטן האָט מען מיך 3 בײַ נאַכט געוועקט אויף אַרבעט אין זאַגאָט-זערנאָ*, פֿון וועלכער מען האָט מיך דאָך באַפֿרײַט צוליב מײַן געזונט-צושטאַנד. כ'בין מיט זיי געגאַנגען אין אָוונט, האָב זיך שלעכט געפֿילט, האָב זיך אַוועקגעלייגט און קיינער האָט נישט געפֿרעגט, וואָס מיר איז. ווען כ'זאָג, אַז כ'פֿיל זיך שלעכט, רעדט מען וועגן דעם מיט איראָניע. מען קוקט קרום, ווען רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ רעדט מיט מיר, מען וואַרפֿט שטעכיקע וויצן אויפֿן אַדרעס פֿון אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט. כ'פֿיל זיך ווידער שלעכט אין דער סבֿיבֿה אין וועלכער דער גורל האָט מיך געוואָרפֿן.

מיטוואָך דעם 11טן אויגוסט

נעכטן בײַ נאַכט האָב איך שפּאַצירט בײַם ברעג פֿון דער קאַמע. איך שטיי אויפֿן ברעג און קוק אויפֿן וואַסער. פֿילצאָליקע כוואַליעס טראָגן זיך מיט



אַ רויש, קלאַפּן אויפֿן ברעג מיט אַ פֿריילעכן כליופּ ! דער ווינט רײַסט אויך מיט דעם וואַסער אין דער ווײַט. פּונקט ווי דער ווינט יאָגט דעם וואַסער, יאָגט דאָס גאַנצע לעבן דעם מענטש... פּרוביר זיך אָפּשטעלן, ביסטו נישט בכּוח. ווי קליין און אומבאַדײַטנד איז דער מענטש, זײַנע טאַטן אין פֿאַרגלײַך מיט דער אומענדלעכקייט... קליין ? אָבער ווי וויכטיק זײַנען זײַנע טאַטן פֿאַר די איבעריקע מענטשן אויף דער ערד, וויפֿל רײַכטום, העלדישקייט, גבֿורה, חכמה קענען אייניקע אַרײַנטראָגן. אַנדערע - נידערטרעכטיקייט... כ'דערמאָן זיך גאָרקיס „ליד וועגן סאָקאָל“, וואָס כ'האָב ניט לאַנג דעקלאַמירט :

„ביעזאומסטוו כראַבריך פּאָיעם מי סלאַוווּ !

... יאַ זנאַיו שטשאַסטיע ! ... יאַ כראַבראָ בילסיאַ... יאַ ווידיעל ניעבאָ*!“

כ'וויל אויך ווי דער העלדישער, מוטיקער סאָקאָל זען דעם הימל, זיך אויפֿהייבן הויך, אַלץ זען, פֿיל וויסן, כּדי אַנדערע לערנען. כ'דאַרף זיך לערנען, אַרבעטן איבער זיך. לײדער האָב איך שוין איצט ווידער נישט קיין צײַט. מען דאַרף שוין ווידער אַרבעטן אויפֿן פֿעלד. כ'וואָלט געוואָלט ס'זאָל זיך ווידער אָנהייבן דער שוליאָר. לײדער דאַרף מען נאָך וואַרטן צוויי חדשים : אויגוסט און סעפּטעמבער. דער שוליאָר וועט זיך אָנהייבן אין אָקטאָבער. דאָס וועט זײַן מײַן צווייטער שוליאָר אין דער פֿרעמד. איך וויל שוין זײַן אין אַ גרויסער שטאָט !

דערווײַל איז נאָך אַלץ אַ בלוטיקער קריג און אויף די פֿראָנטן פֿון לאַנד איז די לאַגע זייער אַ טרויעריקע : שווערע קאַמפֿן אַרום אַרמאַוויר און אַרום טײַך קובאַן. פֿון סאַראַטאָוו עוואַקויִרט מען שוין אַלעמען !

„ראָדינאַ וו סמיערטעלנאָי אָפּאַסנאָסטי *“

מאָנטיק דעם 31סטן אויגוסט

נעכטן איז בײַ אונדז געווען אַן אָוונט געווידמעט מיצקעוויטשעס אָנדענק. איך האָב געמאַכט דעם רעפֿעראַט וועגן זײַן לעבן און שאַפֿן. מען האָט מיך

שטאַרק באַגריסט, אַז ס'איז געווען זייער אַ געלונגענער, ערנסטער רעפֿעראַט און איז אַלעמען זייער געפֿעלן געוואָרן. רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ האָט מיר אַפֿילו געקושט און געשאָנקען אַ שטיקל שאָקאָלאַד !

דינסטיק דעם 29סטן סעפּטעמבער

דער זומער האָט זיך שוין געענדיקט. צוזאַמען מיט אים - די פֿעריען. איבערמאָרגן הייבט זיך שוין אָן דער נײַער שוליאָר. איך וויל שוין טאַקע גיין אין שולע לערנען ! דערווײַל איז אַ שיינער קאַלטער האַרבסטטאָג. מיר האָבן הײַנט געענדיקט גראָבן קאַרטאָפֿל אויף אונדזער פֿעלד און זיי פֿאַרגרייט אין קעלער. מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן מיר געשניטן און אַראָפּגענומען האָבער פֿון אונדזער פֿעלד. אַזוי זיך פֿאַרנומען כּדי צוגרייטן אויף ווינטער.

מיטוואָך דעם 14טן אָקטאָבער

אַזוי האָבן זיך דערנענטערט די ליבע, לאַנג דערוואַרטע שוליאָר-טעג. מיר לערנען פֿון 1.30 בײַ טאָג ביז 5-6 אָוונט. פֿאַר מיר איז עס זייער גוט. ביז 12.30 גרייט איך צו די לעקציעס, פֿאַרנעם זיך מיט די שוואַכע שילער פֿון קינדערהיים. באַווײַז אויך דערליידיקן מײַן באַדערפֿעניש צו נייען, אויסוואַשן מײַנע זאַכן, און אַזוי ווײַטער.

פֿון 7 אַ זייגער אָוונט ביז 12 - לייען איך. אָבער דער פּראָבלעם פֿון ליכט איז דאָס יאָר ערגער ווי פֿאַראַיאָרן. ס'איז כּמעט ניט פֿאַראַן קיין נאַפֿט. און איך זיך פֿאַר אַ טינטערל נאַפֿט, כאָטש ס'איז אַ פֿאַרברעך פֿאַר מײַנע אויגן... אָבער כ'קען דאָך 7 אַ זייגער נאָך נישט גיין שלאָפֿן ! די לערע אין שולע שטייט הײַיאָר אויף אַ העכערן ניוואָ ווי פֿאַראַיאָרן, ווײַל ס'זײַנען געקומען נײַע לערערס פֿון לענינגראַד און מאָסקווע. דערפֿאַר ווײַל מען האָט צוגענומען וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטשן אין דער אַרמיי, האָבן מיר געקריגן אַ פֿרישע קלאַסן-דערציִערין און לערערין פֿון מאַטעמאַטיק



פֿון לענינגראַד - אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. זי דערקלערט זייער גוט און פֿירט בכלל זייער אינטערעסאַנט דעם לימוד. ליטעראַטור לערנט אַנאַטאָלי דעמיטרעוויטש אויך זייער אינטערעסאַנט. מיכאַיִל איוואַנאָוויטש לערנט גלענצנד געשיכטע, צוזאַמען מיט געשיכטע פֿון דער פּאַרטיי. נינאַ וולאַדימירנאַ לערנט כעמיע, נינאַ מויסייעוונאַ האָט פֿאַרגרעסערט דעם לימוד פֿון דײַטש, פֿירט אויך דעם קורס אין אונדזער קלאַס. פֿאַר אונדז איז עס אַ דערגרייכונג. ס'איז צוגעקומען אויך אַ נײַער לימוד : אַגראָטעכניק. דערווײַל איז נאָך נישטאָ קיין לערער פֿון פֿיזיק און אַסטראָנאָמיע... עס וועט נאָך אפֿשר קומען.

מײַן שטימונג איז אַ פֿרישע, אַ מונטערע. כ'לערן ערלעך און גרינטלעך, כ'לייען אַ סך. ניט לאַנג זײַנען געווען וואַלן צום קינדערראַט. די אַרבעט פֿון קינדערראַט איז גוט אָפּגעשאַצט געוואָרן ; זייער באַפֿרידיקנדיק ! דער דירעקטאָר האָט אָפּגעלאָזן זײַנע צוויי הינטלעך : ליובאָשיצקען און חנאן כאַזאַנאָוויטשן קעגן מיר. ליובאָשיצקי האָט מיך עפֿנטלעך באַליידיקט מיט „זײַן“ אײַנשטימיקייט. דערפֿאַר האָב איך צוריקגעצויגן מײַן קאַנדידאַטור פֿון ראַט, כאָטש מײַן געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט האָב איך ניט איבערגעריסן. איך אַרבעט אין דער לערן-קאָמיסיע און קולטור-קאָמיסיע. כ'בין זייער צופֿרידן, וואָס כ'האָב מער נישט קיין געשעפֿטן מיטן דירעקטאָר. רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ האָט זיך אַריבערגעטראָגן פֿון אונדזער קאַנצעליאַריע (ווו זי האָט ביז איצט געווינט) צו אָלגאַ וולאַדימיראָוונאַן, וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטשעס פֿרוי. איצט זע איך זי בלויז אין עסצימער, ווו מיר רעדן ווייניק און עס טוט מיר וויי. כ'וואָלט אין אָוונט צו איר געגאַנגען, ווען כ'ווייס, אַז עס שטערט איר נישט. בײַ איר איז דאָך אַוודאי פֿאַראַן ליכט ! הײַנט האָט זי מיר שמייכלענדיק געזאָגט : „ווי זעלטן מיר זעען זיך !“ פֿריִער פֿלעגן מיר דאָך אַלע אָוונטן שמועסן. הײַנט האָב איך זיך פֿאַרטיפֿט אין מײַן אַרבעט, זי - אין אירער ! די געמיינזאַמע אַרבעט : (די אַרבעט פֿון ראַט) האָט זיך געענדיקט...

כ׳האָב געפֿילט, אַז זי באַדויערט, וואָס ס׳איז אַזוי, נאָר זי האָט נישט קיין דרייסטקייט מיר בעטן צו איר גיין. איך רעכן צו איר צוגיין אין אָוונט. אַ מאָדנע זאַך ! - כ׳וויל אַז דער יאָר זאָל שנעל אַריבערגיין, כּדי זומער אַרבעטן אין קאָלכאָז. ווי גערנע - זיך פֿאַרזאָרגן מיט פּראָדוקטן און אַ ביסל געלט, כּדי קענען פֿאָרן שטודירן.
נאָך דער צײַט פֿון די פֿעריען סוף סעפּטעמבער האָב איך גענומען שרײַבן אַ דערציילונג אויף רוסיש. איך שרײַב נישט אויף יִדיש, ווײַל כ׳האָב נישט פֿאַר וועמען... פֿאַר מײַן גרויס באַדויער ! וועגן מײַן אַרבעט ווייס קיינער ניט... דערווײַל דערצייל איך עס קיינעם נישט, ווײַל כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט און ס׳איז נאָך נישטאָ וואָס צו ווײַזן. מײַן הויפּט-העלדין איז אַ זעכצניעריק מיידל, וואָס האָט זיך עוואַקויִרט פֿון איר היים בעתן אָנהייב פֿון דער מלחמה...

דינסטיק דעם 27סטן אָקטאָבער
די לימודים אין שולע זײַנען נאָך אַלץ נישט נאָרמאַל. ערשטנס - עס פֿעלט נאָך אַלץ אַ לערער פֿון פֿיזיק און אַסטראָנאָמיע, און צווייטנס - מען רײַסט אונדז אָפּט אָפּ פֿון לערנען און מען שיקט אונדז אין קאָלכאָז אַרבעטן. הײַנט צ״ב זײַנען שוין איבערגעריסן די לימודים, מאָרגן גייען מיר אין קאָלכאָז. טאַניע, וועלכע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין איזשעווסק כּדי שטודירן מעדיצין, קלאָגט זיך אויף אירע באַדינגונגען : איר קומט אויס אַ סך אַרבעטן, חוץ דעם לערנען !
פֿאַר וואָס איז די וועלט פֿול מיט אומרעכט, נידערטרעכטיקייט ? פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס ?

מיטוואָך דעם 28סטן אָקטאָבער
רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ וועט מער בײַ אונדז ניט אַרבעטן, לויטן באַפֿעל



פֿון נאַרקאָמפּראָס* האָט מען זי אַראָפּגענומען פֿון דער אַרבעט. דער דירעקטאָר האָט אַ גאַנצן זומער מיט איר געקעמפֿט, האָט אויפֿגעקליבן אונטערשריפֿטן פֿון די דערציִערס, אַז זי העלפֿט זיי נישט, האָט מיטגערופֿן חנאן קיין איזשעווסק און צוזאַמען מיט אים זי באַזיגט. דאָס איז אַ פֿאַלשער, נידערטרעכטיקער אופֿן פֿון אַזאַ האַנדלונג ! זי האָט צו פֿיל געוווּסט וויפֿל פּראָדוקטן, סחורות, זאַכן מען קויפֿט אײַן און עס גייט אַוועק פֿאַר אים און זײַן משפּחה, פֿאַר די, וועמען ער וויל אונטערקויפֿן און אונטערחנפֿענען ! איצט וועט אויף רעבעקאַ איזראַעלעוונאַס אָרט זײַן באַשטימט בערטאַ פּאַוולאָוונאַ. פֿאַני און בערטאַ פּאַוולאָוונאַס עלטערן זײַנען איצט געקומען צו פֿאָרן פֿון לענינגראַד צו אונדז. זיי אַלע זײַנען די משפּחה פֿון דירעקטאָר. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ איז געבליבן אָן אַרבעט. כ׳ווייס נאָך נישט ווי זי קלערט זיך אײַנאָרדענען. אפֿשר אין דער ראַיאָנער ביבליאָטעק און זי וועט געבן לעקציעס פֿון דײַטש אין שוּלע ? רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ לעבט זייער שטאַרק איבער די חרפּה, נאָר זי האַלט זיך גוט. מיר איז עס זייער אַ שאָד ! זי איז דאָך מײַן ליבע, גוטע, קלוגע פֿרײַנדין ! אומברחמנותדיק האָט מען זי באַשטראָפֿט, ווײַל זי איז געפֿאַלן אין די הענט פֿון אַ נישט-יושרדיקן. העלענאַ פּאָנטעלעמאָנעוונאַ וויל שוין אויך אַוועקגיין פֿון אונדז - אָבער דער דירעקטאָר וויל איר בשום אופֿן נישט אָפּלאָזן...

דינסטיק דעם 10טן נאָוועמבער, 9 פֿרי
ענדלעך איז מיר קלאָר געוואָרן די קונסט פֿון לעבן : אַ קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען ווי שווער זיי זאָלן ניט זײַן, מסכּים זײַן מיטן גורל און זיך באַמיִען בעסער אײַנאָרדענען דעם מאָרגן. כ׳האָב זיך צוגעוווינט שלאָפֿן אין אַ קאַלטן צימער - בײַ אונדז אין קינדערהיים איז איצט נישטאָ קיין האָלץ, זיך אײַנדרייען ווי אַ בייגל און ניט צומאַכן מיט קיין אויג, ווײַל ס׳דרייט זיך אויף דאָס בלוט אין די געפֿעסן... איך רעאַגיר ניט אויף אַזאַ געשעעניש, ווי : אָפּמאַכן די לעקציעס,

זיצנדיק אויף אַ צעבראָכענעם שטול, שרײַבנדיק מיט בלויע, געשוואָלענע פֿון קעלט הענט ! דאַן, ווען אָפֿט איז קיין מיטאָג נישט פֿאַרטיק 13 - 12 אַ זייגער און מיר גייען אין שול ניט האָבנדיק געגעסן, ווען אין מאָגן איז פֿאַראַן בלויז 250 גראַם ברויט : 150 גראַם פֿון פֿרישטיק און 100 גראַם פֿון מיטאָג. אויף אַ גאַנצן טאָג קריגן מיר דאָך בלויז 400 גראַם ברויט. דאָס רופֿט בײַ מיר נישט אַרויס קיין פֿאַרוווּנדערונג... בײַ אונדז איז אויך פֿאַראַן ווייניק נאַפֿט, דערפֿאַר קען מען אין אָוונט ניט לייענען, ווײַל ס'איז דאָך נישטאָ קיין ליכט. וואָס זאָל מען טאָן ? ס'איז דאָס צווייטע יאָר פֿון דער מלחמה. קיין בעסערע אויסזיכטן זײַנען נישט פֿאַראַן. אויפֿן פֿראָנט איז די לאַגע אויך זייער אַ טרויעריקע. אונדזערע פֿאַרבונדעטע האָבן דערווײַל קיין צווייטן פֿראָנט נאָך נישט געעפֿנט. דער סאָוויעטישער דרום איז שוין אין די דײַטשע הענט : אַ טייל פֿון קאַווקאַז, דער ברעג פֿון שוואַרצן ים. דעם שׂונא איז געלונגען פֿאַרכאַפּן גרויסע נאַפֿטבאַזעס : מײַקאָפּ, טואַפּסע, נאַלטשיק. אַ שיינע פּאָר וואָכן גייען שוין פֿאַרביסענע קאַמפֿן אויף די גאַסן פֿון סטאַלינגראַד. היטלער וויל אָפּשנײַדן די וואָלגע, פֿאַרכאַפּן דעם גרויסן שליאַך פֿון ברויט און נאַפֿט. דאָס לאַנד כאָרכלט און קעמפֿט, פֿאַרטיידיקט זיך מיט אַלע כּוחות, ניט שוינענדיק אַפֿילו גרויסע קרבנות. דאָס לאַנד הונגערט און לײַדט אַ קעלט. טויזנטער מענטשן - אַרבעטער אין די פֿאַבריקן - האָבן אַפֿילו ניט קיין מינימום שפּײַז, ווי מיר האָבן. טויזנטער זײַנען מקנא אונדזער מיטאָג, וועלכער באַשטייט פֿון פּראָסטע קאַרטאָפֿל אָן פֿעטס און זאַלץ... אַ פּוד קאַרטאָפֿל אויפֿן מאַרק קאָסט 600 רובל ! בײַ אונדז וואַקסט ער דאָך אויפֿן גאָרטן. טייל מאָל קריגן מיר נאָך אַ מיקראָסקאָפּיש שטיקל פֿלייש !

טאַניע האָט אונדז געשריבן, אַז געניע איז שטאַרק פֿאַרייִאושט מיט איר סיטואַציע. זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ גוטער קוואַרטיר, אָבער מאַטעריעל איז איר זייער שווער : 3-4 שעה דאַרף זי שטיין אין אַ ריי נאָך ברויט און מיטאָג. אין אוניווערסיטעט די לעקציעס גייען נישט נאָרמאַל,



ווײַל ס'פֿעלן פּראָפֿעסאָרן ! אירע פּראָדוקטן וואָס זי האָט געבראַכט פֿון איר אַרבעט שעפּן זיך שוין אויס. קיין געלט האָט זי שוין אויך נישט און קיין סטיפּענדיע גיט מען נאָך נישט אַרויס. זי וויל ווערן אַ בלוטדאָנאָר, ווײַל די דאָנאָרס קריגן מער שפּײַז. אויב עס וועט זיך איר נישט אײַנגעבן, וועט זי נעמען אַרבעטן אין פֿאַבריק.

דאָס איז מײַן פּערספּעקטיוו אויפֿן קומענדיקן יאָר. אפֿשר וועט נאָך ערגער זײַן, ווײַל די מלחמה וועט זיך נאָך ווײַזט אויס נישט ענדיקן אַזוי גיך. דאָס דריטע יאָר מלחמה איז שטענדיק אַ סך ערגער פֿון צווייטן יאָר.

רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ איז געבליבן אויפֿן גאַס אָן אַרבעט. דאָ איז ניט פֿאַראַן פֿאַר איר קיין מעגלעכקייט זיך אײַנצואָרדענען. אפֿשר וועט זי אין גיכן פֿאָרן צו איר זון און זיך דאָרט אײַנאָרדענען.

אַזוי זעט אויס אונדזער הײַנטיקע סאָוויעטישעווירקלעכקייט : גרויליק שווער. דאָך ווילט זיך לעבן, ווילט זיך האָפֿן אויף אַ בעסערן מאָרגן, אויף אַ שענערן זוניקן טאָג ! איך לעב און לערן, כּדי ווײַטער לעבן און אַרבעטן.

מיטוואָך דעם 18טן נאָוועמבער

כ'וויל פֿאַראייביקן אַ בילד פֿון מײַן לעבן, מײַן פּלאַן פֿון טאָג : כ'שטיי אויף 7 פֿרי, ווען ס'איז נאָך פֿינצטער. האַלב אַכט פֿרישטיק איך, ביז האַלב נײַן העלף איך די אָפּגעשטאַנענע שילער גרייטן זייערע לעקציעס. 9 אַ זייגער הייבן זיך אָן די לימודים אין שולע. ביז 3 אַ זייגער בין איך אין שולע. 3 אַ זייגער איז בײַ אונדז מיטאָג. פֿון האַלב פֿיר ביז 6 אַ זייגער גרייט איך די לעקציעס. 6 אַ זייגער - איז אָוונטברויט. פֿון האַלב זיבן ביז 12-11 אַ זייגער לייען איך. טייל מאָל גיי איך צו העלענאַ פּאַנטעליימאָנאָווונאַן, טייל מאָל צו די מיידלעך פֿון קלאַס. טייל מאָל זײַנען פֿאַרזאַמלונגען אין קינדערהיים. זונטיק זעגן מיר האָלץ פֿאַרן קיך און פֿאַר אונדזער צימער אויף אַ גאַנצע וואָך.

כ'הייב אָן צו באַהערשן די קונסט פֿון לעבן. כ'פּאַס זיך צו צו די באַדינגונגען :

כ׳פֿיל אויס קליינע, טאָג-טעגלעכע פֿיזישע אַרבעט און לערן. ערשט האָב איך זיך איבערצײַגט אַז כ׳האָב צו פֿיל איבערגעבויגן דאָס שטעקעלע - צו פֿיל אַוועק אין לאַנד פֿון בוך, זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ ביכערמילב. איצט לאָז איך זיך אַראָפּ צוריק אויף דער ערד, נאָר ניט ווי אַ ווערימל וואָס קריכט, נאָר ווי אַ מענטשלעך באַשעפֿעניש, וואָס ניט פֿאַרלירנדיק דעם באָדן גייט פֿעסט אויף דער ערד, נאָר האַלט דעם קאָפּ צום הימל !

זונטיק דעם 29סטן נאָוועמבער, 9.30 אָוונט

פֿאַמעלעך לעשן זיך די לעצטע פּאָר שעהען פֿון מײַן 17טן יאָר. באַלד וועט זיך ענדיקן מײַן 17טער יאָר. אַ יאָר אָן עלטערן, אָן פֿרײַנד און נאָענטע חבֿרים, אין דער פֿרעמד אין אַ צײַט פֿון בלוטיקער מלחמה און הונגער. צוזאַמען מיט דעם ענדיקט זיך אויך מײַן קינדהייט און פֿריִע יוגנט. לויטן געזעץ בין איך שוין מער נישט מינדעריעריק, כ׳בין שוין אַ דערוואַקסענע, וואָס וועט האָבן שטימרעכט, רעכט אויף אַרבעט און בילדונג, אַ בירגערין פֿון פֿאַרבאַנד, וואָס טראָגט פֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר האַנדלונגען, פֿון וועמען מען פֿאָדערט אַרבעט, אָנשטרענגונג, דיסציפּלין. פֿאַר מײַנע האַנדלונגען בין איך פֿאַראַנטוואָרטלעך און ניט מער מײַנע עלטערן ! איך אַליין דאַרף גיין דורכן לעבן און בויען מײַן צוקונפֿט. פֿון מײַן ענערגיע, אויסדויער און ווילן איז אָפּהענגיק מײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן ! וואָלט איך געלעבט אין געוויינלעכע, פֿרידלעכע באַדינגונגען, אַרומגערינגלט מיט מײַן משפּחה, וואָלטן פֿאַר מיר אפֿשר געשטאַנען אַנדערע אויפֿגאַבן און פּערספּעקטיוון. נאָר צוליב וואָס קלערן, וואָס עס וואָלט געווען אין אַזעלכע באַדינגונגען ? איצט האָב איך דאָך נישט מײַן משפּחה. צי וועל איך זי אַ מאָל טרעפֿן ? ווער ווייסט... אויב כ׳וועל אַ מאָל טרעפֿן מײַן ליבע, גוטע מוטער, מײַן אָרעמען פֿאָטער, שוועסטערל און ברודער, צי וועלן זיי מיר קענען פֿאַרשטיין און ווײַזן אַ וועג אין לעבן ? מײַן מוטער - די גוטע, קלוגע און מסירת-נפֿשדיקע פֿאָלקספֿרוי האָט מיך שוין נישט פֿאַרשטאַנען



מיט צוויי יאָר צוריק, ווען כ׳בין נאָך געווען אין דער היים. דאָס זעלבע - די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער משפּחה. מײַן וועג אין לעבן, הגם גאַנץ פֿאַרנעפּלט און ניט זיכער, האָב איך אַליין אויסגעקליבן צו 13 יאָר, ווען כ׳האָב פֿאַרן פּרײַז פֿון אָנגעשטרענגטער אַרבעט און לערע זיך אַרויסגעריסן פֿון קלאַס, צו וועלכן ס׳געהערט מײַן משפּחה - איינפֿאַכע פּראָלעטאַריער, און זיך געבויט אַ וועג צו דער אינטעליגענץ. איצט זײַנען אַריבער פֿיר יאָר. דער מהלך צווישן אונדז - איז אַ ריזיקער. אין מײַן האַרץ איז געבליבן אַ גרויסער געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט און ליבע, אַ ווילן צו באַצאָלן פֿאַר מײַן באַשאַפֿונג. איך פֿאַרשטיי זיי, אָבער זיי קענען מיך נישט פֿאַרשטיין. זיי זײַנען דאָך זייער ווײַט פֿון מיר. דער קאָנפֿליקט, וואָס וואָלט געקענט אָנוואַקסן איז אויסגעמיטן. איך בין געבליבן אַליין. כ׳בין אַ סך אויסגעוואַקסן לעצטנס. דאָס לעבן האָט מיר געוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס, האָט מיר פֿיל געלערנט. צו ערשט האָב איך פֿאַרצווייפֿלט געציטערט, ווען ווינטן האָבן מײַן האַרץ געשמיסן. איצט האָב איך זיך צוגעוווינט און אַ שטורעם איז פֿאַר מיר נישט שרעקלעך. נישט קוקנדיק אויף דעם עול פֿון מאַטעריעלע זאָרגן, וואָס כ׳געפֿין זיך אין אַ קאָלעקטיוו פֿון קינדער (די עלטערע האָבן 16-17 יאָר), דאָך זע איך רעאַל דאָס לעבן אַרום מיר, קען גוט די באַציִונגען צווישן מענטשן, קען די פֿאָדערונגען און געזעצן פֿון לעבן. כ׳ווייס, אַז גליק וועל איך געפֿינען אין אָנגעשטרענגטער, אָנאויפֿהערנדיקער אַרבעט, כּסדר זיך צופּאַסנדיק צו די באַדינגונגען, שנעל לויפֿנדיק אויף דער ראָד פֿון דער געשיכטע.

ווײַל אויב כ׳וועל אויף אַ רגע זיך אָפּשטעלן, וועט מײַן קאָפּ זיך אויף שטיקלעך צעמאָלן. וואָס ווייניקער זיך ווענדן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, זיך גריבלען אין די דינסטע ניואַנסן פֿון געפֿילן, איבערלעבונגען, שטימונגען ! וואָס ווייניקער זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט פֿון זיסע טרוימען וועגן דער צוקונפֿט, וואָס עקזיסטירט בלויז אין דער פֿאַנטאַזיע ! וואָס מער קלערן, אַרבעטן און לעבן מיטן הײַנט. הײַנט - בין איך נאָך אַ שילערין פֿון 10טן

קלאַס מיטלשול, אַ דערציִונגניש פֿון אַ קינדער-אינטערנאַט. היַינט דאַרף איך לערנען, לייענען, זאַמלען וויסן, זיך צוקוקן צום לעבן, כּדי אין 8-9 חדשים אַרום זעלבשטענדיק אַרויסגיין אין שלאַכט, פֿון וועלכן כ׳וויל זיַין אַ זיגערין. זיך לערנען לעבן הייסט נישט בלויז לערנען פֿון בוך. דאָס ערשטע איז זייער וויכטיק : זיך לערנען דאַרף מען אויך פֿון לעבן ! פֿון דעם שטאַנדפּונקט !

מיט אַזעלכע אָנשויונגען הייב איך אָן מיַין ניַינצנטן יאָר.

דאָנערשטיק דעם 3טן דעצעמבער

כ׳האָב איצט געענדיקט לייענען לעאָן פֿויכטוואַנגערס „די ייִדישע מלחמה“. כ׳געדענק ניט נאָך אַזאַ בוך, וואָס זאָל אַזוי ווירקן אויף מיר, ווי דער דאָזיקער. דער בוך האָט מיר אַריַינגעפֿירט צוריק אין דער וועלט, פֿון וועלכער כ׳בין שוין עטלעכע יאָרן אַרויסגעריסן. אין מיַין געדאַנק האָט אויפֿגעוואַכט די געשיכטע פֿון מיַינע אורזיידעס, פֿון מיַין פֿאָלק, פֿון וועלכן כ׳בין איצט אַזוי וויַיט. איך דערמאָן זיך די לעקציעס פֿון דער ייִדישער געשיכטע מיטן לערער קאַץ און עס טוט מיר וויי, וואָס כ׳וועל זיי שוין מער ניט הערן. ווידער שטייט פֿאַר מיַינע אויגן דער ירושלימער בית-המיקדש, באַלאַגערטע ירושלים, טויזנטער העלדישע פֿאַרטיידיקער, וועלכע זיַינען אומגעקומען אויף קידוש-השם אויסגעהונגערטע, דורשטיקע, מיט אויגן, וואָס קענען ניט קיין שלאָף און רו... זיי זיַינען געשטאַנען אויף די מויערן פֿון ירושלים און געשליידערט ריזיקע שטייניער, געגאָסן הייסע סמאָלע אויף די קעפּ פֿון די רוימישע לעגיאָנערן. דערנאָך - דער ברענענדיקער בית-המיקדש, דער מיט מענטשלעך בלוט באַשפּריצטער מזבח, די צעריסענע תּורה... טיטוסעס טריומף-מאַרש און טויזנטער פֿאַרשמידטע אין קייטן קריגסגעפֿאַנגענע, מאַסן שפּעטנדיקע רוימער, וואָס באַלעקן זיך פֿאַר הנאה פֿאַרן בילד פֿון ייִדישע קריגס-געפֿאַנגענע, וואָס פֿעכטן זיך בעת די צירקשפּילן... דאַן איז ענדגילטיק פֿאַרניכטעט געוואָרן



יהודה, געבליבן איז בלויז אַש און חורבֿות, הונדערט מענטשן, פֿאַרברענטע אויפֿן קרייץ און דאָס לעצטע „שמע ישׂראל“, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מסירת-נפֿשדיקע, פֿאַרחלשטע ליפּן. איבער דעם אַלעם - דער זון פֿון ישׂראל, יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס, יוסף בן מתּתיו, אַ העלד און פֿאַררעטער, דער כּהן און היסטאָריקער, אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט פֿאַראייניקן די חכמה פֿון מזרח פֿון ייִדישן פֿאָלק מיט דער קולטור פֿון אויפֿגייענדיקן מערבֿ : רוימס הומאַניזם, אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין און די ירושה פֿון גריכישן העלעניזם. ווי קאָמפּליצירט איז די פּסיכאָלאָגיע פֿון דעם קולטורעלן, קלוגן, טאַלאַנטפֿולן, פֿעיִקן ייִד !

צו ערשט אַ מאַקאַבעער, פֿירער פֿון די אויפֿשטענדלער-ייִדן, אַ כּהן פֿון ערשטן ראַנג ! דערנאָך - וועספּאַזיאַנס געפֿאַנגענער, זיַין נבֿיא, וואָס ווערט געאַכטעט און דערנידעריקט, וואָס פֿאַראייניקט דעם גלאַנץ און רחבֿות פֿון צעזאַרישן הויף מיטן קלאַנג פֿון פֿאַרזשאַווערטע קייטן, מיט די נידעריקסטע באַליידיקונגען און שפּאָט פֿון צעזאַר. פֿון דער צווייטער זיַיט - אַ געשטעמפּלטער פֿאַררעטער פֿון ייִדישן פֿאָלק געוואָרפֿן אין חרם, וועמען ס׳מיַידן אַלע בלוטברידער אויף זיבן טריט.

יוסף פֿלאַוויוס - דער געני, וואָס שטייט אויף דער גרענעץ פֿון צוויי קולטורן, צוויי פֿעלקער, פֿאַראַכטעט און נישט פֿאַרשטאַנען פֿוןביידן, וואָס האָט מער פֿון אַלעמען פֿאַרשטאַנען דעם טעם פֿון איבערמענטשלעכע ליַידן - אים איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו זען דאָס פֿאַלנדיקע ירושלים, צו זען פֿון דער אימפּעראַטאָרישער לאָזשע טיטוסעס טריומף, און געשמידטע אין קייטן די פֿירער פֿון זיַין העלדישן פֿאָלק. אים איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו ברענגען די קומענדיקע דורות די געשיכטע פֿון העלדישן קאַמף. ער האָט געשריבן אויף גריכיש : „איך באַשליס צו באַשריַיבן די מלחמה אַזוי ווי זי איז געווען, כּדי דער עולם זאָל זיך עס דערמאָנען, און די קומענדיקע דורות זאָלן זיך דערוויסן.“

קען זיַין, אַז יוספֿס גורל וועט האָבן אַ גרויסן אָנדענק. אים איז שווער צו

פֿאַרטיידיקן פֿאַר זײַן פֿאַרראַט, אָבער נאָך שווערער צו באַשולדיקן. מען קען יוספֿן פֿאַרשטיין און מיטפֿילן.
ס'פֿאַרגנבֿעט זיך צו מיר אַ געדאַנק : צי באַגיי איך אויך ניט אַ פֿאַרראַט צו מײַן פֿאָלק, ווען איך גיי אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדערער קולטור ?

זונטיק דעם 20סטן דעצעמבער

ווען כ'וואַרף אַ בליק אויף מײַן נאָענטן און ווײַטן נעכטן, זעט ער מיר אויס אַזוי נאַיִוו, קינדעריש, האַלב-פֿאַנטאַסטיש און ניט רעאַל. נעכטן בין איך נאָך געווען אַ פֿאַרבלענדעט קינד, האָב קיין זאַך ניט געזען אַרום זיך ! נעכטן האָב איך נאָך געגלויבט, אַז דאָס בוך איז אַלץ, אַז לעבן הייסט לערנען בלויז. דערפֿאַר האָב איך מער גאָרניט געטאָן אויסער לערנען, און געפֿאָדערט בלויז באַדינגונגען צו לערנען. דערפֿאַר האָב איך נישט געקענט די באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבן די אַרומיקע : דאָס הייסט דערוואַקסענע, די, וועלכע זײַנען אויסער די ראַמען פֿון אונדזער קינדערהיים. הײַנט הייבט זיך אָן מײַן וויסן : איצט האָב איך באַמערקט דעם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ ; פֿאַר ברויט, פֿאַר האָלץ א. אַ. וו. ערשט איצט זע איך דעם אונטערשייד אין לעבן, צום בײַשפּיל פֿון העלענאַ פּאַנטעליימאָנעוונאַ : אַ יונגע, טאַלאַנטפֿולע קינסטלערין, וואָס האָט אַפֿילו נישט קיין מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען איר טאַלאַנט, און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי אַרבעט, שטאַרבט זי פֿון הונגער מיט איר צוויי-יעריק קינד... אויך רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ, וואָס אַרבעט אַלס לערערין אין שולע, קומט קוים אויס מיט איר פֿאַרדינסט.
פֿאַני און ב. פֿ. לעבן איצט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אין רײַכטום און רחבֿות ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איצט איז אַ מלחמה און מיליאָנען הונגערן...
די ערשטע צוויי לײַדן דערפֿאַר, ווײַל זיי קענען ניט „דרייען“, זיי זײַנען אָפֿנהאַרציק, ערלעך, גייען מיט אַ גלײַכן וועג.
די אַנדערע זײַנען זשעדנע, פֿילן די אַנדערע נישט מיט. אַזוי איז זיי בעסער



דאָס לעבן !
צום לעבן דאַרף מען אַראָפּנידערן פֿון די הימלען ! אַזוי לערנען מיר די באַדינגונגען. איצט וויל איך לערנען ניט בלויז פֿון בוך, נאָך מער פֿון לעבן ! כ'וויל טרינקען פֿון לעבנסקוואַל, פּרוּוון דעם טעם פֿון די לײַדנשאַפֿטן, געפֿילן, כ'וויל פֿילן דאָס, וואָס הייסט גליק. איך וויל לעבן ! וואָס דערוואַרט מיר ? כ'ווייס, אַז כ'וועל אַליין בויען מײַן לעבן און אַלץ איז אָפּהענגיק פֿון דעם ווי כ'וועל באַהאַנדלען די באַדינגונגען !

פֿרײַטיק דעם 1טן יאַנואַר 1943

ס'איז 3 פֿאַרטאָג. אַלע זײַנען שוין פֿאַרמאַטערט פֿון לאַנגן טאַנצן, זינגען, שפּילן. קיינער וויל זיך אָבער ניט מודה זײַן און ניט גיין שלאָפֿן. קינסטלעך און פֿאַרמאַטערט זײַנען אַלע געלעכטערס, הויך קלינגען די יונגע שטימען. מיר טרעפֿן שוין דעם נײַעם יאָר. דער יאָר 1942 איז שוין אַרײַן אין דער קייט פֿון דער געשיכטע. אַ גאַנצן יאָר אין אודמורטישן דאָרף קאַראַקולינאָ, אין עוואַקויִרטן קינדערהיים. - אַ קײַלעכדיק יאָר מלחמה, בלוט-פֿאַרגיסונג, אַ שווערער מלחמה-יאָר. וואָס ברענגט אונדז און דער מענטשהייט דער יאָר 1943 ? איך הייב אָן דעם יאָר אין קאַראַקולינאָ, ווּ וועל איך ענדיקן דעם יאָר ? צי וועט דער יאָר אונדז ברענגען פֿרידן און זיג, ווי ס'ווילט זיך גלויבן, ווי אַ סך פֿאַרזיכערן ? צי וועט ער מיר ברענגען אַ גוטע טעטיקייט, אַ רום ?
דער יאָר איז ערשט 3 שעה אַלט, וואָס טראָגט ער אויף זײַנע אומשולדיק ווײַסע פֿליגעלעך ? אפֿשר זײַנען שוין זײַנע פֿליגעלעך פֿאַרפֿלעקט מיטן בלוט פֿון די געפֿאַלענע העלדן, פֿאַרפֿלעקט מיט ביטערע טרערן פֿון פֿאַרפֿײַניקטע פֿרויען, קינדער און זקנים אין היטלער-לאַנד ? אפֿשר איז דאָס מלאכים-געזיכט פֿאַרקרימט דורכן ווייטיק פֿון מײַן מוטערס טרערן פֿאַר מײַן פֿאַרשוועכטער שוועסטערל און קאַסטרירטן ברודער ? ס'ווילט זיך גלויבן און האָפֿן אויף בעסערס ! אַלע זײַנען דאָך דורשטיק נאָך גליק...

יאָר 1943 פֿאַרענדיק די מלחמה !

טיק-טאַק ! פֿון גאָרקיס „שעהן“.

אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט פֿון דער נאַכט איז ניט אָנגענעם צו הערן די נישט-מוראַדיק-שיינע רייד וועגן די האַנדלונגען פֿון דער צײַט : די מאָנאָטאָנע קלאַנגען און מאַטעמאַטיש ריכטיקע, אײַנבילדעריש באַצייכנענדיקע שטענדיק דאָס זעלבע : די אייביקע באַוועגונג פֿון לעבן !

דאָנערשטיק דעם 21סטן יאַנואַר

פֿון געניען האָב איך שוין זייער לאַנג ניט קיין בריוו. אין לעצטן בריוו האָט זי געשריבן, אַז זי קלערט מיט שוידער וועגן דעם, אַז זי דאַרף זײַן אַ לערערין אין דער צוקונפֿט. צוליב דעם באַמיט זי זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אינסטיטוט פֿון מעדיצין אין איזשעווסק. דאָס זעלבע האָט זי אויך געשריבן טאַניען. אָבער דאָס אַריבערפֿאָרן קיין איזשעווסק איז פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן, ווײל זי שוין אָנקומען אין סווערדלאָווסק. איצט קוקן אַלע מיט נייגער אויף מיר : וואָס וועל איך טאָן ? איך קלער אָנקומען אין ליטעראַטור-פֿאַקולטעט פֿון קאַזאַנער אוניווערסיטעט. איצט איז נאָך צו פֿרי צו מאַכן אַ פּלאַן, אָבער עס קומען פֿאַרשיידענע געדאַנקען אין קאָפּ. כ׳וויל לערנען ליטעראַטור, זעלבשטענדיק שפּראַכן... כאָטש צו וואָס טרוימען ? שוין לאַנג ווי כ׳האָב אָנגעהויבן שרײַבן אַ דערציילונג אין רוסיש. כ׳לייג אויף איר גרויסע האָפֿענונגען, כאָטש איך שרײַב ניט אָפֿט, ווײַל כ׳האָב ניט קיין סך צײַט. אגבֿ גלייב איך צו פֿיל אין מײַנע כּוחות. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס כ׳פֿיל, אַז אַ סך פּערזאָנען שעצן מיר זייער און באַוונדערן. טייל מאָל קלער איך, אַז אין מיר איז פֿאַראַן אַ פֿונק פֿון דעם פֿײַער, וואָס הייסט טאַלאַנט. צײַטנווײַז קלער איך, אַז כ׳דאַרף זיך לערנען אין אַ דראַמשולע. אין קאַראַקולינאָ האָב איך לעצטנס מיט גרויס דערפֿאָלג דעקלאַמירט אַן אויסצוג פֿון וואַנדע וואַסילעווסקיס „רעגנבויגן“ און עטלעכע געדיכטן געווידמעט דער פֿאָטערלענדישער מלחמה. אַלע לערער,



בכלל עוואַקויִרטע אינטעליגענץ וואַרטן מיט אומגעדולד אויף מײַנע אויפֿטריטן. אַ סך זײַנען מיר מקנא, אין דער ערשטער ריי - שורע זלאַטינאַ, אויך וויערע פֿורמאַנסקי, וועלכע באַמיט זיך שטילערהייט מיר נאָכפֿאָלגן אין אַלץ, און אויך אַנדערע מיידלעך פֿון צימער. ווי זאָל איך עס פֿאַרשטיין, וואָס זאָל איך אויסקלײַבן פֿאַר מײַן פּראָפֿעסיע ? צי זאָל איך גיין מיט מײַן טרוים ?

זונטיק דעם 31סטן יאַנואַר

פֿאַראַן טעג, וואָס ברענגען מיר פֿיל פֿרייד, טראָגן אַרײַן נײַעס אין גרויען לעבן. מײַנע לערערינס אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ - די לערערין פֿון מאַטעמאַטיק און אונדזער קלאַסן-דערציִערין - אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ - די לערערין פֿון דײַטש, באַציִען זיך צו מיר מיט אַ סך סימפּאַטיע, אַ סך בעסער ווי צו אַלע אַנדערע שילער. זיי רעדן כּסדר וועגן מײַנע פֿעיִקייטן. דער גורל האָט מיר באַרויבט פֿון אַ סך זאַכן : מײַנע עלטערן זײַנען דאָך נישט געווען קיין רײַכע מענטשן, נישט קיין זייער געבילדעטע. דערפֿאַר האָב איך דאָך פֿון דער פֿריסטער יוגנט געהאַט דעם טעם פֿון נויט... איצט האָב איך דעם טעם פֿון עלנט ! אָבער איך בין באַשאָנקען מיט פֿעיִקייטן ! ווי זאָל איך איצט מײַנע פֿעיִקייטן אַנטוויקלען, כּדי צו דינען דער געזעלשאַפֿט ? לעצטנס קלער איך פֿיל וועגן מײַן צוקונפֿטיקער ספּעציאַליטעט. וווּהין ? אפֿשר בין איך איצט אונטערן אײַנפֿלוס פֿון פּראַקטישע מענטשן ? - מעגלעך. צי זאָל איך גיין לערנען פֿאַר אַן אינזשעניער ? דאָס קען פֿאַרזיכערן אַ בעסערע מאַטעריעלע באַזע, און מיר נענטער צובינדן צום ערדישן לעבן. אַזוי וועל איך אויפֿהערן שוועבן אין די הימלען... אַזאַ אויסוואַל שליסט ניט אויס מײַן ווײַטערדיקע אינטעלעקטועלע אַרבעט. מען קען דאָך זײַן אַ גוטער אינזשעניער און זיך אינטערעסירן מיט ליטעראַטור און שפּראַכן. צי דען שליסט איינס אויס דאָס אַנדערע ? ניין ! אַ מאַטעריעלע באַזע מוז איך זיך פֿאַרזיכערן, ווײַל

דאָס, וואָס איך אַליין וועל ניט דעראָבערן, וועט דאָך מיר קיינער ניט שענקען. מײַנע עלטערן האָבן דאָך אויך געלעבט אין נויט און דחקות, געשענקטע קליידער. מײַן מוטער האָט זיך ניט געקענט ווײַזן צווישן מענטשן, אויך ניט דער פֿאָטער, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין לײַטישע קליידער. מיר די קינדער זײַנען עטלעכע יאָרן געווען אין פֿילאַנטראָפּישע אינטערנאַטן. איך פֿאָדער נישט קיין רײַכטום, אָבער כ׳וויל מער נישט זײַן קיין שלעפּערין !

מיטוואָך דעם 3טן פֿעברואַר

דאָך בין איך איצט אַ שלעפּערין ! גורל, פֿאַר וואָס ? פֿאַר וואָס אַזוי אָרעם ? ווייטאָקדיקער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס זײַטיקע באַמערקן עס און קוקן אויף מיר, ווי אויף אַלע איבעריקע דערצויגלינגען פֿון קינדערהיים, פֿון אויבן אַראָפּ... מײַנע זאַכן, וועלכע זײַנען שוין פֿריִער ניט געווען פֿון דער ערשטער נײַקייט, רײַסן זיך אַלץ מער און מער... קיין נײַע קומען ניט צו. אַ גליק, וואָס כ׳לעב אין אַ דאָרף, ווו די היגע קינדער צייכענען זיך אויך ניט אויס מיט זייערע קאָסטיומען. דאָך איז דאָ איצט פֿאַראַן אַ גאַנץ גרויסע גרופּע עוואַקויִרטע פֿון גרויסע שטעט, וואָס זײַנען פֿאַרהעלטניסמעסיק גוט אָנגעטאָן. וואָס וועט נאָך זײַן אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען כ׳וועל זיך באַווײַזן אין אַ שטאָט כּדי שטודירן ?

פֿאַני פֿאַוולאָוונאַ, מײַן ליבהאַרציקע דערציִערין, לעבט איצט אין ווילטאָג און רײַכקייט און דערפֿאַר קוקט זי אויך אויף מיר פֿון אויבן אַראָפּ... זי קען דאָך גוט אונדזערע באַדינגונגען, זעט דאָך אונדזער זשעדנעקייט, ווען מיר גייען מיטן שיסעלע נאָך אַ צוגאָב פֿון אונדזער וואַסערדיקער זופּ מיט אַ לעפּעלע קאַשע... איך קלאָג זיך ניט, כ׳מוז דאָך דערווײַל שלום מאַכן מיט די באַדינגונגען : מיר זײַנען דאָך קיין מאָל ניט זאַט, כאָטש מען באַמיט זיך אונדז אײַנרעדן, אַז מיר לעבן זייער גוט אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע אין דער מלחמה-צײַט... עס טרעפֿט זיך, אַז מיר גלוסט זיך גיין צו עמיצן פֿון מײַנע באַקאַנטע צו גאַסט, דערפֿאַר ווײַל כ׳ווייס, אַז מען וועט מיר מיט



עפּעס מכבד זײַן : מיט עטלעכע קאַרטאָפֿל, אַ שטיקל ברויט, אפֿשר וויניגרעט... פֿון צײַט צו צײַט באַמי איך זיך קעמפֿן מיט אָט דער אויסגערעכנטקייט, אָבער נישט שטענדיק גיט זיך מיר עס אײַן. אומאַנגענעמער פֿון אַלץ איז מיר דאַן, ווען כ׳בין בײַ פֿאַני פֿאַוולאָוונאַן און איר מוטער הייבט אָן מכבד זײַן. כ׳ווייס, אַז די גאַנצע מוטערלעכע הערצלעכקייט און גאַסטפֿרײַנדלעכקייט שטאַמט בלויז פֿון דעם, וואָס זי דאַרף צו מיר אָנקומען : שורע גרייט מאַטעמאַטיק און נייטיקט זיך אין מײַן הילף ! דאָס איז די פֿראַגע פֿון די באַציִונגען און פֿאַרהעלטענישן ! איך וויל ניט איבעררײַסן די הילף פֿאַר שורען. בכלל געפֿעלט מיר זייער, ווען מענטשן ווילן מיר שעצן און זיך רעכענען. ווען איך פֿאַרגלײַך זיך צו שורען, כאָטש זי האָט איר מוטער און באָבע, זיידע, האָט שיינע בגדים, אַ סך עסן, אָבער זי איז טעמפּ און נאַריש, קום איך צום אויספֿיר, אַז כ׳בין פֿיל גליקלעכער פֿון איר און כ׳וויל זיך מיט איר נישט בײַטן !

כ׳גלייב, אַז מיט די אייגענע כּוחות וועל איך אויפֿבויען מײַן לעבן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָב איך אַפֿילו געביטן מײַנע פּלענער בנוגע מײַן ווײַטערדיקער בילדונג און ספּעציאַליטעט. כ׳בין געקומען צום אויספֿיר, אַז ליטעראַטור קען מען שטענדיק דערלערנען, ווען מען וויל לייענען, מען האָט צײַט און אינטערעס. אין לעבן מוז מען אויסזוכן אַ ספּעציאַליטעט, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן אַ מאַטעריעלע באַזע. דערפֿאַר האָב איך באַשלאָסן ענדיקן די שולע און אָנקומען אין אַ טעכנישן אינסטיטוט, זיך לערנען פֿאַר אַן אינזשיניער. מעגלעך אַפֿילו אין איזשעווסק.

דאָנערשטיק דעם 12טן פֿעברואַר

אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ - אונדזער קלאַסן-דערציִערין און לערערין פֿון מאַטעמאַטיק האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו לערנען פֿראַנצייזיש, כאָטש לויט איר ספּעציאַליטעט איז זי ניט קיין שפּראַכן-קענערין. אָבער זי האָט געפֿונען אַ ביכל און האָט מיר אָנגעהויבן לערנען. איך לייג מיט מי צונויף

טראַפֿן און כ׳האָף זיך אויסלערנען אין גיכן לייענען פֿראַנצייזיש !

דער גורל האָט מיר שוין ווידער געגעבן אַ זיסן שמייכל : שורע זלאַטינאַ וועט דאָך מוזן גיין צו די עקזאַמענס מיטן גאַנצן קלאַס, איז זי אָבער אין העכסטער פֿאַרצווייפֿלונג... פֿאַני פֿאַווולאָוונאַ האָט מיר געבעטן כ׳זאָל צוגרייטן שורען צו די עקזאַמענס פֿון מאַטעמאַטיק און פֿיזיק, דערבײַ האָט זי מיר צוגעזאָגט מיר אַרויסהעלפֿן אין מײַן זעלבשטענדיקן סטודענטישן לעבן ! זי איז צו מיר צוקער-זיס, רופֿט מיר „לענוסינקע“...

דאָנערשטיק דעם 29סטן אַפּריל

איך טרעף שוין דעם צווייטן פֿרילינג אין דער פֿרעמד : ס׳איז שוין וואַרעם, העל, טרוקן. מײַן שטימונג איז פּונקט ווי די נאַטור ! כ׳האָב שוין געקריגן לעצטנס אַ נײַעם, גרינעם, זומערדיקן מאַנטל און אַ גרינע זײַדענע קליידל - אַ טייל גאַרדעראָב צום זעלבשטענדיקן סטודענטישן לעבן ! מײַנע באַציִונגען מיטן דירעקטאָר האָבן זיך שטאַרק פֿאַרבעסערט, כ׳האָב געפֿונען חן אין די אויגן פֿון סעקרעטאַר פֿון רייקאָם פֿון דער פּאַרטיי, וועלכער לויבט מיר שטאַרק פֿאַר מײַן וויסן, און האָט מיר אַפֿילו פֿאַרבעטן טאַנצן אין אָוונט. ניט לאַנג איז געווען פּסח און פֿאַני פּאַוולאָוונאַס מוטער האָט מיר אָנגעלאַדן צו זיי צום סדר ! בכלל לעבן זיי זייער רײַך און זענען מיר זייער אָפּט מכבד מיט גוטע מאכלים, ווי ברויט מיט פּוטער, זיסע טיי, פֿיש, וויניגרעט, דאָס איז דאָך איצט אַ ווילטאָג. פּסח האָב איך אַפֿילו בײַ זיי געגעסן מצה, אַן איי, האָניקלעקעך און טאָרט ! ווען כ׳קום צו זיי אַהיים, דערמאָן איך זיך מײַנע אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע ייִדישע משפּחות און עס טוט מיר וויי, וואָס כ׳האָב שוין נישט מײַן היים.

עס דערנענטערן זיך שוין די עקזאַמענס פֿון אַלע 13 קעגנשטאַנדן פֿון מײַן קלאַס. כ׳גרייט זיך ביסלעכווײַז, אָבער נישט פֿולשטענדיק, ווײַל כ׳בין דאָך נאָך אַלץ אָן ברילן... און צווייטנס פֿאַרנעמען בײַ מיר אַ סך צײַט די



רעפּעטיציעס. אין גיכן שטעלן מיר קאַטאַיעווס פּיעסע : „דאָס בלויע טיכעלע“, ווו איך שפּיל די הויפּטראָל - דאַשאַ.

דעם 14טן אַפּריל האָבן מיר געקריגן אַ טעלעגראַמע פֿון סטאַלינען מיט אַ דאַנק פֿאַר די 10 טויזנט רובל, וואָס מיר האָבן געשענקט פֿאַרן פֿאַרטיידיקונג-פֿראָנט. דער טאָג איז געווען זייער אַ פֿריידיקער ! אַ קלייניקייט ? סטאַלין האָט אונדז געדאַנקט אין נאָמען פֿון דער רויטער אַרמיי ! אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געפֿײַערט, געזונגען, געטאַנצט !

שבת דעם 22סטן מײַ

כ׳בין איצט געקומען פֿון די עקזאַמענס : רוסישע ליטעראַטור. איצט - מינדלעך. דאָנערשטיק איז געווען שריפֿטלעך. מײַן שריפֿטלעכע אַרבעט : „די רוסישע פֿרוי לויט גאָרקיס ׳מוטער׳“ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן העכער ווי „אויסגעצייכנט“ און האָט געמאַכט אַ רושם צווישן אַלע לערער. די נאָנטסטע עקזאַמענס זײַנען 5 מאַטעמאַטיקעס. כ׳בין שוין גוט צוגעגרייט. אין גיכן דאַרף מען שוין קלערן וועגן אַוועקפֿאָרן... וווּהין ? כ׳וויל פֿאָרן קיין מאָסקווע. געניע איז שוין דאָרטן אַריבערגעפֿאָרן מיטן אוניווערסיטעט.

פֿרײַטיק דעם 11טן יוני

אַזוי האָב איך געענדיקט די שולע : נעכטן 3 אַ זייגער בײַ טאָג האָב איך געהאַלטן דעם לעצטן עקזאַמען פֿון דײַטש.

הײַנט בין איך שוין אַן אַביטוריענטקע. דעם 14טן ענדיקט זיך שוין דער שוליאָר, וועט דאַן זײַן דער אַרויסלאָז-אָוונט, ווען כ׳וועל באַקומען דעם אַטעסטאַט. איצט באַמי איך זיך אָנהייבן אַרבעטן. גלײַך נאָך די עקזאַמענס בין איך אַוועק צו מיכאַיִל איוואַנאָוויטשן, וועלכער איז דירעקטאָר פֿון „סאָנאָ“ און כ׳האָב אים געבעטן מיך אײַנאָרדענען אַרבעטן אין קאָלכאָזישן קינדער-גאָרטן, כּדי צו פֿאַרדינען מעל פֿאַרן זומער. ער האָט מיר צוגעזאָגט. כ׳ווייס ניט ווי עס וועט זיך פֿאַרווירקלעכן, ווײַל הײַיאָר זײַנען פֿאַראַן

וויניק קינדער-גערטנער און אַ סך לערער, וואָס ווילן אַרבעטן. אַ סך פֿון אונדזערע לערער האָבן אים געבעטן נאָך פֿריִער פֿון מיר ! אָבער ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט. אויב ס'וועט זיך מיר אײַנגעבן דאָ צו אַרבעטן, וועל איך זײַן צופֿרידן !

דינסטיק דעם 29סטן יוני

עס איז שוין אַריבער אַ לאַנגע צײַט און כ'האָב זיך נאָך נישט אײַנגעאָרדנט אויף דער אַרבעט. דער קינדער-גאָרטן, וווּ מען האָט מיר באַשטימט, האָט נאָך נישט אָנגעהויבן קיין אַרבעט. אַ דאַנק מײַנער אַ באַקאַנטער איז מיר געלונגען קריגן אַרבעט אין קאָלכאָז „איליטש" אין דאָרף „מאַראַגינאָ", 6 קמ' פֿון דאַנען. כ'וועל אַרבעטן אין דער טראַקטאָריסטן-אָפּטיילונג. די אַרבעט איז זייער אַ שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע : כ'וועל זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן נאַפֿט, בענזין און די אַנדערע ברען-מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן איצט, אין דער מלחמה-צײַט, זייער אַ גרויסע באַדײַטונג. ווײַנען דאַרף איך אין פֿעלד, גיין אַ סך צו פֿוס כּדי צו מעסטן וויפֿל ס'האָבן צעאַקערט די טראַקטאָרס. דערפֿאַר איז די באַלוינונג אַ גוטע : 6 ק"ג מעל אַ טאָג ! ד. ה. לויט די איצטיקע פּרײַזן - 600 רובל. מען זאָגט, אַז די טראַקטאָריסטן שפּײַזט מען זייער גוט. אויך דאָס איז זייער וויכטיק ! לעצטנס איז די באַשפּײַזונג אין קינדערהיים זייער אַ קליינע. אין דער פֿרי 8 אַ זייגער - 200 גראַם ברויט, 10 גראַם פּוטער, 10 גראַם צוקער... דאָס אַלץ וויל בשום אופֿן ניט צופֿרידנשטעלן דעם אײַנגעשרומפּענעם, אויסגעהונגערטן מאָגן... 3 בײַ טאָג - אַ שיסעלע שטשאַוו, אָדער זופּ פֿון קראָפּעווע, אין וועלכער מען קען זעלטן געפֿינען אַ האַלבע קאַרטאָפֿלע און אַ לעפֿעלע קאַשע. נאָך מיטאָג גייען אַלע אַוועק פֿון טיש נאָך מער אַנטוישט ווי פֿאַר מיטאָג, אונדזער האָפֿענונג צו פֿאַרקלענערן די קראַמפֿן אין האַלב-פּוסטן מאָגן רינען אויס ווי אַ צעלעכערטע איי. 7 פֿאַר נאַכט - 200 גראַם ברויט, אַ גלאָז מילך און ווידער צוויי לעפֿל קאַשע - אין בעסטן פֿאַל ! אַ מאָל - אַ צענט חלק פֿון אַ פֿישל, אַ פֿערטל פֿון אַ פֿײַנקוכן אויף אַן איי... אין דער לעצטער צײַט האָב איך פֿאַרלאָרן 10 ק"ג אין מײַן וואָג. ס'איז בכלל ניט פֿאַראַן קיין טאָג, ווען כ'זאָל קענען פֿאַרגעסן מײַן מאָגן... ליידער פֿאַרליר איך די כּוחות, אָבער צו דער אַרבעט גיי איך מיט גרויס אינטערעס. כ'וויל זיך טרעפֿן מיטן פֿאָלק און צוזאַמען מיט אים אַרבעטן. איך האָף, אַז אויפֿן פֿרײַען פֿעלד וועל איך זיך אַ ביסל שטאַרקן און קרעפֿטיקן. און אפֿשר פֿאַרגעסן וועגן מײַן מאָגן. כ'וועל דאָרט אויך פֿאַרדינען ברויט און זיך פֿאַרזיכערן אַ מאַטעריעלע באַזע אויפֿן ווינטער פֿאַר דער צײַט, ווען כ'וועל אָנהייבן שטודירן. אַלזאָ - צו דער אַרבעט - מאָרגן ! מאַראַגינאָ !

פֿרײַטיק דעם 2טן יולי

אָנגעטאָן לאַנגע פֿלאַנעלענע הויזן, אַ ייִנגלשן סוועטער, וועלכן ס'האָט מיר געשענקט איינער פֿון אונדזערע דערציִיגלינגען, אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, לאַפּטשעס און אָניטשעס, ווײַן איך אין מיטן פֿעלד, ניט ווײַט פֿון קאַראַקולינאָ - אין דאָרף מאַראַגינאָ. כ'אַרבעט אין אַ טראַקטאָריסטן-אָפּטיילונג. מײַן פֿליכט איז אַרויסגעבן און קאָנטראָלירן די ברען-מאַטעריאַלן, פֿירן דעם חשבון וויפֿל יעדער טראַקטאָריסט האָט צעאַקערט, וויפֿל ער האָט פֿאַרברויכט קעראָסין און וויפֿל ר'האָט אויסגעפֿילט אַרבעטטעג. די אַרבעט איז ניט קיין שווערע, נאָר זייער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע.

איך זיץ שוין דעם צווייטן טאָג אין וואַגאָן, וווּ ס'ווױנען נאָך 12 טראַקטאָריסטן. כ'הער ווי ס'זידלען זיך יונגע פּויערים-זין, כ'זע ווי זיי רעמאָנטירן די מאַשינען. כ'האָב אַ סך פֿרײַע צײַט. כ'גיי קלײַבן יאַגדעס, טרוסקאַווקעס, כ'לייען, כ'טרוים. בײַ נאַכט שלאָף איך בײַ אַ פּויערטע אין דאָרף, נאָר טייל מאָל קומט מיר אויס צו בלײַבן אין וואַגאָן. הײַנט צ.ב. בין איך געשלאָפֿן אויף דער נאַרע מיט אַ פֿויסט און רעכן-מאַשין צו קאָפּנס

און זיך געטרייסלט פֿון קעלט, ווײַל מײַן קאָץ איז געבליבן אין דאָרף.

שבת דעם 3טן יולי

ווידער אַ גאַנצן טאָג אין וואַגאָן. בײַ נאַכט איז זייער קאַלט און אין דאָרף אַרײַן קען איך ניט גיין צוליב דעם, ווײַל בײַ נאַכט וועט אויסקומען אָנצופּילן די טראַקטאָרס מיט קעראָסין. כ׳פֿיל זיך זייער שלעכט. ס׳טוט מיר ווײ דער קאָפּ און דער בויך, עס קלינגט אין די אויערן די ערגסטע זידלווערטער, וועלכע עסן זיך אײַן אין מײַנע געהירן ווי זלידנע פֿליגן. וווּהין אַנטלויפֿן? מיר דאַכט זיך, אַז לאַנג וועל איך דאָ נישט אויסהאַלטן, כ׳וועל אַנטלויפֿן... אַך! בײַ נאַכט אין געלעגער אין קאַראַקולינאָ, ווען מיר איז געווען ווייך, וואַרעם און באַקוועם, האָב איך שוין שטילערהייט גערעכנט וויפֿל פּוד מעל כ׳וועל זומער פֿאַרדינען און דאַן געמאַכט מנחם-מענדלס געשעפֿטן. דאָס איינציקע, וואָס האַלט מיך אײַן אין דעם שמוץ איז דער באַוווסטזײַן, אַז דאָס איז נייטיק פֿאַר מײַן ווײַטערדיקן לערנען. דאָס איז אַ קרבן, וועלכן איך מאַך פֿאַר מײַן שטודירן. כּדי כ׳זאָל קענען דאָס נאָנטסטע יאָר ווי עס איז עקזיסטירן און ניט שטאַרבן פֿון הונגער, מוז איך איצט פֿאַרדינען ברויט! חוץ דעם גרייט איך זיך באַקעמפֿן די שוועריקייטן, וואָס טרעפֿן זיך מיר. ווער ווייסט וווּהין דער גורל וועט מיך נאָך פֿאַרוואַרפֿן. ווער ווייס אין וואָס פֿאַר אַ באַדינגונגען מיר וועט אויסקומען לעבן? דאָס וויכטיקסטע: ניט פֿאַרלירן דעם מוט און אויסהאַלטן!

דאָנערשטיק דעם 8טן יולי

ווען כ׳בין מאָנטיק אַוועק מיטן רעכענונג אין קאַנצעלאַריע פֿון מט״ס*, בין איך אויך אַרײַן צו אונדז אין קינדערהיים. דאָרטן האָבן מיר אַלע אַרומגערינגלט, זיך באַמיט מיר מיט עפּעס העלפֿן. באַזונדערס באַמיט זיך וויערע. זי קלײַבט צונויף מײַנע דאָקומענטן און שיקט זיי אַוועק אין די אינסטיטוטן, וווּהין איך בעט איר. כ׳בין איר זייער, זייער דאַנקבאַר. כ׳בין



בכלל געווען שטאַרק גערירט פֿון דער וואַרעמקייט, וואָס מען האָט מיר אַרויסגעוויזן. אַלע האָבן מיר געפֿרעגט וועגן מײַן אַרבעט, וועגן אַלץ. מיטן דירעקטאָר האָב איך נאָך ניט גערעדט, ווײַל ער איז ניט געווען אין דער היים. ווען ער איז געקומען האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאָרגן שטעלט מען די פּיעסע „דאָס בלויע טיכעלע“, אין וועלכער איך דאַרף שפּילן די הויפּטראָל. ס׳איז אויסגעקומען, אַז איך זאָל זיך ווענדן צום בריגאַדיר פֿון מײַן אַרבעט מיט אַ ביטע, ער זאָל מיך באַפֿרײַען אויף דעם אָוונט! ער האָט מיך באַפֿרײַט. איך בין צו פֿוס אַוועק פֿון פֿעלד קיין קאַראַקולינאָ - 8 קמ׳ - און כ׳האָב זיך גענומען גרייטן צו דער פֿאָרשטעלונג. נאָר די פֿאָרשטעלונג איז נישט צושטאַנדגעקומען, כאָטש מיר זײַנען אַלע שוין געווען אין די קאָסטיומען און אין גרים... 2 אַ זייגער בײַ נאַכט האָב איך זיך געלייגט שלאָפֿן אין קינדערהיים. 9 אַ זייגער אין דער פֿרי נאָכן פֿרישטיק בין איך צו פֿוס צוריק אַוועק אין פֿעלד. כ׳בין געווען זייער פֿאַרמאַטערט און הונגעריק, ווײַל דער היגער פֿרישטיק איז דאָך זייער אַ קליינער און מײַן מאָגן איז געווען פּוסט... כ׳האָב געהאָפֿט, אַז כ׳וועל אפֿשר דאָ געפֿינען עסן און זיך אפֿשר אויך קענען אָפּרוען. אָבער מײַן אילוזיע איז אויסגערונען ווי וואַסער פֿון אַ צעלעכערטן געפֿעס. דער בריגאַדיר האָט מיר פֿאָרגעוואָרפֿן, וואָס כ׳בין אַזוי שפּעט געקומען... ער האָט מיר אויך געהייסן אויסשרײַבן אַוואָטאָל* און אַליין פֿאָרן צום דירעקטאָר פֿון מט״ס, ער זאָל באַשטעטיקן. כ׳בין גלײַך צוריק אַוועק אין דאָרף צום פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט ער זאָל מיר געבן אַ געשפּאַן מיט אַ פֿורמאַן. קיין פֿורמאַן האָב איך ניט געפֿונען. אָט שטיי איך הילפֿלאָז לעבן פֿערד און בין אין כּעס אויף זיך אַליין פֿאַר מײַן הילפֿלאָזיקייט. וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך טאָן מיט דער חיה וואָס שטייט אין געשפּאַן, אַז זי זאָל גיין? כ׳האָב שיר ניט געוויינט, כ׳האָב זיך געזעצט אין וואָגן און... בין אַוועקגעפֿאָרן. דער פֿערד דרייט זיך אַהין און אַהער און איך צי די לייטשעס דאָ אין איין זײַט, דאָ אין אַ צווייטער. ס׳איז מיר איצט פֿריילעכער אויפֿן האַרצן. אַהאַ - טראַכט איך

- וואָס פֿאַר אַ בעסערע סיטואַציע האָב איך איצט ! ווען כ'בין שוין געווען נאָענט פֿון קאַראַקולינאָ האָט אָנגעהויבן רעגענען. כ'האָב ווי עס איז צוגעבונדן דעם פֿערד צו אַ סלופּ און בין אַוועק צום דירעקטאָר. ער האָט די ביטע באַשטעטיקט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מבול ! כ'האָב געמוזט זיצן און וואַרטן עס זאָל אויפֿהערן. אין דער צײַט איז דער פֿערד געפֿאַלן, האָב איך געמיינט, אַז ער האָט צעבראָכן אַ פֿוס. מען דאַרף אים אויסשפּאַנען, אָבער איך קען ניט. אייניקע פֿרויען זײַנען מיר געקומען צו הילף און האָבן זיך אויסגענעצט. נאָך דעם ווי דער מבול האָט אויפֿגעהערט בין איך אַוועק אין קינדערהיים עפּעס אָנטאָן און אויך עסן. עס האָט מיר ווידער געריירט די וואַרעמקייט, מיט וועלכער מען האָט מיך אַרומגערינגלט. איינער פֿון די ייִנגלעך האָט צוריק אײַנגעשפּאַנט דעם פֿערד און כ'בין אַוועקגעפֿאָרן אויף דער באַזע. נאָר דאָרט איז געווען אַ פֿרישער אומגליק : ס'איז פֿאַראַן אַ באַפֿעל, אַז יעדער, וואָס קומט צו פֿאָרן נאָך ברען-מאַטעריאַלן, דאַרף אַריבערפֿירן 10 פֿעסלעך נאַפֿט פֿון איין באַזע אויף דער צווייטער. אַזאַ קאָפּ-דרייעניש פֿאַר מיר ! כ'בין ווידער געלאָפֿן צום דירעקטאָר פֿון מט"ס, ער זאָל מיר באַפֿרײַען פֿון דער פֿליכט. „צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל !" זאָגט מאָטל פּייסי דעם חזנס. ער האָט מיר באַפֿרײַט. איצט בין איך צוריק אויפֿן פֿעלד, נאָך דעם ווי כ'האָב פֿאַרבראַכט אַזוי דעם גאַנצן טאָג.

הײַנט אין דער פֿרי איז ווײַטער געווען אַ רעגן. די טראַקטאָרס זײַנען שפּעט אַרויסגעפֿאָרן.

דעם זעלבן טאָג - בײַ טאָג

ווען כ'בין נעכטן געקומען שלאָפֿן צו דער פּויערטע אין דאָרף, האָב איך דערזען, אַז מײַן קישעלע איז אָן אַ ציכעלע. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די פּויערטע האָט עס אַראָפּגענומען. כ'האָב זי אויפֿגעפֿאָדערט און זי האָט מיר אָפּגעגעבן די ציכעלע. אָבער פֿון צײַט צו צײַט וואָרטשעט זי צו... טאָמער



איך וואַש פֿאַרן גיין שלאָפֿן די פֿיס - איז עס פֿאַר איר אַן עסק... ווען כ'האָב געבראַכט פֿון קינדערהיים פֿאַר מיר אַ ליילעך אין בעט - איז עס אויך איר עסק... צי וועט זי אים אויך צונעמען ? איר טאָכטער איז אַ קעכין וואָס אַרבעט בײַ אונדז, ראַמט זי זיך כּסדר אויף אונדזער חשבון : ברויט, קאַשע, מילך און פֿלייש. מיר דאַכט זיך, אַז פֿון מילך נעמט זי צו ערשט אַראָפּ די סמעטענע... ליידער !

פֿרײַטיק דעם 9טן יולי

מײַן לעבן אין פֿעלד ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָנגעשטרענגט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך באַצי זיך זייער גוט צו די טראַקטאָריסטן, באַגעגן זיי מיט אַ גוטן וואָרט און אַ שמייכל, באַציִען זיי זיך נישט גוט צו מיר. ערשטנס האַלטן זיי, אַז איך טו גאָרנישט : צעטיילן און אָפּמעסטן פֿאַר יעדן די נאַפֿט, עס פֿאַרשרײַבן - דאָס איז קיין אַרבעט נישט... צווייטנס - איז עס דערפֿאַר, ווײַל כ'בין אַ ייִדישע. (ווער זאָגט, אַז דאָ איז ניט פֿאַראַן קיין אַנטיסעמיטיזם ?) דריטנס דערפֿאַר, ווײַל פֿאַרן עסן וואַש איך די הענט און עס מיט מײַן אייגענער לעפֿל. דאָס וויכטיקסטע : דערפֿאַר, ווײַל כ'לאָז זיך ניט אַרומנעמען, ווי די טראַקטאָריסטקעס לאָזן... אמת ניט אַלע פֿירן זיך שלעכט. דאָ זײַנען פֿאַראַן 2-3 מיאוסע באַשעפֿענישן : ייִנגלעך פֿון 14-15 יאָר. אָט האָבן זיי אַראָפּגעריסן פֿון דער וואַנט אַ טאַבעלע, וועלכער איז זייער וויכטיק פֿאַר מיר צו דער אַרבעט און האָבן אויסגערויכערט אָנשטאָט פּאַפּיראָסן. שוין צוויי מאָל האָבן זיי אָנגעגאָסן אייל פֿון די מאַשינען אין מײַן טעפּעלע, זיי זידלען זיך כּסדר : ייִד, ייִד ! די אַרבעט ווערט מיר צוליב דעם אַלץ שווערער ! אָבער איך שטרענג אָן אַלע מײַנע נערוון, כּדי אויסהאַלטן : איך מוז דאָך פֿאַרדינען ברויט פֿאַר מײַן שטודיום, פֿאַר יעדן פּרײַז !

### שבת דעם 10טן יולי

נעכטן האָבן מיר פֿאַרענדיקט דעם שטח פֿון 24 ה"אַ און האָבן אָנגעהויבן אַ פֿרישן. צוליב דעם האָבן מיר אַריבערגעפֿירט דעם וואַגאָן. איצט געפֿינען מיר זיך 5 קמ' פֿון דאָרף. צוויי מאָל אין טאָג גיין אַהין און צוריק איז אַ קליינער פֿאַרגעניגן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן ? אַזוי פֿאָדערט די אַרבעט. בכלל קומט מיר אויס אַרומצוגיין אַ סך מער. מען דאַרף מעסטן וויפֿל ס'האָט צעאַקערט דער טראַקטאָר און אַרומגיין דעם גאַנצן פֿעלד. הייַנט בין איך שוין געווען מיט דער רעכענונג אין מט"ס אין קאַראַקולינאָ (פֿון פֿעלד - 11 קמ' אין איין ריכטונג) און איך בין פֿאַרמאַטערט. נאָר מען דאַרף זיך מודה זייַן, אַז כ'האָב זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט : ווען ניט וואָלט איך זיך מסתמא ניט געקליבן גיין נאָך יאַגדעס. בכלל איז די אַרבעט אַ דערטרעגלעכע (כאָטש אַ שמוציקע), ווען ניט מייַן „געזעלשאַפֿט“. וואָלטן עס געווען דערוואַקסענע, וואָלט זיכער געווען בעסער. דאָס זייַנען יונגע כוליגאַנקעס... כ'באַמי זיך ניט לייגן קיין אַכט אויף זיי. כ'געדענק נאָר וועגן דעם, אַז כ'מוז פֿאַרדינען ברויט אויף מייַן שטודיום...

ווי שטענדיק וואַרט איך מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען מען דאַרף גיין אין קאַראַקולינאָ מיטן רעכענונג. כ'גיי געוויינלעך אַרייַן אין קינדערהיים אויף אַ פּאָר שעה, וווּ מען ערוואַרטעט מיר זייער האַרציק. כ'וואַש זיך דאָרט אַרום, דערוויס זיך נייַעס און רו זיך אָפּ פֿון דעם היגן עולם. הייַנט האָט מיר מייַן בריגאַדיר ניט דערלויבט לאַנג זיך זאַמען און געהייסן גלייַך קומען צוריק אין פֿעלד. כ'האָב נאָך באַוויזן אַרייַנגיין און זיך ווייַזן אין קינדערהיים, האָב אָבער ניט געטראָפֿן בערטאַ פּאַוולאָוונאַן און סאַמויִל מאַרקאָוויטשן און האָב גלייַך געמוזט אַוועקגיין צוריק. כ'האָב באַמערקט, אַז פֿיל פֿון די עלטערע חבֿרה זייַנען מיר מקנא. ערשטנס האָב איך ביַי דער אַרבעט עסן צו דער זעט, און זיי - ווי געוויינלעך - הונגערן נאָך אַלץ צו... צווייטנס וועל איך דאָך פֿאַרדינען מעל ! אַפֿילו די דערציִערס זייַנען מיר מקנא און רופֿן מיר מיט שפּאַס : „אַ געווירטע“ ! זיי ציילן שטילערהייט



וויפֿל פּוד איך האָב פֿאַרדינט און וועל נאָך פֿאַרדינען. אַ פּוד מעל קאָסט איצט אויפֿן מאַרק מער ווי צוויי טויזנט רובל ! איך צייל אויך. לויט מייַן חשבון האָב איך פֿאַר די צען טעג פֿאַרדינט דרייַ פּוד...

כ'האָב אָנגעגעבן ביטעס וועגן אויפֿנעם אין זעקס שולן : כּדי צו פֿאָרן אין קאַזאַנער אוניווערסיטעט, קאַזאַנער מעד-אינסטיטוט, אין איזשעווסקער מעד-אינסטיטוט, סווערדלאָווסקער אינסטיטוט פֿון מאַשינען-בוי, אין מאָסקווער ענערגעטישן און טעכנישן אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון באַומאַנען. ווער וועט מיר אַרויסרופֿן און וווּהין וועל איך פֿאָרן ? דערווייַל ווייס איך נאָך נישט, די צייַט וועט עס באַווייַזן. דערווייַל דאַרף איך פֿירן די רעכענונגען פֿון ברען-מאַטעריאַל און הערן זידלווערטער פֿון עטלעכע טראַקטאָריסטן.

### זונטיק דעם 11טן יולי

אין קאָלווירט איז נישטאָ קיין ברויט און מיר זיצן אַלע הונגעריק. אין דער פֿרי האָב איך אויסגעטרונקען צוויי גלעזער זויערמילך און פֿאַרביסן מיט שטשיפּיאָר. נאָך דעם האָט מיר דער בריגאַדיר געשיקט אין קאַראַקולינאָ נאָך אַווטאָל - אַזאַ מין אייל צו שמירן די מאַשינעס. בכלל איז ער איצט געוואָרן זייער שטרענג. אַרבעט איז פֿאַראַן אַ סך : מען דאַרף אַ סך גיין ! און איך בין זייער פֿאַרמאַטערט. אין אונדזער קינדערהיים האָב איך אָפּגעגעסן מיטאָג און געקריגן אַ ביסל ברויט. איצט האָב איך עס געוואָלט עסן מיט פּוטער, וואָס כ'האָב געקריגן אין קינדערהיים. ווען כ'האָב אַ קוק געטאָן אין שאַפֿקעלע איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן : די שאַפֿקעלע איז שוין פּוסט ! אַלץ, וואָס כ'האָב נעכטן געבראַכט האָט עמיץ פֿון די טראַקטאָריסטן אַרויסגעגנבֿעט און האָט עס אויפֿגעגעסן ! יעדער פֿון זיי עסט בייַ זיך אין שטוב מילך, קעז, געבעקס, וואָס הייסט „שאַנגעס“. דאָך האָט זיי נישט געציטערט די האַנט כּדי צו נעמען מייַן עסן...

ווען כ'בין געווען אין קינדערהיים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס זייַנען איצט געקומען ידיעות וועגן דעם, אַז געניעס עלטערן זייַנען איצט אין

פֿאַלעסטינע און וווינען צוזאַמען מיט רעבעקאַ איזראַעלעוונאַס קרובֿים. פֿאַר גוויינען - אַ גרויסע פֿרייד ! ווו איז מײַן משפּחה ? ווער ווייס, צי זיי לעבן איבערהויפּט ?

אויף מיר האָבן זיך אויסגעגאָסן אַלע איובֿס יסורים : „איובֿ האָט נישט אויסגעהאַלטן - ער איז אומגליקלעכער געווען !“ - זאָגט דער קטגר אין פּרצעס „באָנטשע שווײַג“. אַזוי פֿיל איך זיך.

מאָנטיק דעם 12טן יולי

כ'האָב זיך איצט איבערצײַגט, אַז מער פֿון אַלץ שפּיגלט זיך די מלחמה אָפּ אויפֿן דאָרף. אין גאַנצן דאָרף קען מען קיין איין דערוואַקסענעם פּויער ניט טרעפֿן, אויסער סאַנקע דעם תּמעוואַטן... דעם גאַנצן יאָך פֿון אַרבעט האַלטן אויס אויף זייערע פּלייצעס די פֿרויען און יוגנטלעכע פֿון 14-17 יאָר. עס פֿעלן אויס אַרבעטער. עס אַקערן בלויז קינדער : אויף די טראַקטאָרס 16, 15 ,14-יעריקע... מיט די פֿערד - אַפֿילו 10-יעריקע... זיי אַקערן ניט טיף, ווי-ניט-איז... געוויינלעך פֿעלט אויס צײַט אויף איבעראַקערן צוויי מאָל און דערפֿאַר איז די גערעטעניש אַ קליינע... שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם, אַז ניט די גאַנצע ערד באַוויזט מען צעאַקערן, באַווײַזט מען אויך ניט אַלץ אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער סוף זומער... דערפֿאַר איז אין לאַנד אַזאַ הונגער ! דערפֿאַר עקזיסטירן נאָרמעס און אַ קאַרטן-סיסטעם אַפֿילו אין דאָרף און אין דער אַרמיי... די קאָלווירטן זײַנען זייער אָרעם, און איצט - ערבֿ דער פֿרישער גערעטעניש - קלעקט שוין קיין ברויט נישט. די קאָלווירטניצעס זײַנען זייער אָרעם, זייער אומצופֿרידן און דערציילן אַז פֿריִער, ווען ס'זײַנען נאָך נישט געווען קיין קאָלווירטן, איז געווען אַ סך בעסער ! דער דאָרף איז ווײַט פֿון פּאַטריאָטיזם און זינגט די זעלבע לידער, וואָס בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה. בכלל האָב איך נאָך דאָ ניט געהערט קיין איין סאָוויעטישן ליד. כ'פֿאַרשטיי פֿאַר וואָס : דער קאָלווירטניק האָט שוין קיין ברויט ניט באַקומען פֿון יאָר 1937. דער קאָלווירט האָט גרויסע חובֿות



פֿאַר דער מלוכה און אויף ברויט איז אַפֿילו קיין האָפֿענונג ניט פֿאַראַן. ער שפּײַזט זיך בלויז מיט דעם, וואָס מען באַקומט פֿון דער אייגענער קו. פֿאַר מילך, סמעטענע און פּוטער קויפֿט ער טיילווײַז מעל, זייף, שוועבעלעך און קאָלאָניאַלע פּראָדוקטן. די, וועלכע האָבן ניט קיין קו, קאָרמענען זיך בלויז מיט דער נאָרמע ברויט און קאַרטאָפֿל פֿון אייגענעם גאָרטן. ביסלעכווײַז צערינען אַלע אילוזיעס און האָפֿענונגען אויף אַ גיכן סוף פֿון דער מלחמה און אַ פֿאַרבעסערונג פֿון דער לאַגע. אויפֿן פֿראָנט איז קיין דערפֿרייענדיקס דערווײַל ניט פֿאַראַן. דער שונא האָט ווידער אָנגעהויבן אַ קאָנטר-אַטאַקע. אין די באַריכטן דורכן ראַדיאָ (וועלכע כ'האָב לײַדער ניט קיין מעגלעכקייט צו הערן, וועגן וועלכע כ'דערוויס זיך דאַן, ווען כ'קום אין קינדערהיים) מעלדעט מען וועגן באָמבאַרדירונגען און אָנגריפֿן אויפֿן פֿינישן פֿראָנט. ווער ווייס, וואָס פֿאַראַ אויסגאַנג ס'וועט האָבן דער זומער ? דאָס לאַנד האָט שוין מער קיין כּוח נישט צו קעמפֿן און די מלחמה איז נאָך ווײַט צו איר סוף. עס גייט שוין דאָס דריטע יאָר פֿון דער מלחמה. איצט איז שוין זייער, זייער שווער צו לעבן... וואָס וועט זײַן ווײַטער ? איך האָב נאָך אַ גרויסן ווילן און ענערגיע צו מײַן זעלבשטענדיקן לעבן, ווען כ'וועל שטודירן. פֿאַר יעדן פּרײַז דאָס קענען אויספֿירן ! אין שווערן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ דאַרף מען זײַן שטאַרק, אויסהאַלטן ! די שוועריקייטן, וואָס טרעפֿן זיך מיר איצט בײַ דער אַרבעט זײַנען נישטיק, די אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס ס'פֿאַרשאַפֿן מיר די חבֿרים פֿון דער אַרבעט זײַנען נאַרישע אין פֿאַרגלײַך מיט דער באַלוינונג, וואָס כ'באַקום. אין משך פֿון ערשטן מאָנאַט קען איך פֿאַרדינען 9 פּוד ברויט ( אויב כ'וועל באַקומען !), און הײַנט איז עס זייער, זייער אַ סך ! אויף דער פֿראַגע, וואָס מען שטעלט מיר : „ווי גייט דײַן אַרבעט ?“ ענטפֿער איך : „גוט !“ כ'לויף אַרום, מאַטער זיך אַ ביסל אויס, שלאָף ווייניק, אָבער כ'בין צופֿרידן פֿון דער אַרבעט, כ'האָב בדעה צו אַרבעטן מער ווי צוויי מאָנאַטן, דאָס הייסט פֿאַר צוויי וואָכן פֿון דער דאַטע פֿון מײַן אָפּפֿאָר.

דינסטיק דעם 13טן יולי

מיר דוכט זיך, אַז די טעג ציִען זיך זייער פּאַמעלעך : כ׳שטיי אויף פֿאַרן זונאויפֿגאַנג און קער זיך אום אין קינדערהיים, ווען ס׳איז שוין גוט פֿינצטער. מײַן אַרבעטסטאָג דויערט 19 שעה. אמת בײַ טאָג קען איך אָפֿט כאַפּן אַ דרימל, אָבער דאָס איז ניט קיין רויִקער שלאָף : כ׳דרימל און הער דעם רויש פֿון די טראַקטאָרס, וועלכע קומען נאָך דעם ברען-מאַטעריאַל. אָפֿט קומט מיר אויס בײַ טאָג ווידער צו גיין אין דאָרף (5 קמ׳ אין דער ריכטונג) און פֿון צײַט צו צײַט פֿאָרן קיין קאַראַקולינאָ נאָך אַװטאָל.

די צײַט פֿויזעט ווי אַ טשערעפּאַכע און איך צייל די טעג פֿון איין רעכענונג ביז דער צווייטער. צײַטנווײַז ווונדער איך זיך : צי דען אַרבעט איך בלויז 12 טעג ? אַפֿילו ווייניקער ווי צוויי וואָכן ! מיר דאַכט זיך, אַז כ׳אַרבעט שוין לאַנג. איך בין צופֿרידן, וואָס כ׳דאַרף זיך פֿאַרהאַרטעווען צום זעלבשטענדיקן לעבן, כ׳מוז באַהערשן די קונסט, וואָס הייסט לעבנסקאַמף, כּדי זײַן אַ געשולטער זעלנער. מײַן איצטיקע אַרבעט איז ניט קיין שלעכטע שול.

... ווען דער בריגאַדיר גייט אַוועק און אַלע טראַקטאָרס אַרבעטן, ווען ס׳קומט אָן מײַן פֿרײַע צײַט, גיי איך אַוועק פֿון פֿאַרעיפּושטן, שמוציקן וואַגאָן אין דערבײַיִקן טאָל קלײַבן יאַגדעס און טרוסקאַווקעס, זיך קײַקלען אין גרינעם גראָז, קוקן אין אומענדלעכן בלויען הימלסרוים און טרוימען. דער גאַנצער טאָל איז באַדעקט מיט זונליכט. די שפּיצן פֿון דערבײַיִקע, פֿילצאָליקע היגלען באָדן זיך אין די גאָלדענע שטראַלן. אויב איך גיי צו נענטער און קוק אַרײַן אין גרינס, דערזע איך די רויטע זאַפֿטיקע יאַגדעס. דאָ איז אַזוי רחבֿותדיק און פֿרײַ ! פֿעלדער, לאָנקעס, צעאַקערט רוי-ערד. דאָ רוישן זומער-פֿערדלעך און אַנדערע אינזעקטן, אין דער ווײַט פּאַשעט זיך די קאָלווירטישע סטאַדע. פּאָעטן רופֿן עס - „דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַטור“. נישט ווילנדיק קומען אויפֿן געדאַנק אויסצוגן און באַשרײַבונגען פֿון דער נאַטור פֿון דער שיינער ליטעראַטור. כ׳פֿאַרגלײַך עס אַ ביסל מיט



שאָלאָכאָווס „שטילן דאָן“ - די דאָנער סטעפּעס, מיט גלאַדקאָווס „ערד“, באָלעסלאַוו פּרוס „פּלאַצוווקאַ“ און ריימאָנטס „פּויערים“. ביז אַהער זײַנען די אַלע באַשרײַבונגען מיר געווען פֿרעמד און כ׳האָב זיך נאָר פֿאָרגעשטעלט אַ פֿולן בילד מיט זאַפֿטיקע, פֿרישע פֿאַרבן. איצט פֿיל איך עס שוין מיט דער נשמה, איך אָטעם טיף דעם אַראָמאַט פֿון פֿעלד. איצט האָב איך זיך נענטער באַקענט מיטן פּויערס מי־פֿולן לעבן און כ׳פֿאַרשטיי זײַן צוגעבונדנקייט צו דער ערד. איצט פֿאַרשטיי איך די מעטאַפֿאָרע : „די מאַמע ערד“. וויפֿל שווייס פֿון פֿאַרברוינטן שטערן זאַפּט אײַן די ערד ביז זי געבוירט אונדז ברויט ? בײַם אַקערן, צי מיט אַ פֿערד, אָדער מיטן טראַקטאָר (די ביידע ענערגיע-מיטלען ווערן איצט באַנוצט) גיט דער פּויער פֿיל מי דער ערד. דערנאָך - בראָנעווען, איבעראַקערן, קולטיווירן, זייען, שנײַדן, דרעשן, מאָלן. קיין איין פֿרײַע מינוט, קיין אָפּרו. און אַזוי יאָר-אײַן, יאָר-אויס. ס׳בײַטן זיך די דורות, ס׳האָט זיך געביטן די געזעלשאַפֿט-אָרדענונג, נאָר דאָס לעבן האָט זיך זייער ווייניק געענדערט, ס׳האָט אפֿשר אָנגענומען אַ קליין ביסל אַנדערע פֿאָרמען. אַרבעטן דאַרף מען פּונקט אַזוי מי־פֿול - און דאָס איז דער סוד פֿון הונגער אין דער מלחמה-צײַט. ווײנען וווינט דער פּויער פּונקט אַזוי שמוציק ווי פֿריִער. עסט - ניט געוואַשן, שלאָפֿט אויף דער ערד אין די זאַכן, גייט אַרומגעריסן און נישט אויסגעפּוצט ווי פֿריִער. ער שטייט אויף אין דער פֿרי מיט טאָג-טעגלעכע זאָרגן וועגן דער אַרבעט, וועגן דער קו און די חזרים, וועגן גאָרטן און עסן. ער לייגט זיך שלאָפֿן ווען ס׳איז שוין פֿינצטער, כּדי זיך אויסרוען נאָכן שווערן אַרבעטסטאָג. אַזוי לעבט דער פּויער, אַזוי אָטעמט דער דאָרף - אָן קולטור... עס זײַנען פֿאַראַן פֿיל אַנאַלפֿאַבעטן. די גרעסטע טייל יוגנטלעכע האָבן געענדיקט בלויז 3-5 קלאַסן.

דאָס דאָזיקע בילד איז בכלל ניט ענלעך צו איר כּלומרשטער אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור און קונסט. „דאָס לעבן איז געוואָרן פֿריילעך, צו עסן איז גאָרנישט געוואָרן“ - אַזוי לאַכט דער פּויער איבער זײַן גורל. מײַן

ערשטע אַנטוישונג האָב איך איבערגעלעבט מיט צוויי יאָר צוריק אין סאַראַפּול. מײַנע איצטיקע באַאָבאַכטונגען שליסן זיך אַרײַן אין דער קייט פֿון מײַנע לעבנסקענטענישן... דאָך איז די נאַטור הערלעך שיין, באמת געטלעך. די זון איז גערן און ליבלעך, דאָס לעבן איז גוט, אינטערעסאַנט און שווער. דער קאָנטראַסט צווישן מענטש און דער נאַטור איז אומגעהויער גרויס !

מיטוואָך דעם 14טן יולי

מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב נאָך קיין מאָל ניט געפֿילט דעם פֿאַרגעניגן פֿון פֿאַרמאַטערטקייט אין אַזאַ מאָס ווי נעכטן אין אָוונט. די מידקייט פֿילט אָן אַלע גלידער, די פּאָדעשוועס פֿון די פֿיס גליִען און שטעלן מעכאַניש טריט פֿאָרויס. כ'גיי אין אָוונט פֿון פֿעלד אין דאָרף. מ'דאַרף זאָגן דעם פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט, ער זאָל מאָרגן פֿרי שיקן אַ פֿערד און וואָגן מיט אַ קוטשער, כּדי צו ברענגען ברען-מאַטעריאַלן פֿון קאַראַקולינער באַזע. חוץ דעם דאַרף מען נאָך אַרײַנגיין אין דאָרפֿראַט כּדי איבערגעבן דורכן טעלעפֿאָן אין מט"ס וויפֿל מען האָט הײַנט צעאַקערט. דערנאָך גיי איך שלאָפֿן. עס איז שוין נאַכט, נאָר ס'איז נאָך ליכטיק. דער הימל איז גרוי-בלוילעך און עס שײַנט אַ פֿולע לבֿנה. פֿאַר מיר שלענגלט זיך אַ זאַמדיקער, אויסגעטראָטענער, מיט רעדער פֿון וואָגנס צעשניטענער וועג. איך בין שוין זייער מיד און כ'גיי פּאַמעלעך. געוויינלעך טראַכט איך וועגן דעם : וויפֿל כ'וועל נאָך אַרבעטן, וווהין כ'וועל דערנאָך פֿאָרן און כּמעט קיין מאָל נעם איך ניט אָן קיין באַשלוסן. צו וואָס איצט קלערן, ווען כ'ווייס ניט ווי ס'איז די לאַגע אויפֿן פֿראָנט ? דאָס לעבן וועט באַווײַזן. איצט לעכץ איך נאָך אַ ביסל רו. און דאָך דוכט זיך מיר, אַז ס'איז ניט פֿאַראַן קיין גרעסערער גליק ווי מידקייט נאָך דער אַרבעט. פֿאַר וואָס ? כ'ווייס אַליין ניט. מיר איז איצט זייער גוט און אָנגענעם, וואָס כ'בין פֿאַרמאַטערט און פֿויל קריכן די געדאַנקען, אַז כ'וועל באַלד זיך אַוועקלייגן און אײַנשלאָפֿן. פֿון ביידע



זײַטן וועג ציִען זיך פֿריש צעאַקערטע פֿעלדער, רעכטס לעבן האָריזאָנט רוישט אַ געלער פּאַס קאָרן-זאַנגען. אויף מיר קוקט אַראָפּ די לבֿנה, די זעלבע לבֿנה, וואָס מיט צוויי יאָר צוריק בײַ אונדז אין ביאַליסטאָק. צי דערקענט זי מיר ? און אפֿשר שטערט איר מײַן נײַער אַרבעט-קאָסטיום ? פּלוצלונג פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, אַז די לבֿנה איז שוין זייער, זייער אַלט, אַ זקנה... פֿאַר די צוויי יאָר האָט זי זיך בכלל ניט פֿאַרענדערט, אַפֿילו ניט געביטן איר נאַרישן שמייכל. אָבער אַ מענטש בײַט זיך אַזוי שנעל ! אָט איז שוין דער בריקל איבערן שמאָלן טײַכל און אָט זײַנען די ערשטע הײַזלעך. כ'בין שוין נאָנט צום ציל.

שבת דעם 17טן יולי

די אַרבעט ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ אומדערטרעגלעכער. די טראַקטאָריסטן זײַנען זיך אין מיר נוקם, ווײַל כ'בין אַ ייִדישקע. אָפֿיציעל זאָגן זיי מיר, אַז ייִדן זײַנען די ערגסטע אויף דער וועלט, אַז היטלער טוט גוט, וואָס ער אונטערדריקט זיי. דער בריגאַדיר איז אַ פֿאַרשטעלטער ייִדן-פֿרעסער און פֿאַרפֿאָלגט מיר כּסדר בײַ דער אַרבעט. ער וויל כ'זאָל אָנמעסטן מער ערד ווי ס'איז געוואָרן אויפֿגעאַקערט, ווײַל פֿאַר אים איז עס אַ סך בּאַקוועמער. נעכטן איז אַרײַנגעפֿאַלן דער הילצערנער פּראָפּן אין פֿעסל מיט נאַפֿט און ס'איז ניטאָ מיט וואָס אָנצוגיסן. כ'האָב אין אָוונט געזאָגט דעם געהילף, אַז כ'וועל הײַנט אין דער פֿרי שפּעטער קומען צו דער אַרבעט, ווײַל כ'וועל גיין אין דער שמידערײַ נאָך אַזאַ פּראָפּן. ווען כ'ביןווירקלעך געקומען געוויס 9 אַ זייגער מיטן פּראָפּן, האָט ער ווידער אויף מיר געשריגן און געזאָגט, אַז ער וועט אָנשרײַבן אַ ראַפּאָרט וועגן דעם, אַז כ'האָב כּלומרשט בײַ קיינעם ניט געפֿרעגט. אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַלע טראַקטאָריסטן האָט ער אויף מיר געשריגן. דאָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט מיך הײַנט, ווען כ'בין געלעגן לעבן וואַגאָן, מיך באַוואַרפֿן מיט ערד. בײַם אָנהייב האָב איך ניט געלייגט קיין אַכט, דערנאָך זיך געבייזערט און

סוף-כּל-סוף אָפּגעטראָטן און אַרײַן אין וואַגאָן. אויך דאָרט האָבן זיי אַרײַנגעוואָרפֿן ערד. צײַטנווײַז האָב איך טרערן אין האַלדז און כ׳ווער דערשטיקט פֿאַר דער באַליידיקונג. פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ גורל ? כ׳ווייס ניט וואָס צו טאָן און כ׳קען קיינעם ניט דערציילן וועגן מײַנע לײַדן. מײַן באַלעבאָסטע, די טראַקטאָריסטן, אַלע מענטשן מיט וועמען ס׳קומט מיר אויס זיך צו טרעפֿן מאַכן מיר צרות און קיין איינציקער פֿאַרטיידיקט ניט. ס׳איז אַן אומגליק : אויך אין ראַטן-פֿאַרבאַנד הערשט אַנטיסעמיטיזם, זעקס און צוואַנציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע ! ס׳איז שווער, זייער, זייער שווער !

בײַ נאַכט האָט זיך מיר געחלומט מײַן מאַמע, וואָס האַלט שוין בײַם שטאַרבן... זי איז געזעסן מיט מיר אין וואַגאָן און די טראַקטאָריסטן האָבן געהאַקט דאָ די ווענט. כ׳בין דערנאָך אויפֿגעשטאַנען מיט געשוואָלענע אויגן און קאָפּווייטיק.

זונטיק דעם 18טן יולי

צײַטנווײַז באַשולדיק איך די טראַקטאָריסטן אַז זיי זײַנען גראָב, פּראָסט, אכזריותדיק. יאָ, דאָס אַלץ איז אמת. אָבער צי דען קען מען ניט געפֿינען די סיבות, וואָס פֿאַראורזאַכן עס ? צי איז עס זייער שולד ? ווי אַזוי זאָלן זיי זײַן העפֿלעך און גוטמוטיק, ווען זייער לעבן איז אַזוי שווער און אכזריותדיק ? ווי אַזוי קענען זיי זײַן דערצויגן ? אַז די מערהייט האָט נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו לערנען... נעכטן איז געשען אַ פֿאַקט, וואָס האָט מיר געגעבן פֿיל צו טראַכטן. איינער פֿון די טראַקטאָריסטן איז אַוועק צום דערבײַיִקן פֿעלד נאָך אַ הייבער און אַנדערע אינסטרומענטן און זיך לאַנג ניט צוריקגעקערט. שפּעטער האָט אים די קעכין, וואָס איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן, געפֿונען אויפֿן מיטן וועג אַ געחלשטן. ער האָט צעקלאַפּט און צעביילט דאָס געזיכט, אויפֿן פּנים זײַנען געוואָרן געשווירלעך. זי האָט אים געבראַכט אויפֿן וואָגן, ווו ער איז געקומען צו זיך. אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן



אונטערן וואָגן, ווו ס׳איז געווען דער איינציקער שאָטן, מיט קאָפּווייטיק. ווען ס׳איז געקומען דער בריגאַדיר, האָט ער אים אָפּגעפֿירט אין קאַראַקולינאָ. אין אַמבולאַטאָריע זײַנען זיי געקומען שפּעט און קיין דאָקטער איז שוין ניט געווען.

הײַנט איז ער געקומען צו דער אַרבעט ווי געוויינלעך. כ׳האָב זיך פֿאַרטראַכט : וויפֿל טעג און וואָכן וואָלט איך, אָדער עמיץ אַנדערש פֿון די „אינטעליגענטן גרויסשטעטישע“ געקרענקט, געלעגן און געטרונקען רעצעפּטן ? און ער - גאָרנישט... ער אַרבעט ווײַטער שווער פֿיזיש. ווען די טראַקטאָרס מאַרשירן אַקערט מען 12 שעהען און מער אין אַ שיכט. צי דען איז זײַן לעבן, דאָס לעבן פֿון 16-יעריקן יִינגל לײַכט ? ער איז געוויס דער איינציקער שפּײַזער פֿון דער משפּחה און אַרבעט שוין נישט דאָס ערשטע יאָר. ער האָט געענדיקט בלויז 3 קלאַסן. וואָס האָט דאָס לעבן אים געגעבן ? שווערע אַרבעט, ברויט און קאַרטאָפֿל צו דער זאַט. אויך זידלווערטער איבער דער מאָס, טאַבאַק, צעריסענע, שמוציקע קליידער. ווען כ׳באַטראַכט די אַלע אומשטענדן, בין איך זיי אַלץ מוחל. מוחל אַפֿילו דאָס, וואָס זיי פֿאַרפֿאָלגן מיך ווי אַ יִידישקע. צי דען זײַנען זיי שולדיק, אַז מען האָט אין פֿאָלק פֿאַרוואָרצלט דעם געדאַנק, אַז יִידן זײַנען די סיבה פֿון זייער אָרעמקייט ? צוליב דער בלינדער אומוויסנקייט, דער פֿינצטערקייט און אָרעמקייט פֿון פֿאָלק איז עס אַזוי דערשלאָגן און פֿאַרביטערט. איך איבערצײַג זיך אַלץ מער און מער ווי קאָמפּליצירט ס׳איז דאָס לעבן און ווי פֿאַלש ס׳איז געווען זײַן פֿאָרשטעלונג אין מײַן פֿאַנטאַזיע. בלויז איצט הייב איך אָן אים צו דערקענען.

מאָנטיק דעם 19טן יולי

נעכטן האָט מען אונדז גאָרניט געבראַכט אויף מיטאָג און אָוונטברויט און מיר זײַנען אַלע אַרומגעגאַנגען הונגעריקע. יאַגדעס האָבן מיר געפֿונען און

שוין געגעסן. איינער פֿון די טראַקטאָריסטן האָט געבראַכט פֿון דאָרף קאַרטאָפֿל און מיר האָבן געמאַכט אַ פֿײַער און האָבן זיי אָפּגעקאָכט. דערנאָך האָבן מיר געריסן אַרבעס פֿון נאָענטן פֿעלד. מיר האָבן פֿאַרענדיקט דעם שיכט פֿון 43 ה״אַ און מען פֿירט ווידער אַריבער דעם וואַגאָן.
איין טראַקטאָר און די פֿעסלעך מיט קעראָסין שטייען שוין אויפֿן נײַעם אָרט. און דער וואַגאָן - אויפֿן אַלטן, ווײַל מ׳האָט אים ניט באַוויזן אַריבערפֿירן. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען און כ׳בין געקומען צום וואַגאָן. אַן אײַנגענעצטע האָב איך אָנגעטאָן מײַן וועסטל און בין אײַנגעשלאָפֿן. אין וואַגאָן האָב איך זיך שוין צוגעווינט שלאָפֿן און ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. אַלץ אויף מיר איז נאַס און ס׳איז זייער קאַלט. איצט בין איך אויפֿגעשטאַנען און מײַנע הויזן זײַנען נאָך אַלץ נאַס. כ׳קלער וועגן איין זאַך : נאָר נישט קראַנק ווערן !

דאָנערשטיק דעם 22סטן יולי

אַזוי וואַלגער איך זיך אין שמוץ. די אַטמאָספֿער אַרום איז פּונקט אַזוי שווער דערדריקנדיק ווי פֿריִער. נאָר איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט - אויסהאַלטן ! אין קינדערהיים עצהנען מיר אַלע : וואַרפֿן די אַרבעט ! זיך באַפֿרײַען ווי עס איז ! איך האָב זיי געזאָגט, אַז כ׳וויל ענדיקן ביז אַ חודש. וואָס ווײַטער וועט זײַן, וועל איך שפּעטער זען. רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ אינטערעסירט זיך זייער ווהין כ׳וועל פֿאָרן און האָט אַפֿילו אָנגעפֿרעגט איר זון וועגן די מאָסקווער אינסטיטוטן. דעם 17טן איז געקומען צו פֿאָרן אויף אַן אָפּרו טאַניע פֿון איזשעווסק. זי זאָגט, אַז זי פֿילט זיך דאָ שלעכט און זי וויל אָנקומען אויף אַרבעט. אין קינדערהיים איז קיין נײַעס מער נישטאָ. מען דערציילט, אַז דער דירעקטאָר איז לעצטנס זייער שטרענג און עס פֿאַרגייט ניט קיין טאָג אָן אַ סקאַנדאַל...



שבת דעם 24סטן יולי

נעכטן בין איך אַ גאַנצן טאָג געווען אין קאַראַקולינאָ אין קינדערהיים, ווײַל מען האָט מיך אַרויסגערופֿן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון רייקאָם* פֿון קאָמיונג.* מ׳האָט מיך באַשטימט אַלס קאָמסאָרג אין מאַראַגינאָ. כ׳האָב די נאַכט גענעכטיקט אין קינדערהיים פֿון 11 אַ זייגער ביז 4 פֿאַר טאָג, ווען כ׳בין הײַנט צוריק אַוועק צו דער אַרבעט, פֿון די 5 שעה שלאָפֿן, האָב איך נאָך קיין מאָל אַזאַ הנאה נישט געהאַט ווי הײַנט. כ׳בין געשלאָפֿן אַ ריינע אין מײַן ריינעם בעט. דאָס איז אַזאַ גרויסער לוקסוס ! כ׳פֿיל איצט אַפֿילו נישט קיין מידקייט, כאָטש כ׳בין שוין דורכגעגאַנגען 14 קמ׳. כ׳פֿיל זיך גוט און פֿריש. מאָרגן דאַרף איך ווידער גיין אין קאַראַקולינאָ מיט דער רעכענונג אין מט״ס.

מאָנטיק דעם 26סטן יולי

ס׳איז כמורנע און די צײַט איז שווער צו באַשטימען. נעכטן בין איך געווען אין קאַראַקולינאָ. טאַניע אַרבעט ניט. אַלע ראַטן מיר אַוועקוואַרפֿן די אַרבעט, ווײַל זי איז זייער אַ שווערע, נאָר איך וויל ניט ! נאָך וואָס זיך צוהערן צו די עצות פֿון „איידעלע אינטעליגענטן“, וואָס זײַנען ניט געווינט צו שווערער פֿיזישער אַרבעט און שווערע באַדינגונגען ? טאַניע פֿילט זיך שוואַך... צו וואָס דאַרף זי אַרבעטן, אַז זי קען האָפֿן אויף הילף פֿון סאַמויִל מאַרקאָוויטשן ? איך וויל אַרבעטן, כּדי זיך אַליין פֿאַרזיכערן מאַטעריעלע באַדינגונגען פֿאַר מײַן שטודירן. כ׳קען לײַדן קעלט, נעץ, זידלווערטער, מידקייט און שמוץ... אַלץ כּדי צו דערגרייכן מײַן ציל, וועלכער איז מיר הייליק !
נעכטן איז געווען אַ רעגן און די ערד איז נאַס. מײַנע לאַפּטשעס, אָנוטשקעס און הויזן זײַנען אין גאַנצן אויסגענעצט. מיט דעם דאַרף איך אויך מסכּים זײַן. ענדלעך בין איך פּטור געוואָרן פֿון אַלטן בריגאַדיר, וואָס האָט זיך מיר אײַנגעגעסן אין די ביינער... ווי עס וועט זײַן דער נײַער - וועט מען

שוין זען.נעכטן האָט מיך ווײַט באַגלייט וויעראַ. זי פֿילט זיך שלעכט אין קינדערהיים, זי האָט נישט קיין נאָענטע נשמה, זי האָט שיר געוויינט... טייל מאָל פֿאַרטראַכט איך זיך : פֿאַר וואָס באַציִען זיך די חבֿרה אַזוי צו איר ? אמת, זי איז אַ גרויסע אינדיווידואַליסטקע, נאָר זי קען זיך צובינדן. מיר צום בײַשפּיל העלפֿט זי זייער אַ סך, פֿאַר וואָס איך בין איר זייער דאַנקבאַר !

דינסטיק דעם 27סטן יולי

הײַנט און נעכטן איז זייער אַ שלעכטער וועטער. עס רעגנט, דונערט און בליצט. ווען כ׳בין נעכטן אין אָוונט אַוועק פֿון פֿעלד, האָט זיך געקליבן אויף אַ רעגן. ווי שרעקלעך איז אַ שטורעם אין פֿעלד ! איך גיי מיטן וועג צווישן פֿעלדער, אײַל שנעל כּדי אויסצומײַדן דעם רעגן. פֿון אַלע זײַטן האָריזאָנט ציִען שוואַרצע, שווערע וואָלקנס, און ס׳איז אַזוי פֿינצטער, ווי ס׳וואָלט געווען נאַכט. בלויז אין מײַן ווינקעלע איז נאָך ליכטיק. נאָר אויך אַהין יאָגט אַ וואָלקן. באַלד וועט זײַן אַ שטורעם ! אַ בייזער ווינט פֿײַפֿט אין פֿעלד. עס ציטערן די גראָזן און פֿאַלן צו דער ערד. אָט שנײַדט אַ בליץ דעם הימל און ס׳ווערט ליכטיק אויף אַן אויגנבליק און דאַן - ווײַטער פֿינצטער. עס קראַכט דער דונער און זײַן אָפּקלאַנג דערטראָגט זיך פֿון דערבײַיִקן טאָל. שנעלער, שנעלער אַהיים ! ס׳איז נאָך 3 קמ׳ ביזן דאָרף. ווי אַזוי זיך בשלום דערקלײַבן ? איך לויף און דער ווינט יאָגט מיר אין פּנים, רײַסט פֿון קאָפּ מײַן טיכל, ווייעט די פּאָלעס פֿון סוועטער. אָט פֿאַלן די ערשטע טראָפּנס. צו ערשט ביסלעכווײַז, דערנאָך אַלץ שנעלער און שנעלער. איך בין שוין נאָענט צום דאָרף, נאָר עס רינט שוין פֿון קאָפּ אויפֿן פּנים, מײַן סוועטער ווערט שווער און אָנגעקוואָלן פֿון דער פֿײַכטקייט. ווען כ׳בין בײַם ציל, בין איך שוין אין גאַנצן נאַס.

הײַנט בין איך אַוועק אין פֿעלד און זיך צוריקגעקערט צוליבן רעגן. איצט רעגנט נישט, נאָר ס׳איז זייער פֿײַכט און ס׳איז ווידער צו דערוואַרטן אַ



רעגן. דערפֿאַר זיץ איך אין דער היים. אין פֿעלד וועל איך גיין מן-הסתּם שפּעטער.

זונטיק דעם 1טן אויגוסט

שוין 3 טעג ווי כ׳בין אין קינדערהיים. עס רײַסט מיר אַ פֿוס און כ׳קען קוים גיין. איצט איז מיר שוין אַ ביסל בעסער און איך רעכן צוריקגיין אין דאָרף צו דער אַרבעט. די אַרבעט באַאומרויִקט מיר זייער : קיינער פֿאַרטרעט מיך דאָרט ניט און די ברען-מאַטעריאַלן זײַנען געבליבן אויף גאָטס באַראָט. בכלל ציט מיך שוין אויפֿן פֿעלד. אין קינדערהיים איז גוט צו זײַן אַ גאַסט, אָבער ניט לעבן כּסדר, צווייטנס איז מיר אַ שאָד די אַרבעטסטעג ; מען דאַרף אַרבעטן כּדי צו פֿאַרדינען ברויט !

מאָנטיק דעם 2טן אויגוסט

נעכטן בין איך מיט מײַן קראַנקער פֿוס אַוועק צו דער אַרבעט. ווען כ׳בין געקומען אין דאָרף האָב איך געוואָלט בעטן אַ פֿערד און אַ וואָגן. ביז צום פֿערדהויף האָב איך קיינעם נישט געטראָפֿן. כ׳האָב געמוזט גיין צו פֿוס. כ׳בין קוים דערגאַנגען, ווײַל די פֿוס האָט כּסדר געגעבן צו פֿילן וועגן געשוויר. כ׳בין געקומען אין פֿעלד, ווען ס׳איז שוין געווען פֿינצטער. דעם בריגאַדיר האָב איך נישט געטראָפֿן. דערפֿאַר זײַנען דאָ איצט פֿאַראַן 2 בריגאַדירן מיט טראַקטאָריסטן פֿון דריטן און עלפֿטן אָטריאַד, וועלכע מען האָט אונדז געשיקט צו הילף. זיי אַרבעטן, און מיר - נישט.

הײַנט איז געקומען מײַן בריגאַדיר. מיר וועלן אפֿשר הײַנט אַרבעטן. ער פֿאָרט ווידער אין קאַראַקולינאָ. בכלל איז ער זייער אַ צעקראָכענער. אוי, מײַן שלימזל, ווּהין גייסטו ?

מיטוואָך דעם 4טן אויגוסט

מײַן וואַגאָן איז איצט אַ סך פֿריילעכער און ענגער. איך בין זייער צופֿרידן

פֿון דער ענגשאַפֿט ; דער בריגאַדיר פֿון דריטן אָטריאַד איז זייער אַ ווילער מענטש. זײַנע טראַקטאָריסטן זײַנען פּריזיוװניקעס, וואָס וועלן האַרבסט גיין אין דער אַרמיי. זיי זײַנען אויך בעסערע פֿון אונדזערע טראַקטאָריסטן. פֿאַר דער צײַט, וואָס זיי זײַנען דאָ, פֿיל איך זיך אַ סך בעסער. די פֿרוי, וועלכע באַצאָלט זיי, קאַטיע, איז אויך אַ ווילע פֿרוי. מען קאָרמעט אונדז ניט שלעכט : דרײַ מאָל אין טאָג : פֿליישיקע זופּן, לאָקשן מיט קאַרטאָפֿל ! דאָס האָט אייגנטלעך זיי אויך געיאָגט צו דער אַרבעט. איין צרה נאָר : פֿריִער איז בכלל ניט געווען קיין ברויט, האָט מען נעכטן געבראַכט צו פֿירן שיינע ברויט, לויטן אויסזען, נאָר ביטערע ! ווײַל דאָס פֿעלד איז באַוואָקסן מיט פּאָלין. מיר האָבן זייער ווייניק עס געגעסן. הונגעריק בין איך אָבער ניט געווען, ווײַל זופּ קען מען עסן, וויפֿל מען וויל. נעכטן און הײַנט איז מײַן פֿוס שוין בעסער. די איינציקע צרה איז דאָס, וואָס דער וועטער איז זייער שלעכט. עס ווייט אַ בייזער קאַלטער ווינט. די צײַט, ווען ס'טוט מיר ווײ די פֿוס קען איך ניט גיין אין דאָרף און שלאָף אין וואַגאָן.

הײַנט איז געווען זייער קאַלט. כ'בין געלעגן מיט קאַטיען אויף דער נאַרע און מיר האָבן געוואַרעמט איינע דער אַנדערער. כ'גיי אָן זאָקן און כ'האָב פֿאַרדרייט די פֿוס מיט אַ זאַק, וואָס כ'האָב דאָ געפֿונען. אין מײַן „קאַבינעט“ איז פֿאַראַן אַ טיר און ס'איז וואַרימער, דערפֿאַר זײַנען געקומען אַהער 6 טראַקטאָריסטן און זיך געלייגט אויף דער ערד. טייל מאָל טוט מיר ווײ, וואָס כ'בין אַזוי אָפּגעריסן פֿון פשוטן פֿאָלק, פֿאַקטיש פֿון דער שיכט, פֿון וועלכער איך שטאַם. איך קוק אויף די פּויערים-יונגען, קוק זיך צו ווי זיי גייען אַרום שמוציקע, אַרומגעריסענע, ווי זיי אַרבעטן, ווי זיי עסן און כ'דערמאָן זיך אויסצוגן פֿון פֿילמען, וווּ מען קען זען אַרבעטער אין צאַרישן רוסלאַנד. די טראַקטאָריסטן זײַנען פֿאַקטיש אַרבעטער און נישט קיין פּויערים. נעכטן אין אָוונט האָבן זיי געזונגען צוזאַמען. עס איז געווען ניט קיין געזאַנג, נאָר גיכער אַ וועלפֿישער ווויען, וואָס האָט געענטפֿערט דעם וועלפֿישן ווויען פֿון ווינט, וואָס האָט שיעור דעם וואַגאָן פֿון אָרט ניט



אַוועקגעריסן. ווידער פֿאַרקלער איך זיך וועגן זייער לעבן. דאָס לעבן איז זייער שווער און זיי זײַנען שוין צו דעם געוווינט און קלאָגן זיך ניט. טייל מאָל קלער איך : איך מיין, אַז מײַן לעבן איז ניט לײַכט, ווײַל ער איז שווערער ווי שורע זלאַטינאַס, וועלכע פֿאָרט דאָ צו גאַסט אין סאַראַפּול, דאָ - אין קאַזאַן. אויך שווערער ווי טאַניעס - וועלכע אַרבעט אַלס פּיאָנערן-לײַטערין בײַ אונדז אין קינדערהיים ! וואָס באַדײַטן מײַנע שוועריקייטן אין פֿאַרגלײַך מיט זייערע ? אַפֿילו איצט, ווען מיר האָבן איין גורל, לײַדן אין דער זעלבער מאָס קעלט און שמוץ, איז מיר בעסער, ווײַל זיי קומט נאָך אויס פֿיזיש שווער צו אַרבעטן. צווייטנס איז עס פֿאַר מיר אַ צײַטווײַליקע אַרבעט און פֿאַר זיי - דאָס טאָג-טעגלעכע ברויט.

שבת דעם 7טן אויגוסט

לעבנדיק צוזאַמען מיטן פֿאָלק, שלאָפֿנדיק אויף דער ערד אויף אַ שעפּסן-פֿעלכל, אָנגעטאָן אין שמוציקע הויזן, אין לאַפּטשעס און אָנוטשעס, בכלל פֿירנדיק אַ לעבנשטייגער ווי דאָס פּשוטע פּויערים-פֿאָלק, ווילט זיך מיר אין גאַנצן זיך צופּאַסן צו זיי, זיך באַפֿרײַנדן מיט די פּויערים-טעכטער נענטער, כּדי צו דערקענען זייער לעבן, וויסן מיט וואָס זיי אָטעמען. ליידער, גיט זיך עס מיר ניט אײַן. זייערע באַדערפֿענישן קענען מיר בשום אופֿן ניט באַפֿרידיקן, נאָר פֿאַרקערט. דאַכט זיך, אַז אויסערלעך האָב איך זיך שוין צוגעפּאַסט ; איך עס צוזאַמען מיט זיי פֿון איין שיסל, מיר שעפּן האָניק מיטן לעפֿל, בראָקן ברויט אין מילך... כ'האָב אַפֿילו אַרויסגעוואָרפֿן פֿון מײַן לעקסיקאָן אַלע ריינע, ליטעראַרישע ווערטער און האָב אַרײַנגעשטעלט זייער : „שנעל און גוט“ א.אַ.וו. אָבער ווײַטער גיין אויף קאָמפּראָמיסן קען איך ניט. איך קען ניט אָנטייל נעמען אין זייערע פּליאָטקעס, איך וויל ניט לויפֿן אין אָוונט דורכן דאָרף זינגען לידער און טאַנצן, לויפֿן נאָך יִינגלעך. נעכטן זײַנען געקומען 60 פֿאַרוווּנדעטע רויט-אַרמייער פֿון סאַראַפּולער שפּיטאָל אויף אַרבעט. פֿון אַלע עקן דאָרף זײַנען געקומען מיידלעך

אויסגעפוצט אין ווײַסע טיכלעך אויפֿן קאָפּ און ווײַסע קליידלעך אין בלימעלעך. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט ווי עס שפּילט די האַרמאָניע, מען זינגט, מען טאַנצט און לאַכט. דאָס ערשטע מאָל טרעף איך זיך מיט אַ פֿאַרווײַלונג אין דאָרף.

פֿון טאָג צו טאָג דערוויס איך זיך אַלץ מער און מער וועגן דער אָרעמקייט פֿון פֿאָלק. הײַנט האָט מען אַרויסגערופֿן אַלע יוגנטלעכע פֿון יאָר 1926 צום פּריזיוו. פֿון אונדזער אָטריאַד און פֿון דריטן זײַנען אַוועק 5 טראַקטאָריסטן. צוויי פֿון זיי האָבן אַפֿילו ניט קיין עלטערן, קיין פֿרײַנד, פֿאַרמאָגן נישט קיין ריין העמדל אויפֿן לײַב, קיין גאַנצע הויזן אָנצוטאָן כּדי צו גיין אויף דער קאָמיסיע. דער בריגאַדיר פֿון 3טן אָטריאַד, זייער אַ ווילער מענטש, האָט געגעבן איינעם געלט, כּדי ער זאָל זיך אָפּשערן און האָט אים אַפֿילו אַנטליִען זײַנע אַ פּאָר אַלטע הויזן. איך טראַכט פֿאַרשוידערט : די טראַקטאָריסטן אַרבעטן אַזוי שווער און בלויז פֿאַר עסן... ווײַל דאָס ברויט, וואָס זיי פֿאַרדינען, קריגן זיי זעלטן פֿון קאָלווירט ! איך דערמאָן זיך אָן אַלטן רעוואָלוציאָנערן פֿאָלקסליד :

„און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו פּיטערסט און דו נייסט,
און דו האַמערסט און דו שפּינסט
זאָג, מײַן פֿאָלק, וואָס דו פֿאַרדינסט ? “

זונטיק דעם 8טן אויגוסט

איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן איז זייער אומזיניק. איך קוק זיך אַרום : מענטשן, פֿאָרשטייער פֿון העכסטן מין דרייען זיך אַרום אויף דער ערד, זידלען זיך, מידן זיך אויס כּדי אָנצושטאָפּן דעם מאָגן. איינער באַמיט זיך בײַ אַ צווייטן אַרויסרײַסן דעם ביסן פֿון מויל, כּדי עס צו נעמען פֿאַר זיך, באַפֿרידיקן די קישקעס, שטילן דעם אינסטינקט, וואָס הייסט „הונגער“. פּונקט ווי אין שטאָט, אַזוי אין דאָרף



גנבֿעט מען, נעמט מען כאַבאַר און לאַפּוּוקע. צו דער אַרבעט גייט מען אומוויליק, ווי פֿון אונטער דער רוט. אַרבעטן אַרבעט מען ווי-ניט-איז. דערפֿאַר איז די ברויט מיט פֿאָלין און מען קען עס אין מויל ניט נעמען. (שוין צוויי וואָכן ווי מיר עסן ביטערע ברויט, וואָס מער ווי 100 גראַם אַ טאָג קען מען בשום אופֿן ניט אַראָפּשלינגען). ווּ איז דאָס „פֿריילעכע, גליקלעכע, קאָלווירטישע לעבן“ ? מענטשן דערציִען ביז 60-70 יאָר און שטאַרבן דערנאָך. זייערע קינדער הייבן ווידער אָן דאָס זעלבע לידל פֿון אָנהייב. צו וואָס ? ווּ איז דער זין פֿון דער קאָמעדיע, אָדער טראַגי-קאָמעדיע ? נו, איך האָב ליב צו לערנען, וויל אַלץ וויסן, אַלץ דערקענען. אָבער וואָס וועט דערפֿון זײַן ? פֿאַקטיש טו איך אַלץ, כּדי זיך בעסער און באַקוועמער אײַנצואָרדענען אין לעבן. אַן אינזשיניער פֿאַרדינט מער ווי אַ לערער. דערפֿאַר האָב איך אויסגעקליבן די ספּעציאַליטעט. אויך איך טרוים שטילערהייט וועגן אַ „שטילן גליק“, וועגן אַ זאַט, אינטערעסאַנט לעבן. וועט קומען דאָס גליק, אָדער ניט, נאָר ס'וועט קומען אַ טאָג און איך וועל שטאַרבן... כ'וועל אַפֿילו ניט קענען זיך ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע : צוליב וואָס האָב איך געלעבט, און וואָס האָב איך פֿאַר מײַן לעבן געטאָן ?

מאָנטיק דעם 9טן אויגוסט

צײַטנווײַז צערײַסט מײַן נשמה אַ צווייענדיק געפֿיל, צעפּלאַקערט זיך אין מיר אַ קאַמף ; באַקענענדיק זיך מיטן לעבן פֿון פֿאָלק, דערקען איך אַ וועלט, וואָס כ'האָב ביז אַהער ניט געקענט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס עכטע לעבן, וואָס כ'האָב ביז אַהער ניט געפֿילט. מיר דאַכט זיך, אַז די שולע, דער קינדערהיים, דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק, דאָס איז קינסטלעך און ניט כאַראַקטעריסטיש. דאָרט קען מען נישט שעפּן פֿון דער פֿאָלקס-חכמה, וואָס שפּראָצט פֿון פֿאָלק, וועלכע כ'דערמאָן זיך פֿון דער צײַט, ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד, וועלכע אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר איצט ווידער. דער בריגאַדיר פֿון 3טן אָטריאַד איז אַ טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון פֿאָלק, אַ

פֿריילעכער אַרבעטער פֿון שטאָט, וועלכער האָט אַריבערגעוואַנדערט אין דאָרף, פֿון אים שפּרודלען וויצן, אַנעקדאָטן. ער איז ניט קיין שלעכטער אַרטיסט, קאָמיקער. מיט אים איז אינטערעסאַנט צו שמועסן. די טראַקטאָריסטן זײַנען אין גרונט ניט קיין שלעכטע חבֿרה און טײלווײַז באַדויער איך, וואָס כ׳בין נישט ווי זיי. נעכטן האָבן זיי מיך פֿאַרבעטן אויף אַן אָוונט צו זיך אין דאָרף - אין קלעסטאָוואָ. כ׳האָב געוואָלט גיין כּדי זיך באַקענען מיט זייערע פֿאַרווײַלונגען, זיך באַרייכערן מיט אײַנדרוקן וועגן זייער לעבן. כ׳בין אָבער נישט געגאַנגען, ווײַל כ׳האָב פֿאָרויסגעזען, ווי שלעכט כ׳וועל זיך צווישן זיי פֿילן... כ׳ווייס, אַז כ׳וועל אין גיכן ענדיקן די אַרבעט, אומגעפֿער אַ חודש אַרום, כ׳וועל פֿאָרן שטודירן און כ׳וועל אַרײַנפֿאַלן אין אַ גאַנץ אַנדערע סבֿיבֿה. עס טוט מיר באַנג, וואָס מײַן פֿאַרבינדונג מיטן פֿאָלק ענדיקט זיך אַזוי שנעל. כ׳דערמאָן זיך און הייב אָן צו פֿאַרשטיין די פֿאָלקסטימלעכע, וועלכע האָבן אויסגעביטן דעם שטאָטישן גלאַנץ און די קולטור אויף „פּויערישע לאַפּטשעס“... ערשט איצט דערפֿיל איך דעם טעם פֿון „טאָלסטיזם“, דעם אינהאַלט פֿון דער טעאָריע פֿון דער „פּשוטקייט“.

דינסטיק דעם 10טן אויגוסט

נעכטן אין אָוונט בין איך אַוועק אין קאַראַקולינאָ. הײַנט דאַרף קומען צו פֿאָרן פֿון מאָסקווע געניע. זי קומט בלויז אויף אַן אָפּרו. דערנאָך וועט זי צוריקפֿאָרן אין דער הויפּטשטאָט, אָדער זי וועט בײַטן דעם מאַרשרוט ? די פֿראַגע אינטערעסירט מיר זייער. ווי וועט פֿאָרקומען אונדזער צוזאַמענטרעף ? אונדזער באַגעגעניש ? אירע בריוו ביז אַהער זײַנען געווען זייער זעלטענע...

דאָנערשטיק דעם 26סטן אויגוסט

לעצטנס, ווען ס׳געשעען באמת וויכטיקע פּאַסירונגען, האָב איך אַפֿילו



קיין צײַט ניט זיי צו פֿאַרשרײַבן. עס איז שוין מער ווי צוויי וואָכן, ווי געניע איז בײַ אונדז. זי רוט זיך אָפּ נאָך אַ יאָר פֿון איר סטודענטישן לעבן. אונדזערע באַציִונגען זײַנען האַרציק-חבֿרישע. זי איז אויך זייער נאָנט מיט טאַניען, וועלכע איז איר זייער מקנא.

פֿאַר דער לעצטער צײַט האָב איך געקרענקט, געהאַט קדחת, דיזענטעריע און בין געווען גוט אויסגעמאַטערט... כ׳האָב שוין אויפֿגעהערט אַרבעטן און נאָך פֿיל מי, נאָך פֿאַרלוירענער ענערגיע, וואָס האָט זיך לעצטנס בײַ מיר אָנטפּלעקט, נאָך דעם ווי ס׳האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן אימזשאַנאָוו - דער סעקרעטאַר פֿון רייקאָם פֿון דער פּאַרטיי - וועלכער האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע גוטסקייט, האָב איך שוין אין משך פֿון צוויי טעג געבראַכט צו פֿירן אין קינדערהיים פֿופֿצן פּוד קאָרן !!! ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין איין מענטש, וואָס זאָל מיר ניט מקנא זײַן. קאָרן קאָסט איצט 500 רובל אַ פּוד און מעל - 1000 רובל. כ׳בין שטאָלץ פֿון מײַן אַרבעט, וועלכע כ׳האָב אַליין געפֿונען, זיך אײַנגעאָרדנט, כאָטש אַלע האָבן מיר פֿאָרויסגעזאָגט, אַז ס׳וועט זײַן אַ שווערע...

איצט האָב איך פֿיל זאָרגן מיטן קאָרן : מען דאַרף אַ טייל וואַשן, ווײַל ס׳איז מיט פּאָלין, טריקענען, מאָלן. דאָס אַלץ איז פֿאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן. אַ טייל קאָרן וועל איך מוזן פֿאַרקויפֿן, ווײַל כ׳וועל פּשוט ניט באַוויַיזן עס פֿאַרוואַנדלען אין מעל.

דאָס וויכטיקסטע האָב איך נאָך ניט פֿאַרשריבן. כ׳האָב באַקומען אַ ידיעה פֿון מאָסקווער טעכנישן אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון באַומאַנען, אַז כ׳בין אָנגענומען געוואָרן אויפֿן ערשטן קורס ! איך דאַרף שוין קומען דאָרט דעם 10טן סעפּטעמבער ! כ׳בין זייער צופֿרידן. מאָסקווע ! מײַן טרוים איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן ! כּדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן אַהין דאַרף איך פֿאָרן קיין איזשעווסק. עס איז ווייניק צײַט פֿאַראַן, כ׳האָב מורא כ׳זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן. אונדזער דירעקטאָר איז איצט אין סאַראַפּול.

כ׳דאַרף וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. דערווײַל קומט מיר אויס האַנדלען אַליין מיטן קאָרן. כ׳געפֿין זיך אין אַ גוטער שטימונג : אַ זעלבסטצופֿרידנקייט, אַ דערוואַרטונג פֿון גליק !

זונטיק דעם 5טן סעפּטעמבער

שוין 7 טעג ווי כ׳בין אין וועג. דעם 29סטן אין אָוונט בין איך אַרויסגעפֿאָרן מיטן דאַמפּער קיין איזשעווסק נאָך אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן קיין מאָסקווע. איצט פֿאָר איך שוין צוריק קיין קאַראַקולינאָ. אַ דערלויבעניש האָב איך באַקומען, האָב זיך באַקענט מיט די באַדינגונגען פֿון קאָמוניקאַציע בײַ היַינטיקן טאָג, האָב געאָטעמט מיט דער שטאָטישער לופֿט, נאָך וועלכער כ׳האָב זיך אַזוי אויסגעבענקט. איין פֿאַקט בלויז האָט פֿאַראומערט מײַן ערשטן אַרויספֿאָר : אויפֿן מאַרק האָט מיר אַ זשוליק צעשניטן מײַן נײַעם גרינעם זומערדיקן מאַנטל ! ער האָט לויט מײַן אויסלענדישן אויסזען געמיינט, אַז אין מײַן קעשענע איז פֿאַראַן אַ סך געלט, האָט ער באַשלאָסן עס אַרויסשנײַדן. ער האָט פֿאַרשטענדלעך גאָרנישט געפֿונען, כאָטש געלט איז אין האַנטאַש דווקא געווען... אָבער ער האָט איבערגעפּירט מײַן מאַנטל !

איצט איז פֿאַראַן אַ פֿרישע צרה : שוין דער צווייטער טאָג ווי איך זיץ אין סאַראַפּול און וואַרט אויף אַ דאַמפּער. קיין פּראָדוקטן איז בײַ מיר שוין לאַנג נישט פֿאַראַן. כ׳האָב שוין אויסגעגעבן 500 רובל נאָך דעם ווי כ׳האָב פֿאַרקויפֿט אַ פּוד קאָרן פֿאַר 600 רובל און בין געבליבן אָן געלט. דערווײַל שלאָף איך און עס אין סאַראַפּולער קינדערהיים. די באַשפּײַזונג איז דאָ ערגער ווי בײַ אונדז, אָבער וואָס זאָל איך טאָן ?

דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס מיר איז געבליבן זייער ווייניק צײַט און אַ סך אַרבעט. הײַנט איז שוין דער 5טער סעפּטעמבער און איך דאַרף זײַן אין מאָסקווע דעם 10טן. פֿריִער ווי דעם 7טן וועל איך געוויס אין קינדערהיים מײַנעם נישט זײַן. כ׳דאַרף וואַשן, טריקענען, פּרעסן די זאַכן, וואַשן און



טריקענען צום קאָכן, מאָלן, פֿאַרקויפֿן, קויפֿן פֿאַר זיך פּוטער און האָניק, כּדי מיטצונעמען קיין מאָסקווע. ווען וועל איך עס אַלץ באַווײַזן ? מײַן רײַזע קיין מאָסקווע איז פֿאַרבונדן מיט אַ גאַנץ גרויסן באַגאַזש, מיט גרויסע שוועריקייטן. אָבער כ׳בין דאָך גליקלעך ! עס ווערט פֿאַרווירקלעכט מײַן גאַנצער טרוים ! שנעלער זיך פֿאַרקלײַבן אַהין ! שנעלער צום האַרץ פֿון פֿאַרבאַנד !

פֿרײַטיק דעם 10טן סעפּטעמבער

איך זיץ אין קאַראַקולינאָ ווי אויף שפּילקעס. מײַנע זאַכן זײַנען שוין פֿאַרפּאַקט. כ׳מוז בלויז נאָך פֿאַרקויפֿן די מעל. די מיידלעך האָבן מיר אויסגעוואַשן און אויסגעטריקנט די גאַנצע קאָרן. גלײַך דעם זעלבן טאָג ווען כ׳בין געקומען צו פֿאָרן האָב איך עס אָפּגעמאָלן אויף דער דאַמפּמיל. דאָס שווערסטע איז איצט עס פֿאַרקויפֿן. כ׳בין הײַנט אַ האַלבן טאָג געשטאַנען אויפֿן מאַרק און גאָרנישט פֿאַרקויפֿט... די לעצטע האָפֿענונג איז זונטיק, ווען ס׳וועט זײַן אַ מאַרק. דאַן וועל איך עס פֿאַרקויפֿן פֿאַר יעדן פּרײַז. איצט לייגט מען מיר פֿאָר : 1100 רובל פֿאַר אַ פּוד, נאָר מען האָט מיר געזאָגט, אַז פֿאָריקן זונטיק איז געווען דער פּרײַז - 1400 רובל. כ׳האָב 11,5 פּוד מעל. כ׳בין זייער, זייער רײַך !

מיטוואָך דעם 22סטן סעפּטעמבער

מײַן אויסגעבענקטער טרוים איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן ! כ׳האָב זיך שוין אַרויסגעריסן פֿון פֿאַרוואָרפֿענעם, בלאָטיקן קאַראַקולינאָ, ווו כ׳בין געווען 2 יאָר. איצט בין איך אין מאָסקווע ! דעם 17טן סעפּטעמבער, 4 יאָר נאָך דעם ווען מאָלאָטאָוו האָט באַפֿוילן אַריבערגיין די פּוילישע גרענעץ און באַפֿרײַען מערבֿ-ווײַסרוסלאַנד פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע, 4 יאָר נאָך מײַן ערשטן ענטוזיאַזם, הייבט זיך אָן מײַן נײַער ענטוזיאַזם. דעם 17טן, 10 אַ זייגער אין דער פֿרי האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די

הויפטשטאָט. איצט הייבט זיך אָן פֿאַר מיר אַ נײַער לעבן : כ׳בין אַ סטודענטקע פֿון מאָסקווער טעכנישער הויכשול אויפֿן נאָמען פֿון ערנסט באַומאַן. כ׳וועל וווינען אין אַ פּרעכטיקן צימער מיט נאָר 4 סטודענטקעס. כ׳האָב אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן די גרעסטע טעאַטערס, קינאָ, מוזייען, קולטור-דענקמעלער. פֿאַר מיר זײַנען אָפֿן די טויערן פֿון וויסן, קולטור ! כ׳בין שוין מער ניט קיין אָרעמע דערצויגלינג פֿון קינדערהיים, כ׳בין זייער רײַך ! כ׳האָב געבראַכט צו פֿירן מיט זיך 1,5 פּוד מעל, 2,5 ק״ג געשמאָלצענע פּוטער, 3 ק״ג האָניק, 4 ק״ג ציבעלעס, 1 ק״ג מאָנטשקע. (איצט קאָסט עס 600 רובל !) כ׳האָב 4,5 טויזנט רובל אין קעשענע חוץ די געלט, וואָס ס׳האָט מיר געקאָסט די רײַזע אַהער.

"Tempora mutantur nos et mutamur in illis"

„צײַטן בײַטן זיך און מיר צוזאַמען מיט זיי״ - דאָס איז אַ לאַטײַניש שפּריכוואָרט ! איצט מוז איך בלויז זען קויפֿן זאַכן כּדי זיך לײַטיש אָנטאָן, ווײַל אַזוי בין איך נאָך ווי אַ שלעפּערין. כ׳מעג זײַן שטאָלץ מיט מײַן אַרבעט, מיט וועלכער כ׳האָב זיך פֿאַרזאָרגט אויף אַ גאַנץ יאָר שטודיום ! קיינער האָט מיר ניט געראַטן אַרבעטן, אָבער פֿאַר מײַן אָוועקפֿאָר זײַנען אַלע מיר געווען מקנא.

אַך, ווּ איז מײַן גוטע מאַמע ? פֿאַר וואָס זאָל זי ניט האָבן פֿון מיר קיין נחת ?!

דאָנערשטיק דעם 23סטן סעפּטעמבער

כ׳זיץ אין צימער פֿון מײַן צוזאַמען-וווינונג. אין פֿענצטער קלאַפּט דער האַרבסטיקער רעגן. אין צימער איז ריין, געמיטלעך. וואַליע - אַ סטודענטקע פֿון דריטן קורס רוט זיך אָפּ נאָך איר אַרבעט. לילקע לייענט איצט אַ בוך. איך קוק זיך אַרום. מיט יעדן יאָר גיי איך פֿאָרויס : אין דעם צימער איז פֿאַראַן עלעקטריע, צענטראַלע באַהייצונג, אַ ראַדיאָ ! ווען האָב איך געלעבט אין אַזאַ וווילטאָג ? ביסלעכווײַז באַקען איך זיך מיט דעם סיסטעם פֿון



טראַמווײַען, קאַרטן-סיסטעם, רעזשים פֿון מיטאָג אין רעסטאָראַן. כ׳וויל ס׳זאָל זיך וואָס גיכער אָנהייבן דער שוליאָר. ס׳ווילט זיך אַרבעטן, לערנען. ס׳ווילט זיך אַזוי לעבן ! איצט גייט מײַן נײַנצנטער יאָר, כ׳בין פֿול מיט כּוחות. העכער מײַן קאָפּ !

שבת דעם 25סטן סעפּטעמבער

די טעג לויפֿן אין מאָסקווע. גאַנצע טעג פֿאָר איך אַרום מיט די טראַמווײַען פֿון אינסטיטוט אין דער צוזאַמען-וווינונג, אין רעסטאָראַן און מאַגאַזין. מײַן געלט פֿליסט אַוועק ווי וואַסער, מײַנע פּראָדוקטן - האָניק און פּוטער גייען אויך שנעל אַוועק, ווײַל מיר עסן זאַלבעדריט. דאָס וויכטיקסטע איז דער פֿאַקט, וואָס דאָס לערנען האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. ווער ווייסט צי ס׳וועט זיך אָנהייבן דעם 1טן אָקטאָבער. מען האָט מיך פּרובירט מאָביליזירן ערגעץ אויף אַרבעט, נאָר דערווײַל איז נאָך גאָרנישט אַרויסגעקומען. מײַן נשמה דערווײַל איז פּוסט... כ׳פֿיל זיך איצט עלנט ! אין מײַן צוזאַמען-וווינונג זײַנען פֿאַראַן אַ סך סטודענטן, נאָר דערווײַל קען איך זיי נאָך נישט. עס זײַנען דאָ אַ סך באַווײַבטע, אַזעלכע וווינען דאָ משפּחותווײַז : דערוואַקסענע מענטשן, יעדער מיט זײַן אַרבעט און זײַנע זאָרגן.

איך פֿאָר יעדן טאָג צו מאַניע ליבערמאַן, וועלכע האָט אויך געלערנט אין קאַראַקולינער שולע, ווי איך. ביז ניט לאַנג האָב איך בײַ איר געוווינט. זי איז שטענדיק פֿאַרנומען מיט אירע זאָרגן, דערפֿאַר האָב איך זיך מיט איר ווייניק געחבֿרט. איר מוטער, אַ טיפּישע ייִדישע מאַמע פֿאַרגעטערט איר טאָכטער, צערטלט זי און קושט. יעדעס מאָל, ווען כ׳בין אַן עדות פֿון אַזעלכע צערטלעכקייטן, וויינט אין מיר מײַן האַרץ. מיך האָט קיינער נישט ליב... קיינער זאָרגט ניט וועגן מיר, קלערט ניט... איך בין איינע אַליין אין אַ פֿינפֿמיליאָניקער שטאָט. מענטשן זײַנען פֿאַרנומען מיט זיך אַליין. צו דעם בין איך שוין געוווינט... זיי אינטערעסירט די אייגענע היים, עסנוואַרג,

קליידער. אַפילו לילקען און וואַליען אינטערעסירט מער מײַן האָניק און פּוטער ווי איך אַליין. אַזאַ איז דער געזעץ פֿון דער נאַטור. איצט בענק איך נאָך אַ נאָנטן פֿרײַנט ! נאָך דער מאַמען ! מאַטעריעל בין איך צו ערשט באַזאָרגט. דערווײַל קען איך זיך נישט קלאָגן. מאָראַליש בין איך עלנט. אין גיכן דאַרף קומען צו פֿאָרן גענִיע. וועלן מיר זיך קענען דערנענטערן. כ'וויל עס זאָל זיך וואָס שנעלער אָנהייבן דער שוליאָר ! ס'זאָל זײַן וואָס מער אַרבעט.

פֿון פֿראָנט קומען איצט אָן אַ סך דערפֿרייענדיקע ידיעות :
יעדן טאָג סאַליוטירט די הויפּטשטאָט די העלדישע רויטע אַרמיי : אין כאַרקאָוו, פּאָלטאַווע, סמאָלענסק ! דער שׂונא לויפֿט שוין אַוועק צוריק ! אין גיכן וועט זיך ענדיקן די מלחמה מיט אונדזער נצחון ! אפֿשר וועל איך אין גיכן זיך קענען אומקערן אַהיים ? זען מײַנע ליבע טאַטע-מאַמע, מײַן שוועסטערל און ברודערל ?
אָט דערטראָגן זיך זאַלפּן. דאָס איז דער סאַליוט די העלדישע באַפֿרײַער פֿון סמאָלענסק. 20 אַרטילעריע-זאַלפּן פֿון 224 האַרמאַטן. רויטע, גרינע, געלע פֿײַערן בליצן אויף און צעשיטן זיך איבערן גראַנאַטענעם הימל. אַ האָפֿענונג !

זונטיק דעם 26סטן סעפּטעמבער
כ'האָב הײַנט געטאָן עפּעס, וואָס קיינער טאָר מיר נישט מוחל זײַן : כ'האָב אויסגעגעבן 90 רובל אויף נאַשוואַרג ! אין אַזאַ שווערער צײַט ! כ'האָב אויפֿן מאַרק געזען עפּל. עפּל האָב איך דאָס לעצטע מאָל געגעסן אין ביאַליסטאָק, סוף זומער פֿון יאָר 1940... ווען כ'האָב זיי איצט געזען האָט מײַן האַרץ נישט אויסגעהאַלטן... איך האָב אויפֿגעגעסן 4 עפּל. פֿאַר דעם געלט האָב איך געקענט קויפֿן 4 ק"ג קאַרטאָפֿל און עסן אַ גאַנצע וואָך, חוצן מיטאָג אין סטודענטישן רעסטאָראַן. אָבער נישט שטענדיק קען מען האַנדלען לויטן שׂכל...



מיטוואָך דעם 29סטן סעפּטעמבער
מיט עטלעכע טעג צוריק איז גענִיע געקומען צו פֿאָרן. כ'האָב זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט איר. געוויינלעך פֿיל איך זיך דאָך עלנט ! זי איז אָבער מײַן נאָנטע חבֿרטע !
איך האָב שוין איבערגעריסן מיט אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט קאַראַקולינער קינדערהיים, מיט די צוויי יאָר, וואָס כ'בין דאָרט געווען. איצט געפֿין איך זיך דאָך אין אַ גאַנץ אַנדערער סבֿיבֿה : פֿון דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ, פֿון דער סטודענטנשאַפֿט, מיט וועלכער כ'הייב זיך ערשט אָן צו באַקענען. גענִיע האָט מיך באַקענט מיט אירע חבֿרטעס - סטודענטינס פֿון אוניווערסיטעט. מען לאַדט מיך אײַן אין די צימערן כּדי צו שמועסן, לייענען און אַזוי ווײַטער. כ'הייב אָן זיך פֿאַרפֿעסטיקן אויפֿן גרונט !

מיטוואָך דעם 5טן אָקטאָבער
כ'הייב אָן צו פֿירן אַ נאָרמאַלן סטודענטישן לעבן. כ'שטיי אויף 6 פֿאַר טאָג, רוים אויף, וואַש זיך אָפּ און פֿרישטיק : דערווײַל האָב איך נאָך פּוטער און צוקער ! 8 אַ זייגער פֿאָר איך אַוועק אין אינסטיטוט, ווו איך בלײַב ביז 2.30 אַ זייגער, פֿון אינסטיטוט גיי איך אין רעסטאָראַן, ווו איך עס דעם מיטאָג און אויך דעם אָוונטברויט. נאָך דעם און 200 גראַם ברויט בין איך זאַט ! איך גיי ווידער אין לייענזאַל פֿון אינסטיטוט, ווו כ'געפֿין די געהעריקע ליטעראַטור צו מײַן קורס, אויך צײַטונגען א.אַ.וו. 8 אַ זייגער אָוונט פֿאָר איך צוריק אין אונדזער געמיינזאַמען צימער, עס ווידער ברויט מיט פּוטער, טייל מאָל מיט הערינג און ציבעלע, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט בײַם מיטאָג און עס מיטגענומען. איך לייען אַ ביכל ביז 11 אַ זייגער און דערנאָך גיי איך שלאָפֿן. טעג גייען נאָרמאַל. פֿון פּלאַן פֿון דער לערע בין איך צופֿרידן. אמת די אַרבעט זעט זיך פֿאָרויס ניט קיין לײַכטע : באַזונדערס - די טעכנישע צייכענונגען און די טעאָרעטישע מעכאַניק. כ'האָף זיך עס אויסלערנען. מײַן ציל איז איצט : גרינטלעכער און בעסער באַהערשן די

לערע, כּדי ענדיקנדיק זײַן אַ גוטער אינזשיניער. טייל מאָל טרוים איך : איך וועל אַלס אַ יונגע אינזשיניערין זיך אומקערן צוריק אַהיים צו מײַנע האַרציקע עלטערן, וועלכע האָבן מיר שוין באַווײַנט ! מײַן ליבינקע מאַמע וועט שײַנען פֿאַר גליק ! זי האָט אַזוי פֿיל האָפֿענונגען געלייגט אויף מיר ! דערפֿאַר דאַרף איך מײַן ציל דערגרייכן ! עקשנותדיק לערנען און אַרײַנדרינגען אין דער וויסנשאַפֿט !

כאָטש כ׳בין שוין כּמעט 3 וואָכן אין מאָסקווע, קען איך נאָך נישט גוט די שטאָט. כ׳האָב איצט פּשוט קיין צײַט נישט די שטאָט צו באַזוכן. בכלל איז עס דערווײַל נישט לײַכט. זונטיק בין איך געווען מיט מישען, וועלכער איז אויך געקומען פֿון קאַראַקולינאָ, אין טעאַטער און געזען קאָרנייטשוקס „פֿראָנט“. מישע קומט אַהער זייער אָפֿט. אָבער כ׳בין צו אים זייער גלײַכגילטיק.

זונטיק דעם 10טן אָקטאָבער

מיך באַהערשט אַן אַלגעמיינע אומצופֿרידנקייט. ס׳איז אַוועק 10 טעג לערע. יעדן טאָג פֿאָר איך אין אינסטיטוט, הער די לעקציעס, באַזוך די סעמינאַרן און די לאַבאָראַטאָרישע אַרבעטן. אָבער נאָך דעם טו איך מער גאָרנישט... די ווירטשאַפֿט נעמט צו די גאַנצע צײַט, די צײַט, וואָס איז באַשטימט צו שטודירן ! נאָך מיטאָג פֿאָר איך אין אונדזער געמיינזאַמען צימער, אָדער אויפֿן מאַרק. נאָך מיטאָג דאַרף מען רוימען, צוגרייטן אָוונטברויט, וואַשן, פּרעסן א.אַ.וו. דער טאָג פֿאַרגייט. אין אָוונט און אַפֿילו בײַ טאָג אין אונדזער צימער איז אוממעגלעך צו אַרבעטן, דערצו מוז מען פֿאָרן אין לייענזאַל פֿון אינסטיטוט. כ׳פֿיל, אַז די צײַט צעקריכט אויף נאַרישע קלייניקייטן, וועלכע מען מוז אויספֿירן. כ׳מוז זיך אַרויסרײַסן פֿון די נעגל פֿון קולינאַריע (ס׳איז גוט, אַז ס׳איז דאָ וואָס צו קאָכן !), צערעווען, נייען, וואַשן, פּרעסן ! פֿון מאָרגן אָן וועל איך בלײַבן יעדן טאָג אין אינסטיטוט כּדי זיך ערנסט לערנען !



דינסטיק דעם 12טן אָקטאָבער

הײַנט זײַנען אויף אונדזער קורס ניט פֿאַראַן קיין לעקציעס. מען האָט אונדז אַלע געשיקט אויף אַרבעט אויף דער דריטער ריי פֿון מעטראָפּאָליטען אויף דער סטאַנציע איזמיילאָוואָ. מיר האָבן געאַרבעט 8 שעה. מאָרגן און איבערמאָרגן דאַרפֿן מיר אויך פֿאָרן. די סטאַנציע פֿון מעטראָ דאַרף געענדיקט ווערן דעם 7טן נאָוועמבער און דערפֿאַר האָט מען מאָביליזירט אַלע סטודענטן. פֿון דער אַרבעט קום איך זייער פֿאַרמאַטערט, אָבער דערפֿאַר איז די באַלוינונג גרויס : אַ מאָראַלישע באַפֿרידיקונג ! ווי אָנגענעם וועט זײַן צו שפּאַצירן אויף דער סטאַנציע, פֿאָרן מיטן אונטערערדישן צוג, וויסנדיק, אַז אויך איך האָב אָנטיילגענומען בײַ דער בויונג.

ס׳איז בלויז אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון דער לערע, מיט וועלכער איך האָב זיך נאָך נישט פֿאַרנומען ווי ס׳געהער צו זײַן. בכלל דאַרף איך באַטראַכטן מײַנע פּלענער, קאָנטראָלירן זיך : די גאַנצע צײַט פֿון מײַן לערע אין קאַראַקולינאָ האָב איך געשטרעבט, כ׳זאָל וואָס שנעלער פֿון דאָרט זיך אַרויסקריגן, אַרויספֿאָרן קיין מאָסקווע אין הויכשול, כּדי זיך ערנסט לערנען, שעפּן פֿון דער קולטור. איצט האָב איך מײַן ציל דערגרייכט : כ׳בין אין מאָסקווע, כ׳לערן זיך אין אַ הויכשול. דערצו : כ׳געהער נישט צום קלאַס פֿון אָרעמע סטודענטן, וואָס פֿירן אַ הונגעריק שטייגער לעבן. דאָס הייסט : כ׳האָב זייער גוטע באַדינגונגען, פֿאַרהעלטניסמעסיק, פֿאַרשטענדלעך לויט דער מלחמה-צײַט ! און ווי אויף צולהכעיס לערן איך ניט. די ערשטע 12 טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט. מער, פֿאַרשטענדלעך וועל איך צו דעם ניט דערלאָזן. כ׳מוז געוויסנהאַפֿט אַרבעטן. ערנסט גרייטן זיך. דאָס וויכטיקסטע : ניט פֿאַרגעסן מײַן ציל, ניט פֿאַרלירן זיך אין ים פֿון קליינלעכע, טאָגטעגלעכע זאָרגן, אין מײַן קליינער ווירטשאַפֿט. כ׳מוז קומען צו דער ערשטער סעסיע מיט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן, כאָטש כ׳ווייס, אַז דאָס איז זייער שווער. אָבער - נאָר די וואָס גלייבן, זיגן !

**מאָנטיק דעם 25סטן אָקטאָבער**

ס'איז אַוועק כּמעט אַ חודש לערע. כ'פֿיל, אַז כ'האָב פֿאַרלאָזן די לערע און איצט מוז איך אָניאָגן. בכלל איז אַרבעט פֿאַראַן אַ סך און כ'האָב מורא, אַז כ'באַוויַיז ווייניק. בכלל באַמערק איך אַז אַנדערע גרייטן זיך פֿיל מער געוויסנהאַפֿט און מיט מער דערפֿאָלג ווי איך. עס פֿאַרדריסט מיר אויף זיך אַליין און כ'שטרענג אָן אַלע מיַינע כּוחות. מיט אַזעלכע שוועריקייטן טרעפֿן זיך פֿיל. אָלגאַ פּאַלאַבוגינאַ צום בייַשפּיל, וועלכע איז אויך געקומען פֿון קאַראַקולינאָ און לערנט זיך אין ענערגעטישן אינסטיטוט האָט באַשלאָסן צוריקפֿאָרן אַהיים. נעכטן האָב איך פֿיל ענערגיע פֿאַרלאָרן כּדי איר אָפּריידן פֿון אַזאַ שריט. אַלס רעזולטאַט ווייס איך נאָך נישט וואָס זי האָט באַשלאָסן. אַ גרויסע באַדיַיטונג האָט דער פֿאַקט, וואָס אין אונדזער צוזאַמען-וווינונג איז כּמעט יעדן אָוונט ניט פֿאַראַן מער קיין עלעקטריע, עס צינדט זיך אָן נאָך 12 אַ זייגער, ווען אַלע שלאָפֿן שוין. פֿיל צייַט פּטר איך יעדן טאָג אין רעסטאָראַן בייַ מיטאָג. פֿאַר דער לערע שטעלט זיך אפּ אַ נישטיקער מינימום. איך מוז נאָך באַוויַיזן, אַז כ'קען נישט פֿאָרן צוריק ! אַז כ'האָב נישט קיין היים ! איך מוז דאָך באַהערשן די וויסנשאַפֿט !

**דאָנערשטיק דעם 4טן נאָוועמבער**

ערשט איצט הייב איך אָן צו דערקענען דאָס זעלבשטענדיקע לעבן. כ'פֿיל דעם טעם פֿון דערוואַקסענער זעלבסט-פֿאַרזאָרגונג. איצט איז מער ניט פֿאַראַן קיין מאַמע און פּאַפּאַ, וואָס האָבן מיך 16 יאָר איַינגעטוליעט אין זייערע וואַרימע, ווייכע פֿליגעלעך... איצט איז אַפֿילו ניט פֿאַראַן פֿאַני פּאַוולאָוונאַ און סאַמויִל מאַרקאָוויטש, וועלכע האָבן לויט זייער פֿליכט געטראָגן אַן עול פֿון ווירטשאַפֿטלעכע זאָרגן. וועגן אַלץ מוז איך אַליין קלערן, אַלץ פֿאָרויסזען. אויב כ'וועל צו דער צייַט ניט אָפּטראָגן די שיך צום שוסטער - דאָס דאַרף איך די טעג דערליידיקן ! - וועל איך בלייַבן אָן שיך און קיינער וועט דאָך מיר קיין צווייטע ניט געבן ! אויב כ'וועל זיך ניט



באַמיִען קריגן בראָנפֿן אין מאַגאַזין, וועט פֿאַרפֿאַלן ווערן דער טאַלאָנטשיק און כ'פֿאַרליר 300 רובל פֿאַרדינסט אויפֿן מאַרק ! אויב כ'באַוויַיז ניט (צוליב דעם, וואָס די עלעקטריע איז איצט פֿאַראַן אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס) אָפּצוקאָכן זיך קאַרטאָפֿל, בין איך אַ גאַנצן טאָג הונגעריק ! אַלע קלענסטע נאַרישקייטן, קליינלעכע טאָג-טעגלעכע זאָרגן נעמען צו פֿיל צייַט און קומען אָן זייער שווער.

אויף דער לערע בלייַבט זייער ווייניק צייַט און דערפֿאַר שטייען מיר אָפּ - אַלע סטודענטן - פֿון טעכנישן צייכענען, וואָס קען זיך וויַיטער ענדיקן גאַנץ טרויעריק : צי וועלן מיר קריגן אַ סטיפּענדיע ?

אין קאַמף פֿאַר מיַין עקזיסטענץ האָב איך אַ סך ענערגיע, כ'שטאַרק זיך, וויַיל טייל מאָל איז מיר שווער מיַין געמיט. איך בענק נאָך אַ נאָרמאַלן לעבן, נאָך אַ היים, נאָך אַ נאָענטע נשמה ! דערווייַל בין איך מקנא די, וואָס האָבן אַ היים ! אָבער איך ווייס זייער גוט, אַז פֿאַר מיר עקזיסטירט מער אַזעלכעס ניט. די וווּנד איז צו ווייטיקדיק און אַלט, אַז כ'זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דערינערונגען. דאָס ערשטע יאָר אין דער פֿרעמד. איצט איז דאָס האַרץ שוין פֿאַרשטיינערט און פֿילט עס ניט, וואָס הייסט ליבע... צי דען וועט עס אַ יונג, הייס, מיידלש האַרץ פֿאַרדאַרט ווערן ?

דאָס לעבן איז זייער אכזריותדיק און שווער. אַרבעט איז פֿאַראַן זייער פֿיל און איך באַוויַיז ניט טאָן דאָס, וואָס כ'דאַרף. דאָך מוז איך יעדן טאָג פֿאַרלירן מינימום 1,5-2 שעה כּדי אָפּעסן מיטאָג אין רעסטאָראַן און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג פֿילן הונגער... וויַיל מיַינע קאַרטאָפֿל און מעל איז ניט פֿאַראַן ווו אָפּצוקאָכן... דאָך מוז מען פֿאַרלירן צייַט, כּדי דערהיטן ווען ס'איז פֿאַראַן פּראָדוקטן אין מאַגאַזין, ווען מ'גיט וויַין. היַינט האָב איך געקריגן אַ ליטער פּאָרטוויַין און גלייַך פֿאַרקויפֿט מיט אַ רווח 300 רובל. דאָך מוז מען גיין אין באָד און אַ גאַנצן טאָג דאָרט וואַרטן אין דער ריי, וואַשן, פּרעסן, פֿאַרריכטן. יאָ, כ'געפֿין זיך אין אַ רויך פֿון קליינלעכע זאָרגן, שנעלער אַרבעט, לערע ! און כ'האָב אַפֿילו קיין צייַט ניט כּדי זיך

פֿונאַנדערקלײַבן מיט מײַן לאַגע, כּדי זיך באַקלערן. אייביק אײַל איך, אייביק אין געשפּאַן ווי דער אָקס אין דער סאָכע. ווי ס'ווײַזט זיך אַרויס, איז דאָס סטודענטישע לעבן אין מאָסקווע נישט ענלעך צו דעם, וואָס כ'האָב זיך פֿאָרגעשטעלט... פֿאַר די 1,5 חדשים בין איך בלויז איין מאָל געווען אין טעאַטער, צוויי מאָל אין קינאָ. און צוויי מאָל געווען אין קינאָ אין אינסטיטוט. בכלל האָב איך מאָסקווע כּמעט ניט געזען. איך קען בלויז דעם וועג פֿון צוזאַמען-וווינונג ביזן אינסטיטוט, דעם וועג, וואָס כ'גיי דורך טאָג-טעגלעך. כ'שטיי אויף 6.30 אַ זייגער, וואַש זיך אָפּ, פֿאַרקאַם זיך און פֿאָר אין רעסטאָראַן. ניט שטענדיק ! - טייל מאָל קום איך אָפּ בלויז מיט ברויט. אַנטקעגן רעסטאָראַן געפֿינט זיך דער אינסטיטוט. 2.30 ענדיקט זיך די לערע. גייט מען ווידער אין רעסטאָראַן, וועלכער נעמט ווידער צו 2 שעה טאָג-טעגלעך און די אילוזיע, אַז מען וועט זײַן זאַט... דערנאָך גייט מען ווידער אין לייענזאַל פֿון אינסטיטוט, דערנאָך - אין דער צוזאַמען-וווינונג שלאָפֿן. אַזוי - טאָג-אײַן, טאָג-אויס. דעם זונטיק גייט מען אַוועק אָדער אין צייכנזאַל, אָדער אויף היימישע זאָרגן. אַזוי פֿליסן אָפּ די טעג, די טײַערע שעהן און מינוטן פֿון לעבן...

הײַנט בין איך אַוועקגעפֿאָרן אין פֿאַרבאַנד פֿון פּוילנס פּאַטריאָטן וועגן מאַטעריעלע הילף, זאַכן. דאָרט האָב איך געטראָפֿן פֿיל ייִדן פֿון לוואָוו, וואַרשע, ווילנע און אַפֿילו ביאַליסטאָק. עטלעכע מיידלעך לערנען זיך אין אינסטיטוט בײַם ייִדישן טעאַטער. פֿון זיי האָב איך זיך דערוווּסט דעם גורל פֿון בעני ווינער (מיר האָבן זיך געלערנט צוזאַמען אין דער ייִדישער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק). ווי ס'ווײַזט זיך אַרויס האָט מען אים אַרעסטירט אין 1940 יאָר, דאָס הייסט נאָך דעם, ווי ער האָט עטלעכע חדשים זיך געלערנט. די סיבה פֿון זײַן אַרעסט איז געבליבן אומבאַקאַנט. אָט אַ גורל ! כ'האָב פֿאַרשריבן דעם אַדרעס פֿון זייער צוזאַמען-וווינונג. אַ מאָל האָב איך געטרוימט וועגן דעם אינסטיטוט, איצט איז די פֿראַגע אַ סך ווייניקער אַקטועל. נאָר אַ פֿאַרבינדונג מיט דער ייִדישער קולטור דאַרף מען



אומבאַדינגט שאַפֿן ! זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אין גיכן דאַרף מיכאָעלס קומען צו פֿאָרן פֿון אַמעריקע. אפֿשר וועט געלינגען אויפֿשטעלן אַ ייִדישן קולטור-צענטער. אפֿשר וועל איך דאָרט געפֿינען עפּעס נאָענטס, היימישס ? ייִדיש האָב איך שוין אַ ביסל פֿאַרגעסן, פּונקט ווי פּויליש, דײַטש, לאַטײַן, אַלע שפּראַכן וואָס כ'האָב אַ מאָל גוט געקענט. וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט ? זייער ווייניק. אפֿשר בלויז אַ ביסל פּראַקטיש לעבן...

מאָנטיק דעם 8טן נאָוועמבער

נעכטן און הײַנט איז יום-טובֿ : 26 יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אין אינסטיטוט איז ניט פֿאַראַן איצט קיין לעקציעס, אין ערגעץ אַרבעט מען ניט. דאָס פֿאָלק פֿײַערט דעם גרויסן יום-טובֿ. און איך ? וואַליע איז אַוועקגעפֿאָרן צו אַ מאָסקווער חבֿרטע, לילע צו דער מומען אויף יום-טובֿ, זינע און קסעניע גרייטן זיך צו אַ ביבקע, וואָס עס אָרדנט אײַן זייער גרופּע. וואָס זאָל איך טאָן ? נעכטן איז מיר נאָך פֿון מײַן אומעט אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק : זאָל איך אַוועקפֿאָרן צו רעבעקאַ איזראַעלעוונאַן, אפֿשר איז זי שוין געקומען צו פֿאָרן פֿון קאַראַקולינאָ. נאָך דעם ווי כ'האָב זיך 1,5 שעה געשלעפּט מיטן טראַמוויַי בין איך ענדלעך אָנגעקומען צו מײַן ציל, אָבער וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן : דער צימער איז פֿאַרשלאָסן, רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ איז נאָך נישטאָ, נישט געקומען צו פֿאָרן... וווּהין איצט פֿאָרן ? אַ געדאַנק זאָגט מיר אונטער : פֿאָרן צו מאַניע ליבערמאַן, כּדי נישט בלײַבן אַזוי איינזאַם ! ווידער אַ האַלבע שעה רײַזע - און ווידער איז קיינער אין דער היים ניט פֿאַראַן... ווי אַ שיכּורע דערשלעפּ איך זיך צום טראַמוויַי, שטײַג אויס לעבן קינאָ... אפֿשר וועט מיר אַ פֿילם שטילן מײַן ווייטאָק ? אָבער דאָ זײַנען פֿאַראַן אַזוי פֿיל מענטשן אין דער ריי נאָך בילעטן און ס'איז שוין קיין האָפֿענונג ניט פֿאַראַן 4 אַ זייגער. מען דאַרף פֿאָרן צוריק אַהיים. אַ פֿאַרביטערטע, איינזאַמע, פֿון אַלעמען פֿאַרלאָזענע, דערקלײַב איך זיך אין אונדזער צוזאַמען-וווינונג. באַלד וועט שוין זײַן

פֿינצטער. קיין עלעקטריע איז דאָך דאָ נישט פֿאַראַן, וואָס זאָל איך טאָן ? ווי אַזוי פּטור ווערן פֿון מײַנע געדאַנקען ? נאָר פּלוצלונג - אַ וווּנדער ! ליליע איז געקומען צו פֿאָרן מיט בילעטן אין טעאַטער ! עס שפּילט : „יעווגעני אָניעגין“. שנעלער, שנעלער, עס ווערט שפּעט ! כ׳האָב זיך נעכטן אומגעקערט 12 אַ זייגער בײַ נאַכט. די אָפּערע איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן און כ׳האָב געהאַט אַ גרויס פֿאַרגעניגן. אַ פּשוטער צופֿאַל האָט געראַטעוועט מײַן סיטואַציע.

מיטוואָך דעם 10טן נאָוועמבער

עס גייען גרויע טעג. ס׳איז שוין ווינטער. די מאָסקווער גאַסן האָט באַדעקט אַ פֿײַכטער שניי, וואָס איז אָונטצײַט צוגעפֿראָרן און ס׳איז געוואָרן גליטשיק. אַ גאַנצן טאָג בין איך געזעסן אין לייענזאַל פֿון אינסטיטוט און געגרייט די לעקציעס. איצט בין איך געקומען צו פֿאָרן אַהיים. קיינער איז אין דער היים ניטאָ און ס׳איז דאָ פֿינצטער, ווײַל דאָ איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין עלעקטריע. כ׳געפֿין זיך אין לייענזאַל פֿון דער צוזאַמען-וווינונג, נאָר כ׳בין שוין זייער מיד און כ׳וועל באַלד גיין שלאָפֿן. ווי נאַריש איז דאָס לעבן... קיין שום פֿרייד, קיין געניוס, קיין פֿאַרגעניגן... אָנגעשטרענגטע אַרבעט אין שלעכטע באַדינגונגען, טאָגטעגלעכע קליינע זאָרגן, וואָס ווערן דערעסן, אָבער וואָס פֿאַרשאַפֿן בייז בלוט. דערצו די איינזאַמקייט וואָס קילט דאָס האַרץ און פֿאַרשטיינערט עס... איך בענק נאָך אַן אָפֿנהאַרציק וואַרעם וואָרט, נאָך אַ היים, נאָך דער מאַמען ! נאָך 2,5 יאָר יתומיש לעבן האָף איך און בענק... כ׳וועל שוין קיין מאָל, קיין מאָל קיין היים ניט האָבן, קיין נאָנטע נשמה געפֿינען.. גורל, פֿאַר וואָס ?

זונטיק דעם 21סטן נאָוועמבער

כ׳האָב איצט באַקומען אַ בריוו פֿון קאַראַקולינאָ. וויערע און שורע שרײַבן, אַז אין גיכן וועט אין מאָסקווע קומען סאַמויִל מאַרקאָוויטש. איך מיין, אַז



דאָס וועט זײַן אין די טעג. אינטערעסאַנט ווי וועלן מיר זיך טרעפֿן ? פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָר איז ער געווען ניט איבעריק פֿרײַנדלעך, ס׳זײַנען אַפֿילו געווען קליינע אינצידענטן. וואָס וועט זײַן איצט ? עס פֿרייט מיר, וואָס ער וועט קומען - פֿאָרט אַ באַקאַנטער מענטש ! אַ באַקאַנטער, אָבער לײדער - ניט גאָר קיין נאָנטער...

ס׳איז זייער אָנגענעם צו באַקומען בריוו פֿון קאַראַקולינאָ, ספּעציעל פֿון וויערען, וואַרעמע, האַרציקע בריוו. נאָר פֿון דער צווייטער זײַט גנבֿט זיך אַ טיפֿער ווייטיק אין האַרצן ! וויערע און שורע גלייבן, אַז כ׳לעב אינטערעסאַנט, כ׳גיי אָפֿט אין קינאָ און טעאַטער, כ׳געפֿין זיך אין אַ סבֿיבֿה פֿון קולטורעלע מענטשן. זיי גלייבן, אַז כ׳האָב זיך אויסגעצייכנט אין אינסטיטוט, אַז כ׳נעם אָנטייל אין ספּעקטאַקלען פֿון אונדזער דראַמקרײַז. וויעראַ פֿרעגט צי כ׳שרײַב ווײַטער מײַן נאָוועלע ? און וואָרנט כ׳זאָל אומבאַדינגט שרײַבן, כּדי ווײַטער צו אַנטוויקלען מײַן טאַלאַנט ! און איך ? כ׳נעם קיין בוך ניט אין די הענט, שוין ניט רעדנדיק פֿון דער נאָוועלע. איך דאַרף צוגרייטן די לעקציעס, האָב אַ סך אַרבעט צום ערשטן בויגן און ביזן 15טן דעצעמבער דאַרף איך שוין צוגרייטן דעם צווייטן בויגן !

זונטיק דעם 28סטן נאָוועמבער

אין פֿאַרבאַנד פֿון פּוילנס פּאַטריאָטן - ריכטיקער : אין קאָמיטעט פֿון סאָציאַלע הילף בײַם קאָמיטעט האָב איך באַקומען : מעשטלעך, 2 רעקלעך, אַ בלוזקע, אַ וועסטל-סוועטערל, אַ העמד, אַ פּאָר מײַטקעס, אַ פּאָר וואָלענע סקאַרפּעטן און הענטשקעס. פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ זײַנען נישט קיין נײַע, נאָר שוין געטראָגענע און געניצטע, פֿונדעסטוועגן איז עס אַ גוטע מתּנה אין ווערט פֿון 7-8 טויזנט רובל ! מעגלעך, אַז כ׳וועל נאָך אַפֿילו קריגן אויך אַ קאָלדרע !

הײַנט בין איך געווען בײַ רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ, זי איז שוין איצט אין מאָסקווע. זי האָט מיר זייער גוט אויפֿגענומען און גלײַך אַרויפֿגעפֿירט אַ

געשפּרעך וועגן געלט, וואָס זי קומט מיר, דערפֿאַר ווײַל כ'האָב איר געגעבן אין קאַראַקולינאָ אַ פּוד מעל. איך וויל בײַ איר קיין געלט בשום אופֿן ניט נעמען! זי וויל מיר געבן אַ קליידל, אָבער איך וויל ניט נעמען. זי האָט מיר געבראַכט בריוו פֿון די מיידלעך, וועלכע זײַנען אין סאַראַפּול. פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון די גאָלדענע בערג, וואָס דער דירעקטאָר האָט זיי צוגעזאָגט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם...

דינסטיק דעם 30סטן נאָוועמבער

נײַנצן יאָר - הײַנט! פֿאַר וואָס פֿיל איך ניט מײַן בליִענדע יוגנט? די גרויסע פֿינף מיליאָניקע מאָסקווע האָט מיך פֿאַרשלונגען אין איר אינגעווייד, האָט מיך פֿאַרשרויפֿט אין דער מעכטיקער אַרבעטס-מאַשין און טאָג-אײַן, טאָג-אויס פֿיל איך אויס די זעלבע באַוועגונגען, שטיי אויף מיט די זעלבע זאָרגן, מיט די זעלבע פֿליכטן. כ'האָב געטרוימט וועגן דער הויפּטשטאָט, וועגן גלאַנץ פֿון קינאָ, פֿון די טעאַטערס, קאָנצערטן און באַלן אין משך פֿון דרײַ יאָר. כ'האָב געציילט די טעג, ווען כ'וועל זיך אַרויסרײַסן פֿון פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף, פֿון דערשטיקנדיקער אַטמאָספֿער פֿון קינדערהיים און ווערן זעלבשטענדיק. כ'האָב מײַן ציל דערגרייכט! כ'האָב אַרויסגעריסן פֿון מײַן זכּרון די צוויי יאָר, כ'בין שוין איצט זעלבשטענדיק, נאָר דאָס לעבן מײַנס איז איצט ניט ענלעך צו מײַן טרוים... כ'האָב ניט קיין חרטה, און צוריק אַהין גיין וויל איך ניט. איך מאַך שלום מיטן הײַנט און הייב אָן אַ קאַמף פֿאַר מײַן עקזיסטענץ, כאָטש ס'איז מיר זייער שווער. אָבער עס שטייט די פֿראַגע וועגן מײַן הײַנט און מאָרגן. ליידער שטיי איך שטאַרק אָפּ פֿון טעכנישן צייכענען. כ'דאַרף זיך גוט צוגרייטן כּדי צו קריגן די סטיפּענדיע! לעצטנס איז אין אָוונט און בײַ נאַכט אין אונדזער צימער שוין פֿאַראַן עלעקטריע, מוז איך זיך נעמען צום צייכענען. דעם 11טן דעצעמבער דאַרף מען פֿאַרענדיקן די ערשטע צוויי בויגנס. ביז דאַן דאַרף איך ליקווידירן מײַן אָפּגעשטאַנענקייט. ס'איז גענוג 5-6 שעה פֿאַר מײַן שלאָף, דאָס



איבעריקע געהערט מײַן שטודיום.

כ'בין שוין אַ זעלבשטענדיקער, דערוואַקסענער מענטש: כ'מוז איצט אַרויף אויף די רעלסן, זיך אויסאַרבעטן אַ פּלאַן בײַ דער אַרבעט, ווײַל כ'בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר מײַנע טאַטן.

כ'שווים אַליין אין מעכטיקן אָקעאַן פֿון לעבן. מיר איז שווער, נאָר איך מוז די שוועריקייט באַזיגן! „דאָס, וואָס איז שווער, איז דאָך ניט אוממעגלעך“. מען דאַרף ערנסט אַרבעטן!

דאָנערשטיק דעם 9טן דעצעמבער

דעם ערשטן בויגן האָט מען מיר פֿאַרבראַקירט. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַטעדרע האָט מיך אַרויסגערופֿן צו זיך און מיר פֿאָרגעלייגט אָנהייבן די אַרבעט פֿון דאָס נײַ. הײַנט האָט מען מיר אונטערגעשריבן צו טוש. זונטיק וועט מיר איינער פֿון אונדזערע לערער לערנען אַרבעטן מיט טוש, לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דאָצענט - דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַטעדרע. דער דעקאַן און פֿאַרוואַלטער באַציִען זיך צו מיר זייער גוט. מוז איך באַווײַזן, אַז כ'פֿאַרדין אַזאַ באַציִונג.

דאָס וויכטיקסטע פֿאַר אַ מענטשן איז: געפֿינען זיך אַן אָרט אין לעבן. איך מאַטער זיך און געפֿין ניט קיין אויסוועג. איך לײַד הונגער... אין דער פֿרי און אין אָוונט בין איך שטענדיק הונגעריק, אויסער דעם מיטאָג אין רעסטאָראַן פֿון אינסטיטוט. איך האָב נאָך אַ ביסל פּוטער און האָניק, וואָס ליגט בײַ מאַניע ליבערמאַן, און כ'האָב נישט קיין צײַט צו פֿאָרן עס ברענגען. מײַן מעל ליגט אויך דאָרטן, אָבער ווו עס אויסבאַקן? אַלע מײַנע אוצרות קען איך נישט אויסניצן. דער הונגער איז פֿון מײַן אייגענער שולד! מאָראַליש איז מיר אויך ניט בעסער: די לערע אין דעם אינסטיטוט באַפֿרידיקט אויך ניט מײַן נשמה. טייל מאָל קלער איך אַריבערגיין אין אַן אוניווערסיטעט. ווען וועל איך עס מאַכן? כ'בין זייער עלנט. צו געניען וויל איך ניט קלינגען. זי האָט מיר אַפֿילו ניט באַגריסט צו מײַן געבורטסטאָג. צו רעבעקאַ

איזראַעלעוונאַן קען איך אויך אָפּט ניט פֿאָרן, ווײַל כ'האָב נישט קיין צײַט און צווייטנס - ס'איז מיר ניט אָנגענעם זי באַאומרוִיקן. זי איז איצט פֿאַרנומען מיט זיך און איר זון. צו מאַניען פֿאָר איך אויך זייער זעלטן. כ'האָב זיך באַפֿרײַנדעט מיט מײַקע קרוגליאַק, אַ סטודענטקע פֿון מײַן קלאַס. מיר האָבןביידע אַ סך זאָרגן. זונטיק פֿאָרט זי אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג צו איר מומען. אָבער אַ גאַנצע וואָך זײַנען מיר ביידע זייער פֿאַרנומען און גרייטן צוזאַמען די לעקציעס, אָדער גייען צוזאַמען אין רעסטאָראַן. מיר האָבן אַן אַלגעמיינע אומצופֿרידנקייט.

לעצטנס ווילט זיך מער אַפֿילו נישט שרײַבן דעם טאָגבוך.

**מאָנטיק דעם 7טן פֿעברואַר 1944**

ס'איז אַוועק אַ לענגערע צײַט. כ'וואָלט געוויס שוין אַוועק פֿון אינסטיטוט, ווען דאָס וואָלט ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דער ווינונג און קאַרטן אויף ברויט און פּראָדוקטן. איצט האָב איך שוין דורכגעמאַכט אַלע עקזאַמענס און זיי אויסגעהאַלטן! אויפֿן עקזאַמען פֿון אַנאַליטישער געאָמעטריע - „אויסגעצייכנט“! איצט גרייט איך דעם מאַטעמאַטישן אַנאַליז.

מ'האָט בײַ מיר אַרויסגעגנבֿעט די שפּײַזקאַרטן אויפֿן גאַנצן חודש, אַלע דאָקומענטן און געלט. כ'לעב מיט דעם, וואָס עס שענקען מיר די מיידלעך פֿון צימער. ס'איז מיר גוט ביטער!

**זונטיק דעם 14טן מאַי**

ס'איז שוין ווידער מאַי. ווידער גרינט עס אויף די פֿעלדער, ווידער בליט עס אין די וועלדער, עס בליט אַפֿילו אומעטום; יעדעס גרעזל, יעדע בלום! איך וועל אין גיכן אַראָפּגיין פֿון זינען, ווײַל אַ בייזער האַרבסטווינט ווייט אין מײַן נשמה... אַ גילגול זיצט אין מיר און רײַסט מיר אויף שטיקלעך: כ'האָב זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אינסטיטוט... אַזוי בין איך אַרויס פֿון דער סבֿיבֿה אין וועלכער כ'האָב זיך געפֿונען און כ'בין געוואָרן עלנט.



כ'האָב גענומען לויפֿן אין טעאַטער. דאָס קאָסט גענוג געלט, אָבער דאָס ברענגט מיר אַ ביסל פֿאַרגעניגן. דער פּרעכטיקער באַלעט „דאָן קיכאָט“ אין גרויסן טעאַטער, „קאָמעדיאַנטן“ אין פֿיליאַל פֿון קליינעם טעאַטער, קאָנצערטן אין גרויסן זאַל פֿון קאָנסערוואַטאָריע. דאָס פֿאַרוויגט אין רויך פֿון טרוים, פֿון קונסט, פֿון העכערן דערהויבענעם, יום-טובֿדיקן גײַסט. נאָך דעם הייבט זיך אָן אַ פּוסטקייט, אַ ווייטיק, די איינזאַמקייט! - די גרויזאַמסטע שטראָף פֿאַר אַ מענטשן!

כ'פֿאַרמאָג 3 באַקאַנטע: געניע, רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ און מאַניע ליבערמאַן. געניע איז פֿאַרנומען מיט זיך אַליין. זי זאָרגט זיך וועגן איר אויסערלעכן אויסזען, וועגן קליידונג און פֿלירטן. כ'צווייפֿל צי זי דערמאָנט זיך וועגן מיר אַפֿילו איין מאָל אין חודש... זי זאָרגט זיך מער וועגן די פֿרויען, מיט וועלכע זי ווינט, ווײַל פֿון זיי האָט זי קליינע באַקוועמלעכקייטן. רעבעקאַ איזראַעלעוונאַ איז זייער זאָרגפֿעליק, לאַדט מיך אָפּט אײַן צו זיך, אָבער איך ווייס דאָך, אַז זי דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט איר זון... איר זאָרג וועגן מיר דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זי קאָרמעט מיך אָן, ווען איך קום. דערפֿאַר דערמאָנט זי מיר מײַן מומע אַלטע, צו וועלכער כ'בין קינדווײַז אַלע שבת געגאַנגען צוגאַסט און דאָרט געגעסן פֿאַרפֿלקיכל. אָבער די מומע פֿלעגט זיך מיט מיר, מײַן ברודערל און שוועסטערל נישט דורכרעדן, דאָס איז איר נישט אָנגעגאַנגען... מאַניע איז אַ קליינבירגערין, וועלכע קלערט וועגן דעם ווי אַזוי שנעל חתונה האָבן און ווערן אַ באַלעבאָסטע. איך בין איר מקנא, ווײַל זי האָט אַ ליבע מאַמע!

וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך און מײַן איינזאַמקייט?

**שבת דעם 12טן אויגוסט 1944**

אַ שאַרפֿער ווייטיק שרויפֿט זיך אַרײַן אין די טיפֿענישן פֿון מײַן ווערן... ס'זײַנען שוין אַריבער 15 טעג זײַט דעם, ווי מײַנע פֿילצאָליקע בריוו און קאַרטלעך זײַנען מיט דער ערשטער פּאָטשט אַוועק קיין ביאַליסטאָק. מײַנע

בריוו זײַנען געוועז די ערשטע ! - אַזוי האָט מיר געזאָגט די מיידל אין פּאָטשטאַמט. מיט געשפּאַנטע נערוון, ווי שטײַף אָנגעצויגענע שטריק, וואָס האַלטן אין גיכן בײַ פּלאַצן, וואַרט איך אויף אַן ענטפֿער - אויף אַ פּאָר שורהלעך, כאָטש אַ פּאָר ווערטער פֿון מײַן ווײַטער היים... דערווײַל הערשט אַ דערדריקנדיק שווײַגן, אַ שווײַגן ווי אויף אַ בית-הקבֿרות, וואָס צופּט מײַן נשמה... אָנשטאָט אַן ענטפֿער - הימלשרײַענדיקע אַרטיקלען אין דער צײַטונג וועגן טויטנלאַגער הינטער לובלין, אויף מײַדאַנעק : עלעקטרישע אויוונס, ווו מען ברענט טאָג און נאַכט לעבעדיקע און טויטע קרבנות פֿון פּוילן, ליטע, טשעכאָסלאָוואַקיע, איטאַליע און פֿראַנקרײַך... מענטשן צערײַסט מען אויף שטיקער, מען שנײַדט זיי מיט העק און מעסערס... אָ, סאַראַ גרויל !

ביאַליסטאָק האָט 5 טעג געברענט, אונטערגעצונדן פֿון שונא, פֿאַר זײַן אָפּטרעטן ! דעם ביאַליסטאָקער געטאָ האָט מען אויך אונטערגעצונדן...

נאָך די אַלע נײַעס קען איך נאָך האָפֿן ? וואָס זאָל איך טאָן מיט מײַן האַרץ ? 3/4 פֿון אים איז שוין פּאַראַליזירט, פֿאַרטעמפּט, ... 1/4 ציטערט נאָך. די האַרצפּעדים וויברירן און טייל מאָל ווילט זיך אַ ביסל וואַרעמקייט דערוועקן ! אַ ביסל ליבע צו די, וואָס עקזיסטירן נאָך דאָרט ! מײַן היים ! איצט איז דאָך שוין דאָרט פּוילן. צי זײַנען נאָך דאָ מײַנע ליבע נאָענטע ? איך וואַרט אויף אַן ענטפֿער. ווי לאַנג וועל איך נאָך אויסהאַלטן ? נאָך אַזוי פֿיל טעג האָב איך נאָך גאָרנישט געקריגן... מיט יעדן טאָג וואָס גייט ווײַטער אַוועק לעשט זיך אויס מײַן האָפֿענונג... און עס הייבט זיך אָן אַ ווייטאָג !

מיטוואָך דעם 6טן סעפּטעמבער

דאָס לעבן מאַכט זײַן וועג, פֿאַרשלינגט דעם יחיד. מײַן פּײַן פֿון דערוואַרטונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרעסערן פּײַן : אַלע מײַנע פֿילצאָליקע בריוו, וועלכע כ'האָב געשיקט קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיך אומגעקערט צוריק מיט אַן אויפֿשריפֿט, אַז די אַדרעסאַטן זײַנען אָפּוועזנד. דער גרויל איז



קלאָר : זיי זײַנען אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם !

און איך ווער אַ טרויעריקער וועזן מיט אַ סך ווייטיקן... אָבער עס זײַנען מיר נאָך געבליבן יוגנטלעכע חלומות און פּלענער. כ'בין פֿאַרמישפּט צו איינזאַמקייט, דאָך קען איך ניט זײַן איינזאַם ! כ'וויל לעבן און געניסן פֿון זײַן פּראַכט !

כ'בין שוין אײַנגעטראָטן אין אוניווערסיטעט אויפֿן קלאַסישן ציקל פֿון פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויפֿן טאָג, ווען ס'וועט זיך אָנהייבן דער שוליאָר. באַדינגונגען וועל איך דאָס יאָר האָבן ערגער. דער אוניווערסיטעט האָט דערווײַל נישט קיין צוזאַמען-וווינונג און כ'וועל מוזן בלײַבן דאָ, ווו כ'בין איצט. צי וועט מען מיך נישט אַרויסוואַרפֿן ? ווו וועל איך וווינען ? כ'האָב נישט קיין אַנונג. כ'האָב דאָך שוין לאַנגע יאָרן געטרוימט צו שטודירן אין אוניווערסיטעט. איצט האָב איך עס דערגרייכט. איצט אַרבעט איך נאָך, כאָטש איך קרענק אַ ביסל. כ'וווין איצט ניט אין מײַן צימער, ווײַל דעם צימער רעמאָנטירט מען איצט. איך וואַרט אויפֿן 1טן אָקטאָבער, ווען ס'וועט זיך אָנהייבן מײַן נײַער גורל.

מאָנטיק דעם 18טן סעפּטעמבער

ווי קאָמפּליצירט פֿאַרפֿלעכט זיך פֿרייד און לייד אין מײַן לעבן. וויפֿל געפֿילן צעשפּאַרן מײַן ברוסט ! צי וועלן מיר קלעקן ווערטער כּדי אין זייערע שטרענגע פֿאָרמען פֿאַרשמידן אַלץ, וואָס שטורעמט אין מײַן נשמה, וואָס ברויזט אין מײַן בלוט ?

כ'בין שוין פּונקט אַ יאָר אין מאָסקווע. וואָס האָב איך דאָס יאָר דורכגעלעבט, ווי האָב איך זיך געענדערט ?

די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך אין מאָסקווע באַגעגנט מײַן ליבן לערער מאַשעוויצקי מיט זײַן משפּחה. זיי זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון ביאַליסטאָק, ווען די נאַציס זײַנען אָנגעקומען, און זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צו זייער משפּחה אין מאָסקווע. ביז איצט האָב איך עס נישט געוווּסט.

וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין מײַן לעבן האָט איצט אונדזער באַגעגעניש!
קיין מאָל וועל איך זיי נישט פֿאַרגעסן, ווי כ׳וועל נישט פֿאַרגעסן מײַן אומגליקלעך פֿאָלק... דעם לערערס זון - יוליעק מאַשעוויצקי, לערנט אויך אין מאָסקווע. ער איז איצט געוואָרן מײַן נאָנטער חבֿר. פֿון הײַנט אָן זײַנען מיר מער ניט עלנט, מיר - צוויי יונגע ייִדישע קינדער גייען צוזאַמען דורכן שווערן לעבן. זאָל אונדז דער הימל בענטשן! זאָל אונדזער פֿאָלק נאָך לאַנג לעבן!

אָט, וואָס ער האָט מיר אָנגעשריבן:

„טײַערע לאהקעלע! דער 17טער סעפּטעמבער איז פֿאַר מיר איינער פֿון די גליקלעכסטע טעג אין מײַן לעבן. כ׳האָב ווידער געפֿונען אַן אינהאַלט אין מײַן גײַסטיקן לעבן. פֿיזיש האָב איך נאָך עקזיסטירט, קיין נאָנטן מענטשן, וואָס זאָל מיר פֿאַרשטיין, וואָס זאָל מיר קענען מיטפֿילן, איבערלעבן דאָס, וואָס איך לעב איבער, האָב איך ניט געהאַט.

איצט האָב איך געפֿונען אַ חבֿרטע מיט וועמען איך קען האַנט אין האַנט דרייסט גיין דעם דערנערדיקן לעבן אַנטקעגן, מיט וועמען כ׳וועל קענען זײַן שטאָלץ, אַז איך געהער צו אַן אַלטן היסטאָרישן פֿאָלק, וואָס האָט זייער אַ סך איבערגעלעבט, וועלכער האָט אויך זייער אַ סך געגעבן פֿאַר דער מענטשלעכער קולטור, ציוויליזאַציע און אַנטוויקלונג.

איך פֿאַראַכט די ביאַליסטאָקער חבֿרים, וואָס שעמען זיך מיט זייער ייִדישקייט. דו ביסט מײַן נאָנטסטער פֿרײַנד. כ׳שרײַב דאָס דעם 18טן אין אָוונט. כ׳בין נאָר וואָס געקומען פֿון דער אַרבעט. כ׳פֿיל, אַז עפּעס פֿעלט מיר. נאָר איצט פֿיל איך: ווי כ׳האָב דיך ליב!"

**זונטיק דעם 24סטן סעפּטעמבער**

פֿאַר מײַנע אויגן - זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע: גאָלדענע האָר, העלע אויגן, וואָס קוקן מיר אָן, לײַדנשאַפֿטלעכע דינע ליפּן. אַ מיליטערישער פֿאַרשפּיליטער קיטל מיט אַקסלבענדער, פֿון וואַנען ס׳קוקן אַראָפּ צוויי שטערנדלעך. אויף



דער צווייטער זײַט - אַן אונטערשריפֿט: „דײַן יוליק". מײַן יוליק? מײַנער אויף שטענדיק, אויף אייביק? זײַנען דען פֿאַראַן גליקלעכערע מענטשן פֿאַר מיר? איך זויג זיך אײַן מיט די אויגן אין געזיכט פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע. - צי דען פֿילסטו איצט דאָרט, צווישן דײַנע זעלנער, ווי איך פֿאָלג נאָך אין געדאַנק דײַן באַוועגונג? צי פֿילסטו ווי שטורמיש עס קלאַפּט איצט מײַן האַרץ? ס׳איז נאַריש צו קושן דאָס פּאַפּיר מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע, אָבער צי פֿילסטו איצט דאָרט, ווי איך שרײַב און ציטער? ----

**פֿרײַטיק דעם 29סטן סעפּטעמבער**

פֿון יוגנט מײַנער פֿרילינגדיק
דאָס האַרץ האָט זיך צעבליט
אין טרוים עס וואָרקעט זינגענדיק
אַ ליבעס-טייבל פֿליט.

כאָטש דרויסן האַרבסט און טרויעריק
רוישט גאָלדענער בלעטער-פֿאַל
אין בלוט איז מאַי, דערפֿרישנדיק
עס ברויזט דער לעבנסקוואַל.

אין ליבע-טרוים פֿאַרוויגנדיק
פֿאַרשיכּורט מיך דײַן בליק
אָ ליבער, קום און קושנדיק
מײַן הייסן האַרץ צעדריק.

דער זוים פֿון אונדזער אַלטן שטאַם
האָט ווײַט זיך איצט צעזייט
נאָך די קרבנות פֿון דער פֿלאַם,
וואָס אין די לאַגערן פֿאַרשפּרייט.

דאָס אַש פֿון די פֿאַרפּײַניקטע
נקמה איצט העליש מאָנט.
מיר שווערן שׂינאה אייביקע
און האַס צום שׂונאס פּראָנט.

ס'קען קיינער נישט צעשיידן אונדז
מיר זײַנען איין געוועב.
עס פֿליסט שטאָלץ ייִדיש בלוט אין אונדז
מיר האָבן פֿיל געשטרעבט.

מאָנטיק דעם 25סטן אָקטאָבער

איצט גלויב איך, אַז מיר איז באַשערט נאָך לאַנג לעבן, כּדי צו שאַפֿן, אַרבעטן, ניצן ברענגען ! דערפֿאַר האָט ווײַזט אויס דער גורל אַזוי פֿיל מאָל מיך געראַטעוועט פֿון טויט : דערפֿאַר מיך אַרויסגעפֿירט 5 טעג פֿאַר דער מלחמה פֿון ברוינעם גיהנום, דערפֿאַר געגעבן מיר אַ מעגלעכקייט זיך לערנען, באַטרעטן די שוועל פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט ! איצט - פֿון מלאך-המוות קאַלטע אָרעמס אַרויסגעצויגן, פֿון אונטער די רעדער פֿון עלעקטרישן צוג - אַ לעבעדיקע, כאָטש פֿאַרוווּנדעטע אַרויסגעפֿירט... מיט 20 טעג צוריק 8 אַ זייגער פֿרי אָן באַוווסטזיין מיט שרעקלעכע שוואַרצע אויגן האָב איך אַרום זיך געקוקט און מײַנע חבֿרטעס געשראָקן. דערנאָך בין איך צו זיך געקומען און אַ שטאַרקן ווייטיק אין לינקער זײַט דערפֿילט,



פֿון מויל האָט בלוט געטריפֿט, פֿון קאָפּ - געפּלאָסן...
מיטן זעלבן צוג, וואָס האָט מיך געשעדיקט, האָט מען מיך אין שפּיטאָל אין סאָקאָלניקי געבראַכט. די ווונדן אויפֿן קאָפּ פֿאַרנייט און פֿעסטגעשטעלט אַ לײַכטע נערוון-דערשיטערונג און אַ צעבראָכענע ריפּ, אַן אינעווייניקסטן בלוטאויסגוס און אָנצינדונג אין דער לינקער זײַט. צו ערשט האָב איך זיך עטלעכע טעג רירן ניט געקענט. דערנאָך זיך גענומען פֿאַרריכטן. אָט בין איך שוין אין דער היים כּמעט געזונט. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך צוטרעטן צום לערנען.
מײַנע חבֿרים און פֿרײַנט האָבן מיך מער פֿון אַלץ גערירט : כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז כ'בין נישט איינזאַם, אַז כ'בין באַליבט, אַז מען האָט מיך נישט פֿאַרגעסן ! ניט קוקנדיק אויף דער שווערער צײַט האָט מען מיר געבראַכט טרויבן, עפּל, זיסוואַרג, קאָמפּאָט און פּוטער ! כ'האָב געהאַט אַ סך באַזוכן, די זאָרג מיט וועלכער מ'האָט מיך אַרומגערינגלט האָט מיך שטאַרק גערירט. פֿאַר וואָס קומט עס מיר ? איצט פֿאַרשטיי איך וויפֿל פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אחריות דאָס לייגט אויף מיר אַרויף ! מיט מײַן אַרבעט - באַצאָלן !

דאָנערשטיק דעם 26סטן אָקטאָבער

כ'קער זיך אום צום געזונט. דער קאָפּ טוט שוין נישט ווי, כ'קען אַ ביסל אַרומגיין, אַפֿילו שפּאַצירן. איינס איז נאָך געבליבן, ווײַזט אויס - אויף לאַנג : אַ ווייטיק אין ברוסט אין דער לינקער זײַט.
מיט דעם ווייטיק מוז איך שלום מאַכן, ווי ס'האָט געזאָגט דער דאָקטער, ווײַל דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון צײַט, אפֿשר אַפֿילו פֿון יאָרן... הייסט עס : זײַ געזעגנט יוגנטלעכער גאַנג, באַוועגלעכקייט, שטיפֿערישע, זאָרגלאָזע זשעסטיקולאַציע ! אין גיכן וועל איך האָבן צוואַנציק יאָר, כ'בין שוין אָבער אַ זקנה... כ'באַמי זיך צו מאַסקירן מײַן ווייטיק...
איך גלויב, אַז די פֿרייד פֿון גליק באַשטייט אין דעם, וואָס עס קומט

געוויינלעך פלוצלונג און זייער וויניק - עטלעכע טראָפּנס. דער גורל האָט זיך מיר צעשמייכלט און כ'בין גליקלעך. כ'האָב אַ חבֿר אין לעבן געפֿונען, מיט וועמען עס פֿאַרבינדט מיר מײַן פֿאַרגאַנגענהייט, מײַן קינדהייט און דערציִונג - דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב אַזוי טראַגיש שנעל פֿאַרלוירן, וואָס כ'באַהאַלט אין מײַן האַרץ ווי אַ הייליקטום. כ'בין מער נישט אַליין. כ'האָב אַ פֿרײַנד, וואָס קען מיך פֿאַרשטיין, מיט וועמען כ'קען טיילן מײַנע האָפֿענונגען און גלויבן, מײַנע פּלענער און טרוימען. דאָס וויכטיקסטע : איך ווייס, אַז ער האָט מיך ליב, ער קלערט וועגן מיר, זאָרגט זיך ! איך בין מיט דעם זייער רײַך ! אָבער דאָס לעבן איז אַזוי געבויט, אַז ס'מוזן שטערונגען, דערנער אויפֿן וועג אויסוואַקסן, ווײַל פֿרייד און לייד זײַנען לײַבלעכע שוועסטער... מיר קענען זיך גוט און דאָך - זייער וויניק... אין יעדנס פֿאַנטאַזיע צייכנט זיך אַ פֿאַלש בילד פֿון דער אַלטער, פֿאַרמלחמהדיקער פֿאָטאָגראַפֿיע, ווײַל מיר האָבן זיך דאַן כּמעט ניט געקענט... אונדז האָט צעטיילט אַ מרחק פֿון יאָרן און סבֿיבֿה... אונדזערע אילוזיעס זײַנען געבויט אויף דעם אַלטן אויסערלעכן גלאַנץ, וואָס האָט שוין לאַנג זײַן שיינקייט פֿאַרלאָרן. אויך 4 מלחמה-יאָרן האָבן אַ סך געענדערט. איצט לעבן מיר ווידער אין פֿאַרשיידענע באַדינגונגען, וואָס דערלויבן אונדז ניט זיך דערנענטערן. קודם די צופֿעליקע שטערונגען : ווי מײַן קראַנקהייט און זײַן אָפּפֿאָרה אין דער אַרמיי, כאָטש ער וועט אין גיכן צוריקקומען.

איך האָב איצט שווערע באַדינגונגען צום לערנען, ער איז אַ לייטענאַנט אין דער אַרמיי, אַ קורסאַנט פֿון קריגערישע איבערזעצער, וועמענס מאַטעריעלע באַדינגונגען זײַנען אויך ווײַט ניט גענוגנדיק. - דאָס אַלץ איז די סיבה פֿון אונדזער ווײַטקייט.ביידע האָבן מיר באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און קענען זיך בשום אופֿן ניט העלפֿן. ער איז זייער שטאַרק באַשעפֿטיקט און קען בלויז זעלטן צו מיר קומען : בלויז איין אָוונט אין דער וואָך... באַזונדערס איצט, ווען איך לערן נאָך נישט. איך ווייס שוין, אַז אין אַ קנאַפּן חודש



אַרום וועט ער אָפּפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט. איך וועל אים פֿאַרלירן אויף ווער ווייסט ווי לאַנג... אפֿשר אויף אייביק... עס גייט מיר דורך אַ שוידער. דאָך געהערן מיר דאָך אונדזערע פֿליכטן דער געזעלשאַפֿט און דעם פֿאָלק !

פֿרײַטיק דעם 27סטן אָקטאָבער

כ'קער זיך ביסלעכווײַז אום צום געזונט, דאָס פֿרייט מיך זייער ! עס הייבן זיך אָן די טעגלעכע זאָרגן פֿון די מאַטעריעלע שוועריקייטן. כ'האָב שוין נישט קיין קאָפּיקע בײַ דער נשמה און דערפֿאַר - גרויסע חובֿות. עס זײַנען נאָך געבליבן 5 טעג פֿון חודש און מײַנע קאַרטלעך האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט. מען האָט מיר אַלץ אַרויסגעשניטן פֿאַר דער באַשפּײַזונג אין שפּיטאָל !

דערווײַל שפּײַזט מיר מײַן נאָענטע חבֿרטע פֿון אינסטיטוט - מײַקע קרוגליאַק, וועלכע ווײַזט בכלל אַרויס אַזוי פֿיל זאָרג וועגן מיר ! אָבער איך מוז איר דערפֿאַר באַצאָלן, זי פֿאַרמאָגט דאָך אַליין זייער באַגרענעצטע מעגלעכקייטן !

דערצו איז די וווינונגס-פֿראַגע אויך זייער אָנגעשטרענגט. דערווײַל וווין איך נאָך אין דער אַלטער צוזאַמען-וווינונג פֿון אינסטיטוט. פֿריִער אָדער שפּעטער וועט מען מיר פֿון דאַנען עקסמיסירן און וווּהין צו גיין פֿאַרמאָג איך נישט. אין אוניווערסיטעט קען מיך נאָך קיינער נישט, ווײַל צוליב מײַן קראַנקהייט בין איך נאָך נישט געווען אויף קיין לעקציעס...

מײַן גורל : אַן אייביקער וואַנדערער און שלעפּער, אַן אייזל אין שווערן געשפּאַן פֿון לעבן... ווי וויייניק פֿרייד און וויפֿל ערגערנישן !

יוליק קומט און דערציילט וועגן זײַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וועגן דער לערע, וואָס פֿאַרשלינגט אים. איצט זע איך, ווי וויייניק ער געהערט מיר און אַפֿילו זיך אַליין !

ווען ער קומט צו מיר, זײַנען מיר קיין מאָל נישט אַליין, מיר זענען צוזאַמען מיט מײַנע שכנות, וועלכע פֿילן זיך געשטערט צוליב זײַן אָנוועזנהייט, און

טײלעװיִז כאַטש אין אַ קוים באַמערקבאַרער מאָס גיבן זיי עס מיר צו פֿילן. ער אָבער פֿאַרשטייט עס נישט, כ'ווייס נישט פֿאַר וואָס... אפֿשר איז אים אומבאַקאַנט די באַדינגונגען פֿון צוזאַמען-וווינונג, ווײַל ער געפֿינט זיך דאָך אין אַ באַזונדערן צימער בײַ זײַנע פֿרײַנט. איך לײַד פֿון דעם זייער און מוז אַ צווייענדיקע קאָמעדיע שפּילן : פֿאַר אים - ער זאָל מײַן ווייטיק ניט פֿילן ; פֿאַר זיי - די באַדינגונגען מילדערן כּדי זייער אומצופֿרידנקייט שטילן !

שבת דעם 28סטן אָקטאָבער

כ'בין הײַנט צום ערשטן מאָל געפֿאָרן אין אוניווערסיטעט. אָבער כ'האָב זיך נאָך נישט געלערנט.

שבת דעם 5טן נאָוועמבער

שוין אַ וואָך ווי איך לערן. יעדן טאָג שטיי איך אויף 7 אַ זייגער פֿרי, ווײַל 9 אַ זייגער הייבן זיך אָן די לעקציעס. כ'קער זיך אום כּמעט יעדן טאָג 7-6 אָוונט. אַרבעט איז דאָ זייער אַ סך, אויב שטודירן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. אמת איך גיי אויף די קורסן פֿון אַלע געגנשטאַנדן, כ'הער אַלע לעקציעס און גרייט צו שטובאַרבעטן אויף דײַטש. נאָך יום-טובֿ וועל איך אָפֿט פֿאָרן אין ביבליאָטעק, זיך באַקענען מיט די לעקטורן. דאָ איז אַלץ זייער אינטערעסאַנט ! ס'פֿאָדערט אַ סך צײַט און באַדינגונגען. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די באַדינגונגען זײַנען ניט גלענצנד ווי געוויינלעך (אַ שטענדיקער מאַנגל אין געלט !), דאָך מוז איך געדענקען וועגן מײַן ציל און זיך ערנסט גרייטן : מען דאַרף אַ סך לערנען ! גלאַט צײַט פֿאַרלירן האָט דאָך קיין זין נישט !

זונטיק דעם 6טן נאָוועמבער

אַ לײַכטע, פֿריילעכע שטימונג. אַ גאַנצן אָוונט געפּלאַפּלט וועגן אַלץ און



וועגן גאָרנישט ווי געוויינלעך... יוליק איז געקומען און שנעל אַוועק. איך האָב געפּלאַפּלט מיט דעוויקן - מײַקעס אַלטן שול-חבֿר, אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער יאַט !

אין גיכן איז יום-טובֿ : דער 27סטער יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דאָס גרייט מען זיך פֿײַערן אין אונדזער צימער.

צו יוליקן האָב איך זיך שוין אַ ביסל אָפּגעקילט. איך זע אים געציילטע מינוטן איין מאָל אין דער וואָך. איצט האָבן מיר שוין נישט וועגן וואָס צו רעדן, ווײַל חוץ דעם גרויסן אונטערשייד פֿון אונדזערע כאַראַקטערס, האָבן מיר דאָך אויך נישט קיין שום שותּפֿותדיקע אינטערעסן. ער באַציט זיך גוט צו מיר, שעצט מיר, אָבער מיר זעען זיך זעלטן. איך וויל מיט אים וועגן אַלץ רעדן, אָבער כ'ווייס ניט ווי אַ ריכטיקן צוגאַנג געפֿינען. צי וועט ער מיך קענען פֿאַרשטיין ? צי וועל איך אים קענען דערקלערן ?

מאָנטיק דעם 7טן נאָוועמבער

כּעס, פֿאַרצווייפֿלונג, דענערווירונג, באַליידיקונג !

יוליק האָט צוגעזאָגט קומען, כּדי זיך צונויפֿרעדן וועגן דעם, ווי צו פֿײַערן דעם יום-טובֿ, און ער איז ניט געקומען. מאָרגן איז יום-טובֿ ! איך האָב אָרגאַניזירט אַ באַשיידענעם אָוונט אין צימער, און אַלע צוגרייטונגען זײַנען אין פֿולן גאַנג. מאָרגן אין אָוונט וועלן מיר זיך פֿרייען. אַלע ווייסן, אַז ער וועט קומען. אָבער ער ? פֿאַר וואָס איז ער נישט געקומען ? צי איז די סיבה - מאַטעריעלע באַדינגונגען ? אים איז ניט באַקוועם צו קומען אָן ווײַן, אָדער עפּעס אַנדערש ? פֿאַר וואָס שווײַגט ער ? פֿאַר וואָס שפּילט ער אַ קאָמעדיע און שפּילט שלעכט ?

מיר האָבן צונויפֿגעזאַמלט געלט, געקויפֿט אויפֿן מאַרק קאַרטאָפֿל, בוראַקעס און אַנדערע גרינסן, בוימל, בעבלעך, ווײַן איז שוין אויך פֿאַראַן. מאָרגן וועלן מיר נאָך אפֿשר קריגן אין קראָם זיסוואַרג. אַלץ זעט זיך פֿאַרויס זייער גוט. איך בין אָבער דענערווירט און נאָך מער אויפֿגערעגט, שטאַרק

אין כּעס. אויף וועמען ? אויף אים ? פֿאַקטיש, דאַרף איך זײַן אין כּעס אויף אים. פֿאַר וואָס פֿאַרשאַפֿט ער מיר אַזוי פֿיל לייד ? צי דען קען ער נישט אַנדערש האַנדלען ? איך מיין, אַז ער קען געוויס, נאָר ער פֿאַרשטייט מיך נישט. פֿאַר וואָס ? צי קלערט ער צו ווייניק וועגן מיר ? כ׳בין אין כּעס אויף זיך אַליין. פֿאַר וואָס קען איך נישט רויִק רעאַגירן ? פֿאַר וואָס מוז איך זיך אויפֿרעגן און דענערווירן ? פֿאַר וואָס בין איך שוין אַ שקלאַף פֿון מײַן אייגן, נאַריש האַרץ ?

מיטוואָך דעם 9טן נאָוועמבער

נעכטיקער אָוונט איז אַדורך פֿיל בעסער, ווי מען האָט בלויז געקענט דערוואַרטן. אונדזער טיש איז גוט געווען געגרייט, די שטימונג איז געווען אַ גלענצנדע. אין מיטן דער סעודה איז געקומען געניע מיט ליאָניען. אַלץ איז ווי פֿריִער געווען גוט. דערנאָך האָט זי גענומען קאָקעטירן יוליקן, אַזוי, אַז אַלע פֿאַרזאַמלטע האָט עס זיך געוואָרפֿן אין די אויגן. ער האָט וואַרעם געענטפֿערט אויף איר אַרויסרוף און דאָס האָט פֿאַרשטענדלעך זיך אָפּגערופֿן אויף מײַן שטימונג. אמת, מיר האָט די גאַנצע צײַט מיט בליקן פֿאַרפֿאָלגט דעוויק - מײַקעס חבֿר, וועלכער האָט אַ מײַסטערשאַפֿט פֿון דער ערשטער קאַטעגאַריע אין שאַך, און ער האָט געוווּנען אַ פּאַרטיע שאַך בײַ באָטוויניקן און ליליענטאַלן. איך האָב אים די גאַנצע צײַט אָנגעפֿילט זײַן גלאָז מיט ווײַן און ער איז ביסלעכווײַז געוואָרן שיכּור. פֿון יוליקס אויג איז פֿאַרשטענדלעך אויך דאָס ניט אַנטרונען. אפֿשר האָט ער מיר אָפּגעצאָלט דערפֿאַר ? בײַם געזעגענען זיך האָט ער איר נאָך הייס און לאַנג געדריקט די האַנט. כ׳דערמאָן זיך ווי אויפֿגערעגט און שלעכט ער האָט זיך וועגן איר אויסגעדריקט בעת איך בין געלעגן אין שפּיטאָל... זאָל זײַן, אַז ער שעצט מיך פֿיל מער ווי איר... ווי זאָל איך האַנדלען ? כּלומרשט עס נישט באַמערקן ? ווו איז מײַן שטאָלץ ? איך האָב אַפֿילו געפּרוווט אים געבן אָנצוהערעניש, אַז מיר באַפֿרידיקן נישט די בלויזע זעלטענע



צוזאַמענטרעפֿן, גיין צוזאַמען אין טעאַטער - ער פֿירט מיך זייער אָפֿט ! - אָפֿיציעלע געשפּרעכן... איך בענק נאָך אים עפּטער ! מיר זעען זיך אַזוי זעלטן !

דאָנערשטיק דעם 10טן נאָוועמבער

ס׳איז שוין 7 וואָכן נאָך מײַן פֿאָרפֿאַל. אַ טראָפּן פֿרייד, אַ דאַנק דעם גורל ! כ׳געהער נישט צו די, וואָס מען קען אַזוי לײַכט צעברעכן. מיך האָט דער עלעקטרישער צוג נישט צעבראָכן, בלויז אויף אַ חודש צוגעשמידט צום בעט... איצט בין איך שוין פֿולשטענדיק געזונט. מײַן וועג איז נאָך לאַנג און פֿרײַ. איך וויל און וועל לערנען ! מיטן גאַנצן טעמפּעראַמענט, מיט דער גאַנצער נשמה. איך ווייס, אַז דער אוניווערסיטעט וועט מיך פֿאַרשלינגען. איך וועל זיך אומקערן צו דער אַרבעט !

מאָנטיק דעם 14טן נאָוועמבער

עמיץ האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר און ס׳האָט זיך באַוויזן יוליק ! ער האָט מיך גערופֿן צו אים און זײַנע קרובֿים, ווײַל דאָרט דאַרף קומען אַ ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַן. מיר זײַנען אַהין אַוועק, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער איז נאָך דערווײַל נישט געקומען. מיר האָבן געמיטלעך פֿאַרבראַכט דעם אָוונט בײַ אַ געדעקטן טיש און זייער פֿרײַנדלעך געשמועסט. זײַן משפּחה האָט מיר דערנאָך אײַנגעלאַדן עפּטער צו זיי קומען ! אונדזער איצטיקע באַציִונג מיט יוליקן איז געוואָרן אַן אָפֿיציעלע. אין אַ חודש אַרום דאַרף ער אַוועקפֿאָרן ווידער אויפֿן פֿראָנט. איצט האָט ער אַ סך אַרבעט. פֿון זײַן איצטיקן דערפֿאָלג בײַ דער אַרבעט הענגט זייער פֿיל אָפּ. ער מוז זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. איך בין אים דאַנקבאַר, ווײַל ער זאָרגט אַ סך וועגן מיר און מײַן ווײַטערדיקן גורל ! פֿון דער צוזאַמען-וווינונג פֿון אינסטיטוט דאַרף איך שוין אַרויסגיין און אין אוניווערסיטעט האָב איך נאָך קיין צוזאַמען-וווינונג נישט באַקומען...

דינסטיק דעם 28סטן נאָוועמבער

אומאָנגענעמלעכקייטן און אָנשטרענגונגען אין באַומאַנישן אינסטיטוט, דערנאָך די אַרבעט... די ידיעה וועגן טויט פֿון מײַנע עלטערן, שוועסטערל און ברודערל, די גאַנצע משפּחה... דער שוידערלעכער אומגליקלעכער צופֿאַל מיט דער באַן - סאַראַ שרעקלעכער יאָר ! מאָרגן וועט זײַן מײַן געבורטסטאָג ! ווי וועט זײַן מײַן לעבן צו מײַנע 20 יאָר ? איך וועל דאָך שוין גיין אין אוניווערסיטעט ! דאָס יאָר וועט זײַן דאָס גליקלעכסטע אין מײַן לעבן ! כ'האָב דאָך שוין מײַן ציל דערגרייכט. עס האָבן זיך מיר געעפֿנט ברייטע האָריזאָנטן, אַן אינטערעסאַנטע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט. כ'בין זייער צופֿרידן. אָבער - איצט איז אָוונט און כ'בין מאָראַליש פֿאַרמאַטערט... פֿאַר וואָס ? צוליב וואָס אַרבעט איך אַזוי שווער, לײַד הונגער, פֿריי זיך און שפּיל אַ קאָמעדיע ?

כ'האָב באַשלאָסן פֿײַערן מײַן געבורטסטאָג. פֿאַר די לעצטע גראָשנס, וואָס וועלן מיר זיכער דערנאָך אויספֿעלן, האָב איך געקויפֿט גרינסן, ווײַן, צוקער, קעז, הערינג א.אַ.וו. איצט דאַרף מען רוימען, וואַשן, פּרעסן, קאָכן און צוגרייטן. צוליב וואָס ? די, וואָס רינגלען מיך אַרום און וועלן זײַן אָנוועזנד, אינטערעסירן זיך בלויז מיטן טיש ! זיי באַמיִען זיך נישט מיט קיין פֿריילעכקייטן און קענען מיך נישט פֿאַרשטיין.

געניע וועט ווידער קאָקעטירן יוליקן... דערנאָך וועט יוליק אָפּפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט און איך וועל בלײַבן עלנט און אָרעם אַליין, אַפֿילו אָן געלט פֿאַרן מינימום פֿון לעבנסמיטלען, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ... דאָס, וואָס איך זע שוין פֿאָרויס - טוט מיר שטאַרק וויי. איך בין שוין שטאַרק פֿאַרמאַטערט. בעסער ניט קלערן איצט דערפֿון, כ'זאָל האָבן אַ ביסל רו !

דאָנערשטיק דעם 30סטן נאָוועמבער

כ'קען נישט שלאָפֿן. פֿאַר וואָס ? ווער האָט מיך געוועקט אין דער טיפֿער נאַכט ? אַ געדאַנק האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין מײַן קאָפּ און קען נישט



אַרויסקריכן אויף דער פֿרײַ. וואָס פֿיל איך, וואָס ווילט זיך זאָגן ? איך בין שוין אַלט 20 יאָר, איך שטרעב. איך מוז זיך צו מײַן ציל דערשלאָגן ! ס'איז מיר איצט שווערער ווי פֿאַראַיאָרן, ווײַל דאַן האָב איך געהאַט געלט און איצט האָב איך שוין נישט... דאַן האָב איך אויך געהאַט וווּ דעם קאָפּ צו לייגן און איצט וועט מען מיר עס צונעמען... מײַן צוקונפֿט און ציל זײַנען מיר דײַטלעכער און באַקאַנטער. איצט בין איך שטאַנדהאַפֿטיקער און פּראַקטישער אין קאַמף פֿאַר מײַן עקזיסטענץ. איך גלייב אין מײַנע כּוחות : כ'מוז זיגן - און כ'וועל זיגן ! מיט מײַן האַרץ און מײַן נשמה זיך אין גאַנצן מײַן שטודיום ווידמען ! איבערמאָרגן וועל איך פֿײַערן מײַן געבורטסטאָג. יוליק וועט דאַן פֿאַרענדיקן זײַן לערע, פֿאַר זײַן אָפּפֿאָר אין דער אַרמיי. ער זאָרגט זיך זייער פֿאַר מיר... כ'גלייב, אַז אין אַ יאָר אַרום וועל איך קענען פֿאַרצייכענען אונדזער באַגעגעניש, נאָך זײַן צוריקקער ! מונטערער וועט זײַן מײַן איינאונצוואַנציקסטער יאָר !

מאָנטיק דעם 4טן דעצעמבער

נעכטן האָב איך געפֿײַערט מײַן געבורטסטאָג. דער אָוונט איז זייער פֿריילעך און אָנגענעם אַדורכגעגאַנגען. דער רויטער ווײַן האָט גלײַך געמאַכט אַ גוטע שטימונג, דאַן דער פֿאַטעפֿאָן - טענץ !

יוליק האָט זייער גוט פֿאַרווײַלט דעם גאַנצן עולם. איך האָב, פֿאַרשטענדלעך באַקומען עטלעכע מתּנות : מײַקע האָט מיר געקויפֿט עטלעכע ביכער, לידע און נאַדיע - אַ שאַכטל מיט קיכעלעך פֿון „קאָמערטשעסקן", געניע - אַ פֿלעשל פּאַרפֿום און טואַלעט-זייף. מײַקע צוקאַרעוויטש, אַ סטודענטין פֿון אוניווערסיטעט, געניעס געוועזענע חבֿרטע, מיט וועלכער כ'האָב זיך באַקענט - האָט מיר געשיקט שאָקאָלאַד ! עס איז מיר געווען זייער, זייער אָנגענעם !

יוליק זוכט אַ דערנענטערונג פֿאַר זײַן אָפּפֿאָר, באַמיט זיך נעמען פֿון לעבן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, זוכט צײַט, כּדי גענוס זיך פֿאַרשאַפֿן. ער לייגט

מיר פֿאָר איין טאָג נישט גיין אין אוניווערסיטעט און מיט אים פֿאַרברענגען ! איך מוז אים ערנסט דערקלערן, אַז איך טאָר עס נישט טאָן, איך דאַרף ערנסט שטודירן !

דינסטיק דעם 5טן דעצעמבער

איך גרייט איצט די שריפֿטלעכע איבונגען פֿון דער דײַטשישער גראַמאַטיק. אָבער איך וואַרט נאָך אויף יוליקן, כּדי מיט אים זיך צעשיידן... ס'איז שוין 9 אָוונט און ער איז נאָך נישטאָ. צי וועט ער קומען ? גגעניע האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך היינט 10 אַ זייגער פֿרי געזאָלט באַגעגענען אין דער ביבליאָטעק, כּדי ער זאָל איר אומקערן געוויסע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט בײַ איר גענומען. ווי זי האָט געזאָגט, איז זי ניט געקומען. אפֿשר האָבן זיי אָפּגערעדט זיך טרעפֿן היינט אין אָוונט ? איך בין שוין טרויעריק... ווען וועלן מיר זיך געזעגענען ?

מאָנטיק דעם 18טן דעצעמבער

יוליק האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ר'איז דעם 5טן נישט געקומען. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט מיך ליב, זעט אין מיר אַ צוקונפֿטיקע חבֿרטע אויפֿן גאַנצן לעבן, מיט וועמען ער וויל פֿאַרבינדן זײַן גורל. ער איז עלטער פֿון מיר און מיר האָט ער געזאָגט, אַז איך בין נאַיִוו קינדעריש און נישט קאָקעטיש... ער רעכנט אָבער, אַז ווען ער וועט זיך אומקערן צוריק נאָכן קריג, וועל איך שוין קענען זײַן - לענאָטשקע, זײַן פֿרוי ! ער בויט ערנסטע פּלענער אויף אונדזער צוקונפֿט ! איך בין ווירקלעך נאָך אַ נאַריש קינד... איך קלער נאָך דערווײַל נישט וועגן קיין מאַן... ער דאַרף שוין אַ פֿרוי ! איך בין דערווײַל אַנדערש ווי אַלע איבעריקע... צי בין איך שטיין געבליבן אין מײַן אַנטוויקלונג ? אָבער איך האָב אים דאָך אויך ליב ! מיר דאַכט זיך, דערפֿאַר, וואָס אונדז פֿאַראייניקט אַ געמיינזאַמע פֿאַרגאַנגענהייט, דערפֿאַר, וואָס ער איז אַזוי פֿילבאַר און גוט צו מיר, וואָס ער איז ערנסט און ערלעך !



זײַנע צערטלעכקייטן מאַכן מיר גליקלעך.
נעכטן האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט פֿאַר סאַמויִל מאַרקאָוויטשן בײַ גגעניען. ס'איז אָנוועזנד געווען : בלויז איך, יוליק, גגעניע, ליאָניע און סאַמויִל מאַרקאָוויטש. יוליק האָט זיך זייער גוט אויפֿגעפֿירט, האָט אַלץ געטאָן, וואָס מיר איז געווען אָנגענעם. מיר האָבן כּסדר געטאַנצט, ער האָט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט מיר געווידמעט ! סאַמויִל מאַרקאָוויטש האַלט, אַז איך בין גליקלעך וואָס אַזאַ „אויסגעצייכנטער גוטער יונגער-מאַן האָט מיך ליב." ער האָט מיך אַפֿילו שוין געבענטשט. כ'האָב אים געזאָגט, אַז ס'איז נאָך צו פֿרי !

דינסטיק דעם 26סטן דעצעמבער

אין גיכן וועט שוין זײַן נײַ-יאָר. אַלע גרייטן זיך באַגעגענען דעם נײַעם יאָר, וואָס דאַרף ברענגען פֿרייד, גליק און פֿרידן דער מענטשהייט. מעגלעך, אַז דער אַלגעמיינער שטראָם פֿון דעם אַרום וועט מיך אויך פֿאַרשלינגען ! אינערלעך פֿיל איך זיך דערווײַל שלעכט. מײַן מאַטעריעלע לאַגע איז זייער אָנגעשטרענגט און איך קען זיך דערווײַל נישט העלפֿן : פֿרִיער פֿון אַלץ בין איך געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. כ'ווין נאָך ביז אַהער אין דער אַלטער צוזאַמען-וווינונג, אויף וועלכער כ'האָב שוין קיין רעכט נישט. יעדן מאָנאַט, ווען מען דאַרף חתמנען די פּראָדוקטיווע קאַרטלעך, הייבט זיך אָן אַ מאַטערניש : ווי אַזוי אָפּנאַרן די קאָמענדאַטור ? צום בײַשפּיל, מײַן פּאַספּאָרט ליגט שוין איצט 5 טעג פֿאַרמשכּונט, ביז כ'וועל נישט צושטעלן אַ דאָקומענט, אַז כ'בין אַ סטודענט פֿון באַומאַנישן אינסטיטוט. פֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ דאָקומענט קען איך דאָך נישט קריגן... וואָס זאָל איך טאָן ?
צווייטנס : עס גייט צו נײַ-יאָר. מ'דאַרף זיך אײַנשליסן אין דער אַלטער קאָמפּאַניע כּדי באַגעגענען דעם נײַעם יאָר. אויף וויפֿל איך קען פֿון צימער נישט אַוועקגיין, טאָר איך זיך פֿון דעם נישט אָפּזאָגן ! מ'דאַרף צו דעם

געבן געלט... אין מײַן טאַש האָב איך 100 רובל, וועלכע כ'דאַרף האָבן צום מיטאָג אין רעסטאָראַן פֿון אוניווערסיטעט ! - דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס כ'קען זיך דערלויבן. כ'קען זיך שוין אַפֿילו מער קיין קאַרטאָפֿל נישט קויפֿן, כּדי זיך עפּעס אָפּקאָכן אין אָוונט... אַרום מיר לעבן דאָך מענטשן, וועלכע שפּײַזן זיך שמאַקהאַפֿט און נאָרמאַל, טוען זיך אָן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן...

איצט קען מען אין מאָסקווע קריגן אַ סך פּראָדוקטן, פֿרוכטן, אַפֿילו מילך, אויך אַלע לוקסוס-שטאָפֿן אויף קליידער, מאַנטלען, מעשטלעך [?] און באָטן ! איך וויל ווי אַלע אַנדערע זיך גוט אָנטאָן... צי דען האָב איך ווייניקער רעכט פֿון אַנדערע אויף פֿרייד ? יאָ. מײַנע מעשטלעך זײַנען שוין אַלט, מײַן קליידל - אויך. סאַמויִל מאַרקאָוויטש האָט מיר געבראַכט צו פֿירן אַ באָרדאָ קאָסטיום (פֿון די אַמעריקאַנער געשאַנקען !). כּדי כ'זאָל אים קענען טראָגן, מוז מען אים אַ ביסל איבערנייען, און צו דעם דאַרף איך געלט ! אויסער דעם האָט ער נאָך געבראַכט גרויע וואָל אויף אַ סוועטער. אויך צו דעם דאַרף מען געלט !

יוליק שפּײַזט זיך אויך שלעכט, ער איז אַנעמיש און שוואַך. אין זײַן בלוט איז בלויז 58% העמאָגלאָבין. נאָרמאַל - איז 70%, אין מײַן בלוט - 65%. דאָס טוט מיר זייער וויי.

איך האָב צו אים אַ סך מיטלײַד, קלער ניט וועגן זיך, בלויז וועגן אים ! אונדז ביידן איז אַזוי שווער, מיר קענען דאָך איינער דעם אַנדערן נישט העלפֿן... די טרויעריקע באַדינגונגען שטערן אונדז לעבן, זיך זעטיקן מיט אונדזער גליק. אין אונדזער נאָנטער פּערספּעקטיוו זעט זיך קיין שום פֿריידיקס נישט פֿאָרויס. עס גייען אַרום עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז עס וועלן אין גיכן אָפּגעשאַפֿן ווערן די סטיפּענדיעס און ס'וועט אײַנגעפֿירט ווערן נישט פֿאַרפֿליכטנדיקע באַזוכן צו די לעקציעס. דאָס הייסט, כ'וועל אומבאַדינגט מוזן אַרבעטן, כּדי זיך פֿאַרזאָרגן דעם מינימום פֿאַר דער עקזיסטענץ !



דער קאַמף פֿאַר מײַן קליינינקן לעבן פֿאַרשאַרפֿט זיך. לײַדנשאַפֿט און קאַמף, גלויבן, ווילן, ענערגיע וועט מיר קלעקן. צי וועלן מיר אויך כּוחות קלעקן ?

יאָ, מאַטעריעלע, ערנסטע זאָרגן, אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען און פֿראַגן. כ'קען מיט קיינעם זיך ניט עצה האַלטן, קיינער קען מיר נישט העלפֿן. אַלץ מוז איך טאָן און דעצידירן אַליין. עס גייט צו נײַ-יאָר. צוזאַמען מיט אַלעמען מוז איך אויך אַ באָקאַל אויפֿהייבן פֿאַר מײַן נײַעם יאָר...

מיטוואָך דעם 18טן יאַנואַר 1945

דאָס לעבן איז רײַך מיט איבערלעבונגען, פּאַסירונגען, פֿרייד, גליק, אַלץ צוזאַמען פֿאַרמישט ! דאָס לעבן פֿאַרשלינגט מיך און ס'בלײַבט שוין קיין מינוט ניט, כּדי אין טאָגבוך אַרײַנקוקן. ס'איז שוין קיין צײַט נישטאָ...

פֿריִער פֿון אַלץ - די סעסיע אין אוניווערסיטעט ! נאָך דעם, ווי כ'האָב אַזוי פֿיל געקרענקט, דורכגעלאָזט מער ווי אַ העלפֿט פֿון די לעקציעס, און די איבעריקע צײַט זיך מער פֿאַרטיפֿט אין לירישע, פּערזענלעכע איבערלעבונגען, ווי שטודירט. דערווײַל - איז אַלץ אין אָרדענונג. כ'אַרבעט אַ סך און כ'דאַרף נאָך מער אַרבעטן. כ'האָף, אַז עס וועט מיר געלינגען. יעדן טאָג בלײַב איך לאַנג אין לייענזאַל פֿון אוניווערסיטעט, אָדער פֿון דער לענין-ביבליאָטעק, און לייען, קאָנספּעקטיר, גרייט זיך.

יוליקן איז געלונגען קריגן אורלויב און פֿאָרן קיין גראָדנע, כּדי זיך זען מיט זײַן פֿאָטער. ער איז גליקלעך און איז שוין אָפּגעפֿאָרן.

פֿאַר מיר איז עס בעסער. כ'קען זיך איצט רויִק גרייטן צו די עקזאַמענס, דערווײַל. כאָטש איך בענק, מוז איך דאָך קלערן וועגן מײַנע פֿליכטן און כ'וועל עס אויספֿירן.

כ'האָב איצט ווידער געהאַט אַן אינטערעסאַנטע געשעעניש, וואָס האָט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט : כ'האָב באַקומען אַ בריוו פֿון יוליקס פֿאָטער, מײַן היימישן לערער, וועלכער האָט מיר אָנגערופֿן

„טאָכטער“ און האָט אויסגעדרוקט זײַן װונטש : איך זאָל חתונה האָבן מיט יוליקן !
איך מוז נאָך לערנען, יוליק פֿאָרט אין גיכן אויפֿן פֿראָנט, דערװײַל קענען מיר זיך נאָך נישט פֿאַרבינדן. דערװײַל דאַרף איך קעמפֿן פֿאַר מײַן עקזיסטענץ, װײַל כ׳בין װידער אָן אַ קאָפּיקע געלט אין צוזאַמען-װױנונג פֿון באַומאַנישן אינסטיטוט. לערנען מוז איך אַ סך און איך שפּײַז זיך זייער שלעכט, װײַל אַלע מײַנע זאַפּאַסן האָב איך שוין פֿאַרברױכט אין די ערשטע טעג. פֿאַר יוליקן האָב איך דאָך שטענדיק צוגעגרייט עסן, װען ער פֿלעגט קומען, װײַל ער איז דאָך אויך הונגעריק געװען.
איצט איז שוין דער 18טער און מײַנע קאַרטלעך אין רעסטאָראַן װעלן מיר קלעקן בלויז אויף נאָך 2 טעג. װאָס װעט זײַן װײַטער ? כ׳דאַרף נאָך האָבן געלט כּדי צו קויפֿן אַ קאַרטל אין רעסטאָראַן. אויפֿן חודש פֿעברואַר האָב איך גענומען אַ קאַרטל אויף טרוקענע שפּײַזן, כּדי עפּעס צוגרייטן פֿאַר יוליקן, װען ער װעט קומען. װאָס װעל איך אָבער עסן אין דער צײַט פֿון מײַן סאַמע אָנגעשטרענגטער אַרבעט ?
אַך, אַ צרה !

פֿרײַטיק דעם 26סטן יאַנואַר
כ׳בין נאָר װאָס געקומען פֿון אַן אָװנט בײַ די חבֿרה פֿון 10טן קאָרפּוס. דרײַ באַקאַנטע סטודענטן, װעלכע שטאַמען פֿון פּוילן, האָבן אײַנגעאָרדנט אַן אָװנט לכּבֿוד דער באַפֿרײַונג פֿון אונדזערע הײמאַטשטעט. איצט רוישט נאָך דער קאָניאַק אין מײַן קאָפּ, אָבער ס׳איז מיר אומעטיק. כ׳בענק שוין נאָך יוליקן ! שוין צװיי װאָכן, װי ער איז ניטאָ. כ׳װאָלט שוין געװאָלט, ער זאָל שוין זײַן צוזאַמען מיט מיר.

מאָנטיק דעם 29סטן יאַנואַר
אָנגעשטרענגטע צײַט פֿון דער ערשטער סעסיע אין אוניװערסיטעט. דערװײַל



איז אַלץ אין אָרדענונג. די װיכטיקסטע עקזאַמענס שטייען אין גיכן פֿאָר. די שטימונג איז אַ גוטע, אַרבעטזאַמע. איך בין שוין 4 מאָנאַטן אָפֿיציעל אַ סטודענטן פֿון אוניװערסיטעט. אָבער צוליב מײַן קראַנקהייט באַזוך איך די לעקציעס צװיי מאָנאַטן, און זײַט דער צײַט האָב איך דערפֿילט דעם טעם פֿון דער לערע ; זיך באַגרענעצט צום פֿאַרשרײַבן די לעקציעס, װאָס כ׳האָב געהערט, אויסגעפֿילט די שריפֿטלעכע אַרבעטן פֿון דײַטש און לאַטיין, זיך טיילװײַז געגרייט צום סעמינאַר פֿון מאַרקסיזם-לעניניזם. איצט איז דער אָביעקט גאַנץ װײַט... כ׳גלייב אַז די איצטיקע סעסיע װעט פֿאַר מיר זײַן אַ גוטער אָנהייב. כ׳װעל ערנסט לערנען, ניט בלויז כּדי צו קריגן אַן „אויסגעצייכנט“, נאָר דערפֿאַר װאָס כ׳האָב שוין דערפֿילט דעם טעם פֿון דער לערע ! מײַן מוח פֿאַרבינדט אײדעלע נערװן-פֿעדים אין מײַנע געדאַנקען און מאַכט רעפֿלעקסן.
מײַן ליבע צו יוליקן ברענט נאָך העל און זודיק. װאָס באַדײַטן זײַנע װערטער װעגן צוקונפֿטיקן צוזאַמענלעבן, װאָס באַדײַט זײַן פֿאָטערס פֿאָרשלאָג ? איך שטרעב אייגנטלעך צו דעם, אָבער דערװײַל איז עס נאָך אַלץ נישט רעאַל... ערשטנס איז איצט נאָך אַלץ די מלחמה און ער פֿאָרט אין גיכן אויפֿן פֿראָנט. ער טרוימט נאָך אויך װעגן פֿאָרזעצן זײַן שטודיום ! ער איז שוין איצט אַלט 24 יאָר. ער װעט זיך אומקערן אפֿשר אין אַ יאָר, אָדער 2 יאָר אַרום ! צי קען מען אין אַזאַ עלטער שטודירן און זיצן אויף די פּלייצעס פֿון פֿאָטער ? צי קען מען דאַן קלערן װעגן אונדזער זעלבשטענדיקן פֿאַמיליע-לעבן ? אַזױ צי אַזױ מוז איך װײַטער שלעפּן דעם שװערן יאָך פֿון זאָרגן פֿאַר מײַן עקזיסטענץ. קיין מאַטעריעלע הילף האָב איך נאָך נישט געפֿונען, װי אַזױ עס פֿאָרויסזען ? ביז אַהער האָב איך זיך אַליין געמאַטערט... איצט מאַטער איך זיך כּדי פֿון זיך אָפּשפּאָרן און אים כאָטש אַ קליין ביסל פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿן, װײַל ער איז פֿאַר מיר אַלץ אין דער װעלט ! אָבער װאָס שייך מײַן שטודיום, װאָס געהערט צו מײַן אינטעלעקטועלער אַנטװיקלונג, טאָר ער מיר קיין מאָל ניט שטערן ! איך

מוז זיך אַליין מער אין די הענט האַלטן, באַהערשן מײַן געפֿיל און האַנדלען ניט ווי אַ לײַכטזיניק, צעפּיעשטשעט קינד, נאָר ווי אַ דערוואַקסענע. צי דען וואַרפֿט מיר דאָס לעבן ניט אויף צעבושעוועטע כוואַליעס, אויף פֿעלדזן, אין אָפּגרונטן ? דער קאַמף פֿאַרן אַרײַנטריט אין אוניווערסיטעט, דאָס וואַלגערן זיך אין אַ צוזאַמען-וווינונג, שטענדיקער מאַנגל אין געלט, געפֿיל פֿון הונגער און נויט, דערצו נאָך אַזאַ שווערע קראַנקהייט ווי נאָך דעם אומגליקספֿאַל. דאָס אַלץ האָט פֿאַרדעקט מײַן געפֿיל. אפֿשר איז בעסער, וואָס כ'בין אין אַזעלכע שווערע מינוטן געווען בלינד. אויפֿן מעדיצינישן לשון הייסט עס : „אַ שטאַרקער נאַרקאָז“. אָבער איצט איז עס דאָך שוין געגנוג. אַ טייל געפֿאַרן האָבן זיך שוין אויסגעמיטן. איצט מוז איך געזונט ווערן. בלויז איך אַליין ווייס, ווי טיף כ'בין אַוועק אין אַ זײַט פֿון מײַן הויפּטליניע, ווי טיף כ'האָב געבלאָנדזשעט. איצט - צוריק, צוריק צום ריכטיקן וועג ! וואָס שנעלער - אַלץ בעסער ! ווײַל איך מוז דאָך דעריאָגן, געפֿינען דאָס, וואָס כ'האָב פֿאַרלאָרן, דערזען די רעזולטאַטן.

מאָנטיק דעם 5טן פֿעברואַר, 7 אָוונט

ס'איז שווער, זייער שווער אויפֿן געמיט. ס'איז אפֿשר אינטערעסאַנט שטענדיק צו קעמפֿן, אײַלן, שטורעמען פֿעסטונגען, וואָס וואַקסן כּסדר אויס אויפֿן וועג. געוויס איז פֿאַראַן אַ היפּש ביסל פּאָעזיע אין געפֿיל פֿון לײַדן. זייער עסטעטיש און אָריגינעל איז אַ שטעכיקער דערנערקראַנץ אויפֿן קאָפּ, אָבער... צי דען איז עס ניט אַ מיטל, כּדי צו באַרויִקן זיך אַליין, זיך אָפּנאַרן, זיך טרייסטן און צופֿרידנשטעלן מיט דער גרויער, נודנער און שווערערווירקלעכקייט ? ווּ איז פֿרייד פֿאַר מיר ? צי האָב איך דען קיין רעכט נישט, ווי אַלע איבעריקע, אויף רו און נאָרמאַלן שטייגער-לעבן ? אויך איך וויל עסן ווי אַלע אַנדערע ! זיך אָנטאָן, ניט האָבן אַזעלכע שווערע, דערדריקנדיקע זאָרגן, זיך קענען דערלויבן גיין אין טעאַטער, א.אַ.וו.

איך לייען מײַנע לעצטע ווערטער און איך רויטל זיך. אויף די טעמעס האָב



איך מיט קיינעם נישט גערעדט, כ'האָב אויך קיין מאָל קיינעם זיך נישט באַקלאָגט... פֿאַרקערט - כ'באַהאַלט עס פֿון וועמעס ניט-איז אויג. צום ערשטן מאָל זע איך מײַן געדאַנק אויפֿן פּאַפּיר און כ'האָב אינערלעך מורא, אַז ער איז שוין ניט מײַנער. יאָ, איך קאָן דאָך אָבער ניט ( ניט קלערן), איך קאָן דאָך ניט באַהאַלטן און פֿאַרשטיקן מײַנע געדאַנקען און געפֿילן.

שטענדיקע זאָרג וועגן מאָגן, וועלכער ווערט ניט זעלטן גענאַרט, ציטער פֿאַרן „היימישן“ ווינקל, זאָרג וועגן יעדער קאָפּעקע, וועגן יעדער שמאַטקע וואָס הייסט מלבוש.

הײַנט איז דער 5טער טאָג פֿון מאָנאַט און איך לעב מיט קאַרטאָפֿל, זאַלץ, ברויט און וואַסער.

דערצו איז איצט די ווינטער-סעסיע און אַרבעטן מוז מען זייער אַ סך. לערן איך צו 12 שעה אין יעדן מעת-לעת און פֿיל, ווי עס גייען מיר אויס די כּוחות. אמת אין גיכן וועל איך קריגן פּראָדוקטן אויף מײַנע קאַרטלעך. אָבער דאָס וועט דאָך זיכער קלעקן בלויז אויף 10-15 טעג ! צווייטנס : ווּ וועל איך נעמען געלט, כּדי אויסקויפֿן די פּראָדוקטן ? כּדי קויפֿן קאַרטאָפֿל און אַנדערע קלייניקייטן ?

אָט ליגט די וואָל און דער באָרדאָ-קאָסטיום, וואָס סאַמויִל מאַרקאָוויטש האָט מיר געבראַכט צו פֿירן און איך האָב ניט קיין געלט, כּדי עפּעס פֿון דעם צו מאַכן. וואָס אָנצוטאָן האָב איך ניט. כּדי צו גיין אין טעאַטער דאַרף מען ניט נאָר האָבן געלט אויף אַ בילעט (אַ פֿערטחלק פֿון דער סטיפּענדיע, וואָס דאַרף קלעקן אויף אַלץ אויף אַ חודש) מען דאַרף אויך האָבן וואָס אָנצוטאָן. ווּ נעמט מען אַ קליידל, מעשטלעך, אַ מאַנטל א.אַ.וו. ? געוויינלעך מאַך איך דעם אָנשטעל, אַז כ'באַמערק נישט מײַן אָרעמקייט, אַז מיר רירט נישט מײַן קליידונג. אָבער צי דען איז מײַן עסטעטישער געפֿיל ווייניקער אַנטוויקלט ווי עמיץ אַנדערשס ? צי בין איך נישט פּונקט אַזאַ מיידל, וואָס האָט ליב זיך געשמאַקפֿול אָנטאָן און אפֿשר זיך מער קאָקעטיש און מיידלש פֿילן ?

ביז אַהער (און אפֿשר ווײַטער) האָב איך געהאָפֿט, זיך גענאַרט, אַז עס וועט אויך יום-טובֿ אויף מײַן גאַס זײַן, אַז אויך איך וועל אַ ביסל רו געפֿינען. אָבער, צי דען זע איך ניט די ווירקלעכקייט ? ווי דער אָקס אין דער סאָכע, שטענדיק אין געשפּאַן. טעג בײַ דער לערע, דאַן שטעכן די זאָרגן און קראַמפּן אין מאָגן. באַלד (זײַט צוויי וואָכן) וועט זיך ענדיקן די סעסיע און כ'מוז ווידער קלערן וועגן דעם, ווי אַזוי צו שטעמפּלען די פּראָדוקטן-קאַרטלעך אויפֿן צווייטן חודש, דאַן מוז איך אָנהייבן אַ קאַמף פֿאַר אַ צוזאַמען-וווינונג. איצו ווו נעמט מען געלט ?

ביז ווען וועל איך זיך מאַטערן ? ביז ווען ? ווי אַזוי זאָל איך פֿאַרבעסערן מײַן לאַגע, ווו איז דער אויסוועג ? אַרום מיר אַ גרויער ים לײַדן און זאָרגן. איבער מיר - אַ קאַלטער, פֿאַרשלאָסענער, מיט געדיכטע, שוואַרצע וואָלקנס פֿאַרצויגענער הימל. קיין איין ליכטיקער שטראַל ניט, קיין פֿונק פֿון האָפֿענונג. אייביקער, אייביקער וואָגלער און בעטלער !

ווי שווער !

**שבת דעם 10טן פֿעברואַר 1945 יאָר 6 פֿאַרנאַכט**

ס'איז שווער צו לײַדן נויט, שווער צו קעמפֿן, אָבער נאָך שווערער - זיך אַנטוישן. ס'איז שווער און ווייטאָקפֿול צו פֿאַרלירן דעם גלויבן אין די אייגענע כּוחות, אָנצוווערן די אַכטונג צו זיך אַליין. אָט טרוימט זיך אַ מאָל... פֿילפֿאַרביקע זײַפֿנבלאָזנס [... - ס'פֿעלט אַ שטיקל] אַרויס די פֿאַנטאַזיע, מאַרמאָרנע לופֿטשלעסער בויט דער קרענקלעכער גלויבן [...] - און ס'דוכט זיך, אַז ס'איז לײַכטער צו קעמפֿן, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ ציל, [...]ז דאָך נאָנט... און די פֿאַררעטערישע האָפֿענונג נאַרט ווי שטענדיק און פּלוצלונג - אַ שרעקלעכער שטויס פֿון דער ווירקלעכקייט, וואָס צעטרייסלט דאָס גאַנצע וועזן, אַ מאָראַלישע ערדציטערניש. און ס'דאַכט זיך, אַז דער באָדן פֿאַרשווינדט פֿון אונטער די פֿיס, אַז דער קאָפּ דרייט זיך און ס'ווילט זיך וויינען...



איך בלאָנדזשע. איך זוך. מיר דוכט זיך, אַז כ'שטרעב. איך קעמף. די מינדסטע קלייניקייט פֿאַרשאַפֿט זאָרג. כּסדרדיקע שוועריקייטן. דאָך גלויב איך אין זיך. ריכטיקער : כ'האָב ביז אַהער געגלויבט. כ'האָב געגלויבט אין מײַנע פֿעיִקייטן. (צו וואָס האָט מען מיך ווען עס איז געלויבט, צו וואָס גענאַרט ?) כ'האָב געגלויבט אין מײַן ווילן, אין מײַן צוקונפֿט. ביז... כ'האָב זיך ניט אַנטוישט, ביטער, פֿאַרדריסלעך אַנטוישט !

איצט איז די סעסיע. איין עקזאַמען - די געשיכטע פֿון אַלטערטום האָב איך אויסגעהאַלטן אויף „גוט“, און הײַנט די געשיכטע פֿון דער אַנטיקער ליטעראַטור אויף „באַפֿרידיקט“. אָט זײַנען די רעזולטאַטן פֿון אַ האַלב יאָר לערע אין אוניווערסיטעט. צי דען האָב איך זיך אַזוי פֿאָרגעשטעלט מײַן שטודיום אין אוניווערסיטעט ? ווו זײַנען יענע פֿאַרבאָרגענע טרוימען וועגן טיפֿער, ערנסטער לערע, וועגן דעם, ווי איך קער אום די אַלטע גוטע צײַטן פֿון אויסגעצייכנטער רעפּוטאַציע ? יאָ. פֿאַר דער קורצער צײַט פֿון מײַן שטודיום האָב איך פֿיל געקרענקט, דורכגעלאָזט. כ'האָב ווייניק געאַרבעט צוליב מײַן שטורמישער, ערשטער ליבע. אָבער צי דען בלויז די סיבות זײַנען פֿאַראַן ? צי דען קען איך זיך רויִק זאָגן, אַז דאָס וועט זיך מער ניט איבערחזרן, אַז איך ענדיק מיט דעם און הייב אָן אויף דאָס נײַ ?

אָט ווייס איך, אַז כ'וועל ווידער אין משך פֿון יאָר גאָרניט טאָן, ווײַל כ'מוז זוכן אַרבעט, כּדי צו פֿאַרדינען אויף דאָס נייטיקסטע. און אומאָפּהענגיק פֿון דעם, ווי כ'וועל ענדיקן די ערשטע סעסיע מוז איך דאָך קלערן וועגן מײַן מאַטעריעלער פֿאַרזאָרגונג. מוז איך אָנהייבן פֿון זאָרגן וועגן צוזאַמען-וווינונג און וועגן דעם, ווו צו נעמען געלט. אָט פֿאַרמאָג איך איצט בלויז 1 רובל אין קעשענע און מוז קויפֿן קאַרטאָפֿל, ברויט אויף יעדן טאָג, האָבן יעדן טאָג קליינגעלט אויף אַ טראַמווײַ און אויף ענלעכע ענינים פֿון טעגלעכן געברויך. די סטיפּענדיע וועל איך דאָך אָבער קריגן בלויז סוף חודש ! אַלע ביז איצטיקע פֿאָנדן האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט, איך מוז אַרבעטן. יאָ, דאָס איז מיר גאַנץ קלאָר. ווי און ווו כ'וועל זיך אײַנאָרדענען איז מיר

איצט נאָך ניט באַוווּסט, אָבער דאָס וועט געוויס זײַן די זאָרג פֿון מײַנע פֿעריען, ווײַל אַנדערש קען איך דאָך בכלל ניט עקזיסטירן !

וואָס וועט זײַן מיט מײַן שטודיום ? ווי אַ פֿאַרשכּורנדיקער אָפּיום-רויך פֿאַרשווינדן אַלע מײַנע טרוימען, אַלע פּלענער. אַדיע ! איך פֿיל, אַז איך האָב פֿאַרשפּילט דעם קאַמף, אַז אומזיסט איז מײַן מי. ווי לעכערלעך זע איך אויס אין די אייגענע אויגן ! ווי קאָמיש איז בלויז דער פֿאַקט, וואָס איך האָב ביז אַהער געגלויבט אין זיך, אין מײַן צוקונפֿט ! פֿעיִקייטן ! ווי נאַריש. צי קען מען בלויז מיט דורכשניטלעכע פֿעיִקייטן, ווי מײַנע, אָן אָנגעשטרענגטער, סיסטעמאַטישער אַרבעט, עפּעס דערגרייכן ? ניין ! מען מוז ערנסט אָנגעשטרענגט, סיסטעמאַטיש, פֿלײַסיק אַרבעטן. ביז אַהער האָב איך עס ניט געטאָן. געוויס זײַנען פֿאַראַן אָביעקטיווע סיבות דערצו, אָבער אויך מײַן גרויסע שולד.

מען טאָר ניט צו פֿיל דעם קאָפּ פֿאַרלירן, אַפֿילו דאַן, ווען מ'איז זייער שטאַרק פֿאַרליבט. איך האָב דעם קאָפּ פֿאַרלאָרן, מיר האָט ווילן ניט געקלעקט מײַן שוואַכקייט (?) צו באַזיגן. בײַ זײַן אָנוועזנהייט און אָפּוועזנהייט, אַלץ איינס קלער ..........ז (עס פֿעלט אַ שטיקל) וועגן אים, רוף אַרויס זײַן בילד אין געדאַנק, בענק... אַפֿילו איצט, אין צײַט פֿון דער סעסיע, ווען יעדע מינוט איז טײַער, האָב איך שעהען-ווײַז געקעמפֿט מיט זיך כּדי די געדאַנקען אויף דער לערע צו ווענדן און וועגן אים און זײַן צוריקקער ניט קלערן. פֿאַר וואָס בין איך אַזוי שוואַך ? צי דען בין איך ווירקלעך אַזאַ פּוסט באַשעפֿעניש, צי דען האָב איך שוין קיין טראָפּן ווילן ניט ? איך בין דערשלאָגן. שוין באַלד פֿאַרצווייפֿלט. ווי שווער !...

מיטוואָך דעם 14טן פֿעברואַר 1945, 11 אָוונט

טעג גייען פֿאַרבײַ. כ'גרייט זיך צום לעצטן עקזאַמען. מײַן שטייגער-לעבן איז אומנאָרמאַל ווי געוויינלעך. איך עס האַלב אַכט פֿרי און דאַן 8-9 אָוונט. אַ גאַנצן טאָג זיץ איך אין דעם לייענזאַל פֿון דער לענינישער



ביבליאָטעק. כ'לערן. כ'קעמף מיט זיך און מײַנע אייגענע געדאַנקען. ווידער - ער. צי דען האָב איך ניט באַשלאָסן אויסיאָגן אים פֿון מײַנע געדאַנקען ? פֿאַר וואָס האָט ער אַזוי פֿעסט און טיף זיך פֿאַרוואָרצלט אין מײַן געהירן ? זײַט 14 טעג מאַטערט מיך דערוואַרטונג. יעדן אָוונט ציטערט מײַן האַרץ בײַ יעדן קלאַפּ אין טיר, בײַ יעדן מענערישן שטיוול-טראָט. 14 טעג מאַטערט זײַן בילד מיך און לאָזט ניט לערנען. מיט וואָס האָט ער עס פֿאַרדינט ? שטענדיק נעמט ער קאַלט אויף מײַן אויפֿמערקזאַמע, וואַרעמע באַגעגעניש, מײַן אַכטונג. קיין מאָל הער איך קיין עמפּפֿינדלעך, אויפֿמערקזאַם וואָרט ניט, צײַטנווײַז אַן אויסברוך פֿון לײַדנשאַפֿט, וואָס דערוועקט אין מיר נאָך אַ גרעסערע, פֿאַרסמט דאָס לעצטע ביסל שׂכל. דאַן - זײַן לײַכטזיניקע און „פֿריילעכע“ באַציִונג צו יעדער מיידל, אַפֿילו אין מײַן אָנוועזנהייט, אין צימער, וואָס פֿאַרשאַפֿט מיר בייז בלוט. וואָס באַקום איך פֿאַר מײַן אומזיניקער ליבע ? פֿאַר מײַן שגעון, וואָס האָט געבראַכט אַ קרבן - מײַן שטודיום ; מײַנע אַלע נאַיִווע קינדערישע טרוימען, וואָס האָבן מיר כּוחות צוגעגעבן ? געוויס באַציט ער זיך גוט צו מיר. געוויס זײַנען מיר גוטע חבֿרים. דאָס גיט דאָך אָבער קיינעם פֿון אונדז קיין רעכט ניט צו זעטיקן די לײַדנשאַפֿט. איך האָב דאָך אָבער אויך קיין רעכט ניט מקריבֿ צו זײַן מײַן שטודיום !

איז נאָך אַ מאָל נעם איך אָן באַשלוסן. אומזיסט !

אָט זיץ איך אין לייענזאַל. צום עקזאַמען זײַנען געבליבן בלויז צוויי טעג. מאַטעריאַל איז נאָך פֿאַראַן זייער אַ סך. מ'מוז אײַלן. און פּלוצלונג שווימט אַרויס אַ געדאַנק - ער ! איך יאָג אים אַוועק, שטרענג אָן די אויפֿמערקזאַמקייט, כּדי צו באַגרייפֿן די טעאָריע וועגן עסטעטיק און קונסט. ווידער אַ בילד : מיר ליגן צוזאַמען, ער האַלדזט מיך, קושט, דריקט צו בײַם האַרצן... אַ הייסער שטראָם גייט דורך דעם גאַנצן קערפּער, עס ווערט מיר הייס, די ליפּן טרוקן. איך וויל אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין. וואָס טאָן ? פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרביסן נעם איך זיך ווידער צו פּלעכאַנאָווס

ווערק. איך פֿאַרשטיי קיין איינציק וואָרט ניט... ער קומט צו גיין, דערציילט וועגן זײַן געשפּרעך וועגן מיר מיטן פֿאָטער, דאַן מאַכט ער אַן ערנסטן ענדגילטיקן פֿאָרשלאַג... איך גרייט אים צו אַ פֿרידלעכן אָוונטברויט און שטעל אויפֿן טיש, דאָס אַלץ, וואָס כ'באַהאַלט שוין ווירקלעך זייער לאַנג פֿאַר אים... אַ ווילדער כּעס כאַפּט מיך אַרום אויף זיך, אויף אים, אויף דער גאַנצער וועלט. כ'פֿאַרזינק אין נאַרישע טרוימען אין דער צײַט, ווען מ'דאַרף לערנען ! וואָס קלער איך דען ? כ'בין שוואַך, אין גאַנצן צעבראָכן. פֿאַר וואָס קומט ער ניט צו פֿאָרן ? זאָל ער קומען און איך וועל זיך באַרויִקן. כ'וועל אַפֿילו קאַלט אים באַגעגענען, כ'האָב אים שוין אַפֿילו מער ניט ליב ווי די ערשטע צײַט. פֿאַרקערט, איצט האַס איך אים, ווײַל ער האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל לײַד, ווײַל ער איז שולדיק וואָס איך לערן ניט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. און דאָך - קלער איך כּסדר, אָן אויפֿהער, אָן איבעררײַס...

זונטיק דעם 18טן פֿעברואַר, 12.30 בײַ טאָג

נעכטן האָב איך „פֿאַרדינט“ דעם לעצטן „באַפֿרידיקט“. הײַנט האָב איך שוין קאַניקולן. די ערשטע סעסיע האָב איך שוין הינטער זיך. אַן אומגעהײַערע אומצופֿרידנהייט באַהערשט מיך. איין „גוט“ און צוויי „באַפֿרידיקט“ ! ווען האָב איך באַקומען אַזעלכע מיינונגען ? ווען בין איך געווען צווישן די לעצטע ? און דאָס וויכטיקסטע : צוליב וואָס ?

איצט האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פֿון גראָדנע. עטלעכע ווערטער אויף דער גיך אָנגעשריבן, וואָס גיבן צו וויסן, אַז ער וועט קומען סוף פֿעברואַר, ד.ה. מעגלעך נאָך די פֿעריען. און מער גאָרנישט...

ס'איז מיר פּוסט און וויסט אויף דער נשמה. כ'מוז קלערן וועגן פֿיל ווירטשאַפֿטלעכע ענינים, ווידער אײַנאָרדענען מײַן טאָגטעגלעכן שטייגער, כ'האָב אָבער קיין מוט ניט. ס'ווילט זיך אײַנשלאָפֿן, וועגן אַלץ פֿאַרגעסן. ער ווינטשט מיר אויסגעצייכנט אויסהאַלטן די עקזאַמענס. ניט אמת, צו שפּעט געווונטשן ? אינטערעסאַנט, ווי וועט עס ווירקן אויף אים. ער וועט



זיכער זיך אַנטוישן. מיר איז אַלץ איינס. זאָל ער קלערן, וואָס ער וויל, זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל. ער קען אַפֿילו ליבן, אָדער ניט.איך בין אַן אויסגעהוילטער דעמב.

מיטוואָך דעם 28סטן פֿעברואַר, 2 בײַ טאָג

איצט איז דאָס האַרץ באַלד שטיל, כּמעט שטיל. אַ פֿײַנלעכע שטילקייט נאָך אַ שטורעם. דער לעצטער ווינט צופּט נאָך אַ צופֿעליק איבערגעבליבן בלעטל אויפֿן הוילן בוים, נאָך רינען די לעצטע רעגנטראָפּנס, נאָר ווי ס'איז לײַכט פֿאָרויסצוזען, וועט באַלד טויטע שטילקייט הערשן. שאַ, שטיל, ווי אויף אַ בית-הקבֿרות...

אַ רעוואָליוציע אין מײַן לעבן פֿאַר 7 טעג. 7 פֿעריענטעג, וואָס זײַנען ווערט גאַנצע 7 יאָר. „ער“ איז געקומען צו פֿאָרן. זייער פֿרײַנדלעך און העפֿלעך דערציילט וועגן דער רײַזע, וועגן אײַנדרוקן. דאַן, באַוויזן אַרומנעמען און קושן. דעם זעלבן אָוונט שטאַרק געפֿלירטעוועט מיט טאַמאַרען, וואָס האָט זיך אַרויסרופֿעריש אויפֿגעפֿירט. מיט איין וואָרט : אַ פֿאָרזעצונג פֿונעם פֿריִערדיקן, נאָר ס'האָט זיך מיר מער געוואָרפֿן אין די אויגן, ווײַל איך האָב אַזוי פֿיל האָפֿענונגען געלייגט אויף זײַן צוריקקער, ווײַל נאָך דער צײַט פֿון זײַן אָפּוועזנהייט, נאָך מײַנע לײַדן פֿון בענקשאַפֿט, לײַדן צוליב דעם טרויעריקן אויסגאַנג פֿון דער סעסיע, מאַטעריעלע לײַדן, האָב איך דאָך געלעכצט פֿאַרשטענדעניש, וואַרעמקייט, אויפֿמערקזאַמקייט, טרייסט. יאָ. פּלוצלונג איז דאָס טוך פֿון די אויגן אַראָפּגעפֿאַלן און איך האָב דאָס טאָגליכט דערזען ! אַ ראָזעווער טרוים, מיט וועלכן כ'האָב געאָטעמט 5 מאָנאַטן האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפֿנבלאָז. די ווירקלעכקייט האָט זיך אַנטבלויזט אין איר אכזריותדיקער נאַקעטקייט.

צוליב וואָס, צוליב ווען האָב איך מײַנע פּלענער אויף דער צוקונפֿט מיט די אייגענע הענט צעשטערט ? ווו איז פֿאַרשווונדן מײַן אויסדויער, ווילן צו דער אַרבעט ? ווו איז אַהינגעקומען מײַן שטרעבן ? אַלץ האָב איך פֿאַר

אים מקרבֿ געווען. ער האָט עס ניט אָפּגעשאַצט און געפֿלירטעוועט אויף רעכטס און לינקס. ער איז אפֿשר ניט שולדיק און איך באַשולדיק אים ניט. ער איז בלויז אַ געוויינלעכער, ניט פֿילבאַרער מענטש, וואָס האָט אומסימפּאַטישע אָנשויונגען וועגן לעבן. כ׳ווייס אַליין ניט ווי אַזוי דער גורל האָט אונדזערע וועגן אויף אַ געוויסע צײַט געקרײַצט. אין מײַן הונגעריקער נאָך גליק פֿאַנטאַזיע האָט אַ העלער טרוים געפֿלאַטערט, וואָס האָט מיר דיווירקלעכקייט פֿאַרשטעלט. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. מיר איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט מײַן טרוים. פֿיל שווערער ווי מיט אים אַליין. אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל דער טרוים איז געווען מײַן גליק און צי דען איז מעגלעך מיט גליק זיך שיידן ? איך האָב אָבער פֿאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פֿון דער צעשיידונג.

מײַן העפֿלעכער, ערלעכער קורצער בריוו, אָנשטאָט אַ באַזוך מיט אים אין טעאַטער. ער איז געגאַנגען מיט טאַמאַרען און זיך אומגעקערט איבערנעכטיקן. ווי ס׳ווײַזט אויס דערפֿאַר, ווײַל ער האָט איר אָפּגעפֿירט אַהיים. נאָך פֿריִער האָט ער איבערגעלאָזט אַ בריוו, אין וועלכן ער ענטפֿערט זייער העפֿלעך, וואַרעם און טאַקטיש.

האָט געבראַכט אייניקע קלייניקייטן פֿון גראָדנע אַ מתּנה פֿון פֿאָטער און פֿון אים אַליין. ער פֿירט זיך איבערהויפּט זייער טאַקטיש אין מײַן אָנוועזנהייט און זייער אַנדערש אין געניעס געזעלשאַפֿט (לויט געניעס דערציילונג, וועלכער כ׳קען מיט געוויסער קאָרריגירונג גלייבן, ווײַל זי איז זייער צופֿרידן פֿון דעם פֿאַל און שטאַרק גענייגט צו אַ פֿלירט).

ער לייגט געניען פֿאָר זיך טרעפֿן, זי איז מיט דעם זייער צופֿרידן.

די ערשטע פֿאָר טעג איז מיר זייער, זייער שווער געווען. איצט איז מיר פֿיל לײַכטער. דאַכט זיך, אַז ער איז מיר איבערהויפּט גלײַכגילטיק. איך קלער בכלל ווייניק וועגן אים. אָט הייבט זיך אָן מאָרגן דער צווייטער סעמעסטער. ווידער יעדן טאָג אין אוניווערסיטעט, נאָר ווי אַנדערש, ווי פֿריִער ! פֿריִער פֿלעג איך פֿאָרן, ווײַל אַזוי האָט געפֿאָדערט די פֿליכט. אָפּט



אויף די לעקציעס געקלערט וועגן אים און געטרוימט וועגן דעם, צי ער וועט אָוונטצײַט קומען. איצט איז מיר לײַכטער. מאָרגן גיי איך מיט אַ ריינעם געדאַנק אין אוניווערסיטעט. ערשט איצט דערמאָן איך זיך אין דעם ענטוזיאַזם מיט וועלכן כ׳בין אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, מײַנע פּלענער. איך רייטל זיך. ווי האָב איך געקענט דאָס אַלץ פֿאַרגעסן ? כ׳דערמאָן זיך אָן דעם בריוו, וואָס ס׳האָט מיר אָנגעשריבן אירינע וואַסילעוונע ; זי זעט פֿאָרויס מײַנע דערפֿאָלגן, וווּהין ס׳וועט מיר דערפֿירן מײַן אַרבעט, אויסדויער און ווילן. ווי טיף זי איז גענאַרט ! אָבער מער פֿון אַלעמען בין גענאַרט איך אַליין. כ׳האָב קיין חרטה ניט אויף דעם פֿאַרגאַנגענעם, ווײַל כ׳בין גליקלעך געווען און געליבט. כ׳האָב אָבער אַ סך, אַ סך פֿאַרלאָרן. און ווײַל די רײַכע און שטורמיש דורכגעלעבטע ערשטע הייסע ליבע געהערט שוין צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, דאַרף מען איצט די צײַט דעריאָגן, לערנען, לערנען. ווי אַלץ איז אינטערעסאַנט און טיף האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איבערצײַגן בעת דער סעסיע. איצט דאַרף מען בלויז פּרינציפּיעל זײַן אין באַשלוסן און אויספֿילן דאָס, וואָס כ׳האָב באַשלאָסן.

אַ צושטאַנד ווען ס׳הערשט דעפּרעסיע און מ׳דאַרף צונויפֿקלײַבן רעשטלעך פֿון כּוחות, כּדי צונויפֿשטעלן די גלײַכגעוויכט. אַ לאָטאָס-בלאַט וואָלט פֿריִער פֿון אַלץ געהאָלפֿן. כאָטש - צוריקגערעדט איצט איז שוין ניט פֿאַראַן קיין ערנסטע נויטווענדיקייט. ביסלעכווײַז וועט אַלץ פֿאַרגעסן ווערן.און ווידער וועט די וועלט אַרום איר געוויינלעכן אָנבליק אָננעמען. אַלע קעגנשטאַנדן באַקומען נאָרמאַלע פֿאָרמען און קאָלירן, זאַכן רופֿן זיך אָן מיט זייער נאָמען.

מאָנטיק דעם 5טן מערץ, 8 אָוונט

פֿאַרשאָלטן (און אפֿשר געבענטשט ? ווער ווייס...) בין איך פֿון סאַמע געבורט. קיין מאָל קיין אָפּרו, קיין איין מינוט פֿון גײַסטיקער גלײַכגעוויכט. שטענדיק אינערלעכער קאַמף, שטענדיק קעגנזעצלעכע כּוחות, וואָס צערײַסן

די נשמה אויף צווייען. אויך איצט, און אפֿשר מער ווי שטענדיק...
צי דען איז ווייניק גאַל אין מײַן לעצטן ביטערן בעכער ? צי האָב איך דעם דאָזיקן סם נאָך ניט ביז צום גרונט אויסגעטרונקען ?
צי דען איז לײַכט צו טראָגן דעם עול פֿון טיפֿן זומפּ אין דער נשמה, פֿון דעפּרעסיע ? דאָך איז כאָטש דאָס אומבאַדינגט נייטיק מיר, כּדי אַ ביסל אָפּרוען און כּוחות אָנזאַמלען. איך וויל פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן אין גאַנצן, צי איז עס דען לײַכט ? אָבער אויך דאָס איז מיר ניט באַשערט. „ער" לאָזט מיך ניט צו רו. וואָס וויל ער נאָך פֿון מיר ? איצט קומט ער צו גיין, שרײַבט בריוו, אין וועלכע ער שרײַבט, אַז ער איז ניט ווערט מײַן ליבע, אַז איך בין אַ מלאך א.אַ.וו. בעטלט בײַ מיר כאָטש פֿרײַנטשאַפֿט. צוליב וואָס ? וואָס מיינט ער דערמיט ? צו וואָס בין איך אים נייטיק, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט מיך קיין מאָל ניט געליבט, בלויז מיטן שׂכל פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט גליקלעך זײַן מיט מיר ? געניען האָט ער אַפֿילו געזאָגט, אַז ער האָט פּרובירט זיך אײַנרעדן, אַז ער האָט מיך ליב און ס'איז אים ניט געלונגען. וואָס וויל ער איצט ? כ'האָב אים געגעבן פֿרײַע הענט. וואָס דאַרף ער נאָך ? געוויס איז פֿאַרווונדעט זײַן אייגנליבע און שטאָלץ : איך, אַ צוואַנציקיעריק, ניט דערפֿאַרן מיידל, אין וועמען ער איז געווען אַזוי זיכער האָט אים אָפּגעזאָגט. צי דען בלויז צוליב דעם באַמיט ער זיך אַזוי מיך צוריקצוקערן ? אָ, ווי נידעריק ער האַנדלט ! און אפֿשר פֿילט ער די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זײַן אויסגעגאָסענער לײַדנשאַפֿט ? און ווי ער אַליין דריקט זיך אויס , ער וויל, אַז איך זאָל פֿאַרשטיין, אַז ער האָט געהאַנדלט ערלעך שטענדיק ? אָ, ווידער די אייגנליבע ! ער וויל אַרויסגיין מיט אַ ריינעם געוויסן. איך האָב אים קיין מאָל אָבער ניט באַשולדיקט. זאָל ער מיך לאָזן צו רו.

שבת דעם 14טן אַפּריל, 10 אָוונט
ווי לאַנג האָב איך אין טאָגבוך ניט אַרײַנגעקוקט ! שוין מער ווי אַ חודש.



פֿאַר דער צײַט איז פֿיל וואַסער אָפּגעלאָפֿן. יוליק איז אָפּגעפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט. פֿאַרן אָפּפֿאָר האָבן מיר זיך זייער קאַלט געזעגנט, אַפֿילו מער ווי קאַלט. אויפֿן אָוונט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לויט זײַן פֿאָרשלאַג, האָט ער אָפֿן געפֿלירטעוועט מיט טאַמאַרען און האָט זיך בכלל זייער צווייִדײַטיק געפֿירט. איצט איז ער שוין האַלב פֿאַרגעסן. האַלב, ווײַל צײַטנווײַז שווימט ער פֿאָרט אַרויס אין מײַן געדאַנק. ווי שוואַך און נאַריש איך בין !
אויפֿן האַרצן איז וויסט און פּוסט. מאַטעריעל לעב איך זייער, זייער שלעכט. כ'הונגער גוט צו, דערצו פֿעלט נאָך געלט אויף מיטאָג. חובֿות, חובֿות. לערנען לערן איך, אָבער נאָך מיט האַלבע טעמפּאָ, ווײַל ס'פֿעלט אויס כּוחות, ס'ווילט זיך עסן און כ'גיי שלאָפֿן. פֿיל צײַט פֿאַרגייט אין פּוסטע טרוימען. אין אוניווערסיטעט איז מײַן רעפֿעראַט דורך מיט גרויס דערפֿאָלג. פֿון אָנהייב איז עס מיר געווען אָנגענעם, איצט איז מיר אַלץ איינס. אַלץ איינס וועל איך קיין זאַך ניט דערגרייכן בײַ אַזעלכע באַדינגונגען. זאָל זײַן, וואָס עס וויל זײַן.
ס'הייבט זיך אָן אַ פֿלירט מיט אָלעגן.

דינסטיק דעם 24סטן אַפּריל, 8 אָוונט
אומרו רײַסט די נשמה. כ'וויל און כ'ווייס אַליין ניט וואָס. כ'פֿאַרשטיי, אַז כ'דאַרף אַרבעטן און כ'טו גאָרניט. דאָס פֿאַרשאַפֿט אומצופֿרידנקייט. דאָך טו איך ווײַטער גאָרניט. די לעצטע וואָך האָב איך געקרענקט. אַלע זאָגן, אַז כ'זע זייער שלעכט אויס און ווירקלעך, כ'פֿיל זיך זייער שוואַך. דאָס ערגסטע : כ'בין זייער, זייער אָפּגעלאָזן, בין איבערהויפּט ניט אָרגאַניזירט. טעג פֿאַרגייען צופֿעליק, אָן אַ פּלאַן, מיט אַ צופֿעליקן אינהאַלט און צײַטנווײַז אינהאַלטלאָז. מיט וואָס קען מען בלויז דערקלערן אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט, גלײַכגילטיקייט צו אַלץ אין דער וועלט ? ווידער טרוימען, פּוסטע טרוימען וועגן דער צוקונפֿט, ווידער ער און זכרונות פֿון דער נאָנטער פֿאַרגאַנגענהייט.

אָבער דאָס איז איצט „מיעזשדו פּראָטשעם“, עס אַרט מיר ווייניק, ווייַל אַלץ, אַפֿילו די לעצטע פֿאַרגאַנגענהייט איז מיר גלייַכגילטיק. שווער צו לעבן אָן אַ ציל ! און אַזוי לעב איך איצט. מיך טרייַבט פֿון איין אָרט צום אַנדערן. אָט צ.ב. וואָס האָב איך הייַנט געטאָן ? אויפֿגעשטאַנען 8 אַ זייגער. געניע האָט ביַי מיר גענעכטיקט. כ'האָב אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגע, אויפֿגערוימט אין שטוב און אַוועקגעפֿאָרן צו 11 אַ זייגער אין אוניווערסיטעט. פֿון די צוויי שעה „סאַניטאַריע“ בין איך געווען נאָר אויף איין שעה. דערנאָך אין עסצימער. געשטאַנען אין דער ריי נאָך דער סטיפּענדיע. אַ ביסל, זייער ווייניק געלייענט דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע“. פּלוצלונג האָט מיך אַ צי געטאָן אַהיים. כ'בין געקומען צו פֿאָרן. פּלוצלונג איז מיר אייַנגעפֿאַלן צו באַקן לאַטקעס פֿון דער מעל, וואָס כ'האָב נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן. כ'האָב גענומען באַקן, האָב גלייַך אויפֿגעהערט, ווייַל מיר האָבן דערעסן די לאַטקעס (כאָטש עסן וויל איך). איצט וועל איך ווייַזט אויס זיך לייגן שלאָפֿן, כאָטש כ'וויל אַבסאָליוט ניט. וואָס טאָן ? ווי זאָל איך געפֿינען אַ מיטל, כּדי זיך צו אָרגאַניזירן ? וואָס טאָן מיט זיך ? כ'בין אַזוי שוואַך (סייַ פֿיזיש, סייַ פֿיל מער גייַסטיק), אָן מאַטעריעלע מיטלען צום לעבן, אָפּגעלאָזט, אָן אַ ציל, טרוימעריש צעקראָכן.

שבת דעם 19טן מייַ, 11.30 אָוונט

ס'איז ווידער פֿרידן. ווו זייַנען די אָפּהילכן פֿון 30 קאַנאָנענשאָסן פֿון 1000 האַרמאַטן אין מייַן טאָגבוך ? ווו איז דער שאָטן פֿון די פֿילפֿאַרביקע שנעל אויפֿגייענדיקע און נאָך שנעלער פֿאַרגייענדיקע בוקעטן פֿון ליכטראַקעטן ? ווו איז דער שפּור פֿון יובל, פֿרייד ? דער קריג איז דאָך שוין פֿאַרענדיקט... אין גיכן, גאָר אין גיכן, וועלן זיך צוריק אויפֿשטעלן די משפּחות, מענטשן וועלן באַקומען דאָס, וואָס דער קריג האָט ביַי זיי צוגענומען. און איך ? מיר ברענגט דער פֿרידן קיין זאַך פֿון דעם, וואָס די מלחמה האָט צוגענומען. ווידער מאַנגל אין געלט, חובֿות ביז איבערן קאָפּ. אין גיכן, אין אַ מאָנאַט



אַרום הייבט זיך אָן די סעסיע. כ'בין שלעכט צוגעגרייט, ווי כ'וועל אויסהאַלטן, ווייס איך איבערהויפּט ניט. פֿאַרשטענדלעך אַרבעט איך איצט, אָבער ניט פּראָדוקטיוו, ווייַל כ'פֿיל זיך זייער שלעכט פֿיזיש. כ'גלויב, אַז כ'האָב פֿיל כּוחות פֿאַרלאָרן צוליב דער שלעכטער באַשפּייַזונג. מיר איז אַלץ איינס ווי כ'וועל אויסהאַלטן, אַבי ווי ס'איז ניט איז אויסהאַלטן, כּדי צו באַקומען די סטיפּענדיע. אַלץ איינס האָב איך זיך שוין לאַנג איבערצייַגט, אַז קיין גוטע סטודענטין וועל איך קיין מאָל ניט זייַן. ערשטנס דערפֿאַר, ווייַל כ'בין ניט געוווינט ערנסט צו אַרבעטן און צווייטנס, ווייַל ביַי אַזעלכע באַדינגונגען קען איך ניט לערנען פּראָדוקטיוו.

„ביטיע אָפּריעדיעליאַיעט סאָזנאַניע*“

אין קומענדיקן יאָר וועל איך אומבאַדינגט אַרבעטן.

ווי נאַריש ! דאָס נאַרישע האַרץ וואַרט אומגעדולדיק אויף אַ בריוו, און דער בריוו קומט ניט. פֿאַר וואָס וואַרט איך איבערהויפּט ? צי דען איז אַלץ ניט געענדיקט ? צי דען האָב איך אַליין ניט געענדיקט ? צי האָב איך דען ווייניק פֿאַקטן געהאַט, כּדי זיך איבערצייַגן, אַז כ'דאַרף אויף מייַן האַנדלונג קיין חרטה ניט האָבן ? און דאָך ציטער איך יעדן אָוונט ווען כ'גיי אַהיים אין דערוואַרטונג אויף אַ בריוו. ניין. כ'ווייס זיכער : מ'דאַרף ענדיקן. אַרויסרייַסן מיטן וואָרצל. ווי טיף איז ער פֿאַרפֿלאַנצט ! כ'האָב פֿריִער עס אַליין ניט געוווּסט.

דינסטיק דעם 24סטן יולי, 10 פֿרי

הינטער מיר - דער ערשטער לערניאָר אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. די רעזולטאַטן - ווייַט ניט גענוגנדיקע. 2 „אויסגעצייכנט“, 2 „גוט“, 1 „באַפֿר“. אָבער ניט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. דאָס וויכטיקסטע איז גערעדע דער פֿאַקט, וואָס כ'האָב זיך ניט ערנסט באַצויגן צום שטודיום. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אויסגעקלערט פֿרישע טעאָריעס, אַז ניט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין לעבן, אַז כ'בין יונג און דאַרף געניסן א.אַ.וו.

אָבער כ'האָב בלויז זיך אַליין גענאַרט, ווײַל קיין מעגלעכקייטן צום געניסן, אָדער בכלל לײַטיש צו לעבן האָב איך סײַ ווי סײַ ניט און אַלע מײַנע „טעאָריעס" זײַנען בלויז אַ מאַסקע צו מײַן יאוש, צו מײַן שלעכטער שטימונג. און וואָס זע איך איצט ? דאָס יאָר איז אַוועק ליידיק, פּוסט. כ'האָב געבלאָנדזשעט... איצט בין איך פֿרײַ און ס'איז פֿאַראַן צײַט צו קלערן, צו באַזיכטיקן מײַן לאַגע. וואָס ווײַטער ?

Coz dalej, szary czlowieku?*

צי דען דאַרף איך צוליב דעם שטודירן, כּדי ניט פֿאַרמאָגן קיין וויסן און דערנאָך אַרבעטן ערגעץ אין סיביר אָדער הינטער די הרי חושך ? צי דען האָב איך פֿאַרלאָרן מײַן פֿרִיערדיקן אינטערעס צו דער ליטעראַטור, שפּראַך, א.אַ.וו. ? זיכער זײַנען מײַנע באַדינגונגען ניט קיין לײַכטע. אָבער מען טאָר זיך דאָך אַזוי לײַכטזיניק ניט באַצִיִען און אויפֿפֿירן ! צי דען קען איך שוין מער ניט שטרעבן ? צי קען איך זיך ניט פֿאַרמעסטן ? צי דען האָב איך ווירקלעך פֿאַרלאָרן מײַן שטאָלץ און דערלויבט, אַז אַלע זאָלן קענען בעסער ווי איך ?

כ'האָב אַ יאָר צײַט געבלאָנדזשעט. וואָס האָבן מיר געבראַכט אַלע מײַנע טעאָריעס ? צי דען גענוס, פֿרייד, גליק ? נאָך דעם טרויעריקן סוף פֿון מײַן ערשטער ליבע, דאַן ווען אַלע „טעאָריעס" האָבן (כ'גלייב פֿון פֿאַרצווייפֿלונג) גענומען בלִיִען איז קיין שום שפּור געבליבן. ליידיק און פּוסט. מער קיין זאַך ניט. איז מיט וואָס זאָל איך לעבן ? אויף וואָס צײַט פֿאַרשווענדן ? און ווידער וועל איך איבערחזרן די פֿאַראַיאָריקע ווערטער :
„בודושטשִיִי גאָד, ווסיאָ עטאָ פּאָפּראַוויט**"

נאָר צי וועט עס ווירקלעך אַזוי זײַן ? כ'האָב שוין דעם צוטרוי צו זיך אַליין פֿאַרלאָרן. ווי ס'ווײַזט זיך אַרויס בין איך זייער, זייער שוואַך. צי האָט מיר דען דאָס לעבן אַזוי פֿרי צעבראָכן ?

כ'קלײַב זיך פֿאָרן קיין קאַראַקולינאָ אויף אָפּרו. דאָרט וועט זײַן אַ סך צײַט און ווייניק זאָרגן, וועט מען קענען אפֿשר עפּעס צוטראַכטן.



כּדי כ'זאָל נישט בלײַבן איינע אַליין אין דער צוזאַמען-וווינונג פֿון אינסטיטוט און אין שלעכטע באַדינגונגען, האָט מײַן האַרציקע חבֿרטע מײַקע מיך מיטגענומען צו זיך אַהיים קיין אוקראַיִנע ! זייער וווינונג איז איצט אין שטעטל ניעזשין, ווו אירע עלטערן זײַנען פּראָפֿעסאָרן אין אוניווערסיטעט. פֿאַר דער מלחמה האָבן זיי געוווינט אין קִיִעוו, אָבער בעת דער מלחמה זײַנען זיי געווען אין אילאָוווטקע, נישט ווײַט פֿון סטאַלינגראַד. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים קיין קִיִעוו, איז זייער וווינונג שוין געווען אָקופּירט... אָבער די וווינונג איז אויך אַ שיינע. אין דעם שטעטל קריגט מען אַ סך גוטע פּראָדוקטן, אַפֿילו פֿרוכטן. איך האָב דאָך געבראַכט מײַנע ברויט- און שפּײַז-קאַרטלעך און עס געגעבן מײַקען. איר מוטער מאַכט אונדז איצט וווּנדערבאַרע עסנוואַרגן !

מײַקע האָט דאָך אירע עלטערן שוין געהאַט דערציילט מײַן אָפּשטאַם, דעם טויט פֿון מײַן משפּחה, אַפֿילו מײַן לעצטן אַקצידענט, אַלזאָ זיי באַהאַנדלען מיך זייער האַרציק ! זיי האָבן מיר שוין געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטן פֿאַר מײַן יִדיש-קענטעניש, ווײַל זיי זײַנען דאָך די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע געווען פּראָפֿעסאָרן אין די יִדישע שולן ! ליידער האָט מען די יִדישע שולן געשלאָסן אין יאָר 1936 און זיי באַדויערן עס זייער. איצט זײַנען זיי פּראָפֿעסאָרן אין אוקראַיִנישע און רוסישע שולן. דער פֿאָטער - פּראָפֿעסאָר פֿון מאַטעמאַטיק, די מוטער - פֿון געשיכטע. היות אין קִיִעוו איז נאָך פֿאַראַן אַ יִדישע קולטור-אָרגאַניזאַציע, וועלכע ס'האָבן געשאַפֿן די געוועזענע יִדישע שרײַבער און פּראָפֿעסאָרן, האָבן זיי אַפֿילו מײַקען צוגערעדט, מיר זאָלן מאַכן אַ וויזיט אין דער אָרגאַניזאַציע. מיר זײַנען טאַקע אַוועק קיין קִיִעוו און מײַקע האָט מיר פֿאָרגעשטעלט די שטאָט : אַ שיינע שטאָט מיט אַ סך הײַזער, שיינע גערטנער און וועלדער. דאָרט האָט מען אַפֿילו באַזעצט דעם באַרימטן יִדישן מיליטער-פֿירער, וועלכער האָט באַזיגט די דײַטשישע אַרמיי אין קוֹיבישעוו.

אין דער יִדישער קולטור-אָרגאַניזאַציע האָבן זיי באַוווּנדערט מײַן יִדישן

לשון, ווײַל דאָ זײַנען איצט פֿאַראַן ווייניק יוגנט אין מײַן עלטער, וועלכע זאָלן קענען רעדן ווי איך און אַפֿילו קענען די ייִדישע ליטעראַטור... זיי האָבן מיר אַפֿילו פֿאָרגעלייגט לייענען שלום אַשס לעצטע ווערק : „דער מאַן פֿון נצרת“, וועלכע איז לעצטנס דערשינען. זיי האָבן מיר געגעבן דאָס בוך. כ'האָב עס איבערגעלייענט און עס האָט מיך איבעראַשט : מיט וואָס האָט שלום אַשן איצט אינטערעסירט די פּערזאָן פֿון יעזוסן ? ער האָט געוואָלט ווערן אַ משיח און האָבן אַ גורל ווי דער רבונו של עולם...



## דערקלערונגען

ז' 55 : נאַרקאָמפּראָס – בילדונגס־אָפּטיילונג

ז' 62 : „לענאַ, גיי ווײַטער אָן מיט דײַן שעפֿעריש לעבן, הער זיך צו צו די עצות פֿון דײַנע חבֿרים.“

ז' 83 : ס'בענקט זיך מיר כ'ווייס ניט וואָס...

ז' 98 : (זע אונטן ז' 103)

ז' 100 : פֿרײַע איבערזעצונג אויף פּויליש פֿון תּהלים קל"ז („אויב איך פֿאַרגעס דיך, ירושלים...“ פֿונעם פּאָעט יוליוש סלאָוואַצקי

ז' 108 : – „דאָס לעבן איז זייער קאָמפּליצירט, אמת, מיטיאַ ?“ „יאָ, נאָר מיר האָבן פֿאַר אים נישט קיין מורא !“

– „מיר האָבן נישט קיין מורא פֿאַרן לעבן !“

ז' 123 :

שטילערהייט דורך מײַן געמיט
גייט צאַרט־זיסער קלאַנג
קלינג, דו קליינינק פֿרילינגסליד
קלינג העט־העט אין לאַנד.

קלינג, דערקלינג צו אָט דעם הויז
ווו ס'שפּראָצן בלומען
טאָמער זעסטו דאָרט אַ רויז
גריס זי אין מײַן נאָמען.

(הײַנריך הײַנע ; איבערגעזעצט פֿון מרים טרין)

ז' 124 : – אויף דער וועלט איז דאָ אַ מלך : ס'איז אַ מלך אָן אומברחמנותדיקער און זײַן נאָמען איז הונגער

ז' 146 : זאַגאָד־זערנאָ – תּבֿואה־שפּײַכלער

ז' 147 : „דעם שגעון פֿון די בראַווע באַזינגען מיר ! .... איך קען דאָס גליק ! ...
כ'האָב זיך בראַוו געשלאָגן... כ'האָב געזען דעם הימל ! “
–דאָס היימלאַנד איז אין סכּנת־נפֿשות

ז' 151 : נאַרקאָמפּראָס – (זע אויבן, ז' 29)

ז' 168 : מט"ס – מאַשינען־ און טראַקטאָרן־סטאַנציע

ז' 169 : אַווטאָל – מאַשינען־אייל

ז' 183 : רייקאָם – ראַיאָן־קאָמיטעט

ז' 183 : קאָמיונג – קאָמוניסטישע יוגנט

ז' 243 : „דאָס זײַן באַשטימט דאָס באַוווּסטזײַן"

ז' 244 : „וואָס ווײַטער, גרויער מענטש ?"

ז' 244 : „דאָס קומענדיקע יאָר וועט אַלץ בעסער ווערן "



Achevé d'imprimer en avril 1999
sur les presses de
*Grou-Radenez & Associés* - Paris 6ᵉ

N° d'imprimeur : 956046